STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04351

OYF-TSU-KLOYMERSHT

Der Tunkeler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער טונקעלער.

איך־צו־בלומרשט.

הומאָרעסקעס.

פארלאג „צענטראל"ווארשא

Printed in Poland

Druk. „GLORIA“ Warszawa, Solna 9.

דער תוכן:

דער טעכניקער 5
ער וויל נישט קיין יובילעאום 17
יאָ חתונה האָבען, נישט חתונה האָבען 25
אין פאָטאָגראַפיע 37
ביים דאָקטאָר 42
נחת פון קינדער 46
אידישיסטען 53
נחת פ'ן א זוהן 68
אַ ווייך־האַרץ 71
אויסשטעהענישען פון א מאַלער 78
דעב ערשטער שניי 87
אייפערזוכט 93

זומער־מעשות

ביים ים 99
דער רוהיגער פענסיאָנאַט 100
מאַלינעס 120
אין פענסיאָנאַט 129
צווישען סצילאַ און כאַריבדאַ 134

מלחמה'דיגס

דער משוגענער מלמד 141
משה'ל 151
א פרנסה 159
איך ווער אַ שפעקוליאַנט 167
אַ גלעזעל טיי 171
צו דער סעודה 177
רעטעכלעך מיט סמעטענע 182
אַ מעשה מיט דאָלארן 187

סתם־זאַכען

וואָלט געווען א קאַפעטשקע, וואָלט געווען גוט, אַלאַ נישט—איז נישט 195
פעטש 201
געמאַכט ס'געשעפט 206
ווי אַזוי מען האָט מיך דערקענט 212

הומאָרעסקען און מאָנאָלאָגען

דער טעכניקער.

(אַ נודעניש אין פֿינף בצוזכן)

ערשטער באַזוך.

די טעג האָט זיך צו מיר „איינגעלאַדעט" אַ יונגערמאַן, אַן עמיגראַנט, וואָס קומט טאָג־טעגלעך פון קייגנאיבערדיקן אַכסניה־הויז, טיילט מיר אויס זיין „פּאַרציע נודיעריי" און גייט אַוועק, כדי מסתמא צוצוגרייטן אַ נייע פּאָרציע אויף מאָרגן.

אַ יונגערמאַן, אַזוי אַרום די פערציקער מיט אַ שיטער בערדל, שוויציקן נאָז מיט קורצזיכטיקע אויגן, אין אַ געלב קאַפּעלושל, אַרויפגעזעצט טיף אויפן קאָפּ אַזוי, אַז די אויערן זיינע ווערן אָנגעשפּיצט און סטאַרטשען אָפּ ווי די אויערן פון אַ סאַמאָוואַר. ער רעדט און מאַכט בעת מעשה מיט אַ קרענקלעך־בלאַס הענטל באַוואַקסן מיט שיטערע הערלעך, ווי די האַנט פון אַ קליינשטעטלדיקן זייגערמאַכער.

דעם ערשטן טאָג איז ער געקומען און זיך פאָרגעשטעלט:

— פּנחס פּומפּעדיקעל פון וואָלקאָווישק. אַ מעכאַניק פון דעם וואָרט „מעכאַניזם" כמעט אינזשינער. מעכאַניקער און אינזשינער איז כמעט איינס און דאָסזעלבע. נישטמער מעכאַניקער נעמט זיך פון דעם וואָרט „מעכאַניזם" און אינזשינער איז אַ „אינאָסטראַנע" וואָרט, פון דעם וואָרט „אינזשינעריע".

איך בעט אים זיצן, ער ענטפערט „אַ דאַנק איך קען באַשטיין" און זעצט זיך.

אַ קורצע ווײַלע זיצט ער שטיל. רייסט אויס אַ האָר פון שיטערן בערדל פון אונטער דער געמבע, טראָגט זי צו צום קורצזיכטיקן אויגל און פרעגט מיך:

— זאָגט מיר איך בעט אייך, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגן, איר זענט דאָך אַ שרייבער—גוט, איר זענט אַ קאָפּמענטש, אָבער צי האָט איר אַ ידיעה אין אַ רעדל אויך? איך מיין, צי האָט איר אַ חוש פאַר אַ מאַשין פֿאַר אַ ספּרענזשינע? איך מיין, אַז יעדער מענטש דאַרף האָבן אַ חוש פֿאַר אַ מאַשין, און ליב האָבן אַ מאַשין. און זען טאַקע צו פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן מיט דער הילף פֿון אַ מאַשין — וואָרום אם לאו טאָ וואָס איז דער חלוק צווישן אַ מענטשן און אַ בהמה? אַ מענטש איז נישט קיין בהמה, אַ מענטש טראַכט אויס אַ מאַשין און לעבט מיט אַ מאַשין און מיט טעכניק, דער עיקר טעכניק.

איך בין מיר אַ מענטש פֿון ציוויליזאַציע און האָב שטענדיק געהאַלטן שטאַרק פֿון מאַשינעריע און געלעבט מיט טעכניק.

און דערפֿאַר טאַקע, פֿאַר איך איצט קיין אַמעריקע, ווייל אַמעריקע, ווי איך האָב געהערט איז אַ לאַנד פון מאַשינעס. אַלץ ווערט דאָרט געמאַכט מיט מאַשינעס. דאָס גאַנצע לעבן איז דאָרט פֿול מיט מאַשינעס. דאָרט וווינען די גרעסטע אינזשינערן און מעכאַניקער, ווי למשל עדיסאָן מיט זיין הימלקראַצער און פּראָפּ. איינשטיין מיט זיין דראָטלאָזן טעלעגראַף און מאַקס לינדער מיט זיין ברוקלין־בריק—הכלל אַ לאַנד פֿון בלויז טעכניק. און פֿאַר אַזאַ מענטשן ווי איך איז אַמעריקע טאַקע ווי געבוירן, ווייל פון קינדהייט אָן האָב איך געזוכט דעם שכל פֿון אַ ספּרענזשינע און דעם טעם פֿון אַ רעדל און פֿון אַ ציינדל און פון אַ שרייפֿל. דאָ ביי אונז זאָל אונז צו קיין חרפּה נישט זיין, איז נישטאָ קיין טעכניק און נישט קיין אינזשינעריע. מיר לעבן ווי די באַרבאַרן, ווי די ווילדע. קיינער האָט נישט קיין ברעקל זין פאַר קיין מאַשין.

מיט מיין ערשט ווייב, אונז צו לענגערע יאָר, האָב איך אויך שטענדיק געלעבט מיט טעכניק. זי האָט ביי מיר נישט אַריינגעטון קיין פינגער אין קאַלט וואַסער. אַלץ מאַשינעס. די גאַנצע קיך איז ביי מיר געווען פול מיט מאַשינדלעך, המצאות, איינפֿאַלן, ערפֿינדונגען. אויף יעדער זאַך אַ מאַשינקע. אַ טשוק—און פֿאַרטיק! אויף שיילן קאַרטאָפל — נאַ דיר אַ מאַשינקע. און

מיט אַ מאַשינקע, דאַרפֿט איר ווי:סן זיין, אַז מען שיילט קאַרטאָפּל, זעט גאָר דער קאַרטאָפּל אַנדערש אויס, און דאָס שאָלעכץ אַנדערש. דאָס שאָלעכץ איז אומעטום גלייך. נישט דינער נישט גרעבער און עס רייסט נישט קיין שטיקער קאַרטאָפּל און עס איז עקאָנאָמישער. אַלע טאָג פֿלעג איך איר ברענגען מאַשינקעס, אַ מאַשינקע צו בראָקן לאָקשן. אַ מאַשינקע זאָג איך אייך אַ בחירה! מיט אַזאַ מעכאַניזמוס, וואָס מען קען עס אָנשטעלן ווי מען וויל, וועלכע לאָקשן איר ווילט: לאַנגע לאָקשן, קורצע לאָקשן, גראָבע לאָקשן, געהאַקטע לאָקשן,ברייטע לאָקשן, גראָב-קורצע און דינע-לאַנגע אָדער דינע-קורצע און לאַנגברייטע, געדרייטע ווי מאַקאַראָנען, און פּלאַטשיקע. הכּלל, וועלכע לאָקשן אירווילט נאָר הערן און געדענקן. און אָט אַזוי אָ, פֿלעג איך איר פֿאַרשאַפֿן כּל-ערליי מאַשינקעס: צום שאַטקעווען קרויט, צום שלאָגן ווייסל פֿון אייער און געלכלעך פֿון אייער און פּראָשקעס אַלערליי מיט פֿעטנס מיט זייפֿן, מיט מאַשטשן, מיט פּאַסטעס צו שייערן כּלים, צו ליטעווען געפֿעס, דראָטעווען טעפּ, קאָכן וועש. היינט אַ מאַשינדל צו פּרובי:רן מילך: שטעלט אָן די מאַשינקע און דו זעסט באַשיינפּערלעך, וויפּיל מילך איז אין דער מילך און וויפּיל וואַסער. אוו נאָך און נאָך מאַשינקעס: צו שלאָגן פּוטער, רייבן חריין, מאַכן גאָמולקעס, און אַ טאַקסאָמעטער אַזאַ צו מעסטן די צייט פֿון אייער קאָכן: דהיינו אויף גאַנץ-שיטער, האַלב-שיטער, שיטערלעך, אַ ביסל שיטער, אויף שטייף, שטייפֿער, האַלב-שטייף, האַרט, האַרטלעך, און נאָך האַרטער און אַזוי האַרט, כאָטש נעם און שיס דערמיט פֿון אַ האַרמאַט אַז מען זאָל דאָס איי קענען נעמען צידה לדרך אין וועג אַריין כאָטש קיין אויסטראַליע. און מאַשינקעס אַזעלכע צו בראָקן דאָס איי אויף גלייכע טאָלערלעך צו לייגן אין קלאָפּס אַריין; אַ מאַשינקע צו האַקן קאָטלעטן, האַקן לעבער. קורץ איך פֿלעג איר האַלטן אין איין ברענגען מאַשינקעס, אַבי זי זאָל זיך פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן. זאָל זי ניט דאַרפֿן אַרבעטן אַזוי פֿיל. וואָרום אַ פֿערד אַרבעט, אַ מענטש מאַכט עס אַלץ מיט אַ מאַשינקע, טשוק! — און פֿאַרטיק!.. נו — נו, האָב איך איר אָבער

אַזוי גרינג געמאַכט דאָס לעבן, ביז זי האָט גענומען אויסגיין ווי אַ ליכט. איך ברענג איר אַ מאַשינקע און זי צאַנקט. נע־בעך זיך ניט געקענט אַן עצה געבן מיט די אַלע מכשירים, ניט געהאַט קיין געפיל פאַר אַ רעדל, פאַר אַ מאַשין און ניט פאַר קיין המצאה. נו האָט זי נעבעך געטליעט, איינגעגאַנגען, ביז זי האָט אויסגעהויכט די נשמה.

מנע, פאַר הייטיקס מאָל גענוג. האָט אויף מיר קיין פאַר־איבל ניט מאָרגן אי״ה וועלן מיר זיך ווידער זען. אַדיע.

צווייטער באַזוך.

אויף מאָרגן איז דאָס יידל ווידער געקומען. ער האָט זיך באַגריסט אַרויסגענומען זיין פּאָרטסיגאַרל, אויפגעעפנט, מכבד געווען מיך מיט אַ פּאַפּיראָס, און געמאַכט דערביי אַ כיטרע שמייכעלע, פאַרזשמורנדיק אַן אויגל. איך האָב אַריינגעלייגט מיינע פינגער אין פּאָרטסיגאַרל און געוואָלט נעמען אַ פּאַפּיראָס, נאָר דער פּאָרטסיגאַר איז געווען ליידיק. ער האָט זיך צולאַכט.

— כי, כי, כי!.. ניטאָ קיין פּאַפּיראָסן. איר מיינט אודאי אַז עס איז נישטאָ? האָט איר אַ טעות. באַלד וועט יאָ זיין.

ער האָט אַן עפן געטאָן דאָס פּאָרטסיגאַרל פון אַ צווייטער זייט, און עס האָבן זיך באַוויזן פּאַפּיראָסן.

כי, כי, כי — האָט ער אָנגעקוואָלן מיט גרויס נחת — אָט אַזאַ פּאָרטסיגאַר איז עס; מיט אַ המצאה מיט אַקונץ. איך האָב ליב, אַז אַלץ זאָל מיר זיין מיט אַ שפּיצל, ניט סתם אַזוי. איך האָב ליב עס זאָל שמעקן מיט טעכניק. אָט האָט איר מיין פּאָרטסיגאַרל, עפנט איר פון דער זייט, איז נישטאָ קיין פּאַפּי־ראָסן, עפנט איר פון דער צווייטער זייט, איז פאַראַן פּאַפּיראָסן. פאַר זיך האָט איר און פאַר יענעם — נישט. כי, כי, כי... נאָר פאַר אייך איז יאָ פאַראַן. שייך זאָגן. ביטע!

ער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס זיך אויך גענומען אַ פּאַפּיראָס. איך האָב אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און גע־וואָלט געבן צו פאַרויכערן, נאָר מיין פאַרשוין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי איך וואָלט אים אָפּגעבריט מיט זודיק וואַסער.

— אַ שוועבעלע גאָר? פֿע! מיט אַ שוועבעלע פֿאַרויכערן? וואָס זענען מיר עפּעס אַזיאַטן, באַרבאַרן? און אויף וואָס האָט מען אויסגעטראַכט אַ צינד-מאַשינקע? אַ שוועבעלע גאָר! און וווּ איז ציוויליזאַציע? און וווּ איז טעכניק?

ער נעמט אַרויס פֿון וועסטל-טאַש אַ מאַשינקעלע און נעמט רויכערן.

— פֿאַרשטייט איר מיך, איך אַלס מענטש פֿון טעכניק, כמעט אינזשיניער, וועל זיך נישט באַנוצן מיט קיין אַלטמאָדישע שוועבעלעך, מיט דעם רייבעניש, שלעפּן מיט זיך אַ האָלצערנע שאַכטל. אין קעשענע ביי מיר איז דאָ אַ צינד-מאַשינקע, צו יעדער צייט גרייט, שטענדיק אין דער אַרבעט, ווילסט פֿייער — טשיק! און פֿאַרטיק.

ער רייבט די מאַשינקע, זי וויל זיך נישט אָנצונדן.

— פֿאַרשטייט איר מיך, — האָט ער ווייטער גערעדט — שוועבעלעך קענען נאָך אַמאָל פֿאַרנעצן, אַ האָלצערן שוועבעלע האָט אַ טבע זיך צו צוברעכן, אָדער די סערקע אויפֿן שאַכטל רייבט זיך אָפּ און דאַן מעגט איר רייבן דאָס שוועבעלע פֿון היינט ביז מאָרגן... אַ צינד-מאַשינקע איז גאָר עפּעס אַנדערש. עס איז ציוויליזאַציע, קולטור טשיק — און פֿאַרטיק!

די מאַשינקע וויל זיך בשום אופן נישט אָנרייבן.

— אַ שוועבעלע! שוועבעלעך זענען שוין לאַנג אַרויס פֿון דער מאָדע — אַ ציוויליזירט לאַנד ווייס נישט פֿון קיין שוועבעלעך. אַמעריקע ווייס שוין מסתמא לאַנג נישט פֿון קיין שוועבעלעך. אַ שוועבעלע שטינקט מיט זויער-שוועבל. עס שיסט, עס קאָן נאָך חלילה טרעפֿן ווּעמען אין אויג, עס קען זיך נאָך אָנכאַפּן דאָס גאַנצע שאַכטל מיט שוועבעלעך און ברענגען אַן עקספּלאָזיע. וואָס דאַרף איך דאָס אַלץ האָבן, אַז איך האָב אַזאַ זיכערע זאַך ווי אַ צינד-מאַשינקע — טשיק! און פֿאַרטיק... (עס צינדט זיך נאָך אַלץ נישט אָן).

— קאַליע געוואָרן — מאַכט ער מיט אַ טאָן פֿון רעזיגנאַציע. (ער נעמט ביי מיר די שוועבעלעך פֿון האַנט, צינדט אָן זיין מאַשינקע און פֿאַררויכערט).

— דאַנק... יאָ... כ'מיין, אַז אַ מענטש פֿון ציוויליזאַציע מוז האָבן אַ זין פֿאַר אַ מאַשינקע, פֿאַר אַ רעדל, פֿאַר אַ ספּרענזשינקע, מחמת עס פֿאַרגרינגערט דאָס לעבן. מיין צווייט ווייב האָב איך קיינמאָל נישט געלאָזט באַנוצן דאָס אָפּגע־לעבטע מיטל — שוועבעלעך. שטענדיק איר געצוווּנגען צו באַנוצן זיך מיט מאַשינקעס... נאָר געהאַט מיט איר צו טון... אין אַמע־ריקע, מסתמא, ווייס מען שוין לאַנג נישט פֿון קיין שוועבעלעך. אַלע פֿאַרשטייען דאָרטן וואָס הייסט אַ צינד־מאַשינקע. כ'לעבן! אָט, טאַקע דערפֿאַר פֿאָר איך אַהין. נו, האָט מיר אַ גוטן תּמיד. מאָרגן אי"ה נאָך דער וויזע קום איך צו אייך ווידער.

אַדיע!..

דריטער באַזוך.

אויפֿן דריטן טאָג איז ער ווידער אַריינגעקומען. עס איז געווען אַ רעגנדיקער נודנער טאָג. ער איז אַריינגעקומען אַ נאַסער, געריבן די נאַסע קרענקלעכע הענט און געזאָגט:

— איך בין געקומען צו אייך באָרגן אייער פֿאַראַסאָל איך באַדאַרף צו לויפֿן צום קאָנסול. וואָס פֿאַר אַ פֿאַראַסאָל איז ביי אייך? אַ געוויינלעכער פֿאַראַסאָל? עהע! ביי מיר איז שוין גאָרנישט קיין געוויינלעכער פֿאַראַסאָל. ביי מיר אַ זאַך מוז עס זיין מיט אַ שכל, מיט אַ המצאה. נישט־מער ער איז קאַליע געוואָרן. איך האָב אים אָנגעמעלט צענומען גלידערווייז אויס־צוגעפֿונען דעם שכל פֿון פֿאַראַסאָל, איצט קען איך אים נישט פֿאַרמאַכן. איך האַלט ניט פֿון קיין סתם־פֿאַראַסאָל, הגם אין אַ געוויינלעכן פֿאַראַסאָל שטעקט אויך אַ גוואַלטיקער שכל. דער, וואָס האָט עס אויסגעטראַכט איז זיכער געווען אַ גרויסער קאָפּ־מענטש, איך בין זיכער אַז דאָס איז עדיסאָנס. אין דעם געבוי פֿון די פֿרענטלעך, די ספּרענזשינעס, דאָס עפֿענען זיך און צו־בויפֿלעגן זיך — דאָ שטעקט אַ טיפֿער שכל. און אויב איר ווילט, ליגט נאָך אַ טיפֿער סוד אויך דערביי. וואָרום עס איז נאָך ביז צום היינטיקן טאָג נישט אויפֿגעקלערט געוואָרן דער סוד, וואָס שטעקט אין אַ פֿאַראַסאָל. דהיינו: דו עפֿנסט אויף דעם פֿאַראַ־

סאָל, פֿאַרנעמט עס אַ געוויסן שטח, לייגסטו אים צענויף — אויס שטח. פרעגט זיך: ווו איז אַהינגעקומען דער פריערדי־קער שטח? האַ? כ'מיין באמת. ווו איז אַהינגעקומען דער שטח?..

איז עס אָבער לגבי מיין פֿאַראַסאָל אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט. וואָרום מיין פֿאַראַסאָל פֿאַרמאָגט נאָך אַ פיל־גרעסערן שכל. דהיינו: אַז מען וויל איז עס אַ שטאָק פשוט אַ שטאָק צום שפּאַצירן און אַז מען וויל איז עס אַ פֿאַראַסאָל. איין זאַך — און מען קען דערפֿון מאַכן צוויי זאַכן. און ווייסט איר אין וואָס שטעקט דער שכל? אין שיידל. אינגאַנצן איז עס ווי אַ שיידל און דאָס שיידל איז אַזוי ווי אַ שטאָק, גייסטו, דאַכט זיך אין גאַס מיט אַ שטאָק קיין ילוד אשה וועט דיך נישט חושד זיין, אַז אין דעם שטאָק שטעקט אַ פֿאַראַסאָל, הויבט אָן גיסן אַ רעגן שלעפּסטו אַרויס פון שיידל אַ פֿאַראַסאָל, און דו האָסט אַ פֿאַראַסאָל. אויס רעגן — שטופּסטו ווידער אַריין דעם פֿאַראַ־סאָל אין שיידל און האָסט ווידער אַ שטאָק.

און ווי אַזוי עפֿנט ער זיך מיין פֿאַראַסאָל? דו דאַרפֿסט נאָר אַ קוועטש טון אונטן „א דזינזיק", אָפּלאָזן די ספּרענזשינקע, גיט עס זיך אָן עפֿן אויף מיט אַ קנאַק, ווי פון אַ ביקס: טשיק! — און פֿאַרטיק!.. אָט אַזאַ מענטש בין איך. און דאָס הענטל, די גאַלקע מיין איך, מיינט איר אַז דאָס איז אַ פשוטע גאַלקע? האָט איר אַ טעות. ביי מיר איז קיין זאַך ניט פשוט. ביי מיר איז אַזאַ הענטל אין פֿאַראַסאָל, וואָס ווען איר דרייט אָפּ דאָס אויבערשטע דערזעט איר גאָר אַ שיינע זאַך... הע, הע, הע... אָט אַזאַ מענטש בין איך. אָנגעמאָסטן פֿאַר אַמעריקע! אַלץ איז ביי מיר מיט אַ שפּיצל... אַ מער, וואָס דאַרפֿט איר נאָך: אָט גיט נאָר אַ קוק אויף מיין קראַוואַטל. איר זעט אַ קראַוואַטל, דאָרט זיצט גאָרנישט. אַן איינפאַכער אויסבינד. אין־דער־אמתן אָבער שטעקט אין אים אַ טיפע חקירה, גאָר אַ טיפֿע. אַזאַ קינץ, וואָס איז ממש שווער צו באַגרייפֿן. אָט זייט אַזוי גוט און שטייט נאָר אויף אַ ווײַלע.

ער האָט מיך אויפגעהויבן פון אָרט און גענומען טאַנצן

פאַר מיר פון לינקס אויף רעכטס און פון רעכטס אויף לינקס.
— איר קוקט זיך נאָר איין אין מיין קראַוואַט: קוקט איר פון רעכטס — איז ער גרין, קוקט איהר פון לינקס — איז ער רויט. איר פאַרשטייט! איין און דער זעלבער אויס-בינד: פון לינקס איז ער רויט און פון רעכטס איז ער גרין. אין זאַך מיט צוויי קאָלירן... ווי אַזוי איז עס? איר מיינט אודאי „אַן אָפּמאַן זיעניע”, אסור דאָס איז פשוט אַ סוד פון געוועבעכץ. דאָס געוועבעכץ איז אַזאַ און דאָס מאַטעריאַל מוז אויך זיין אַזאַ... אָט אַזאַ מענטש בין איך, איך וויל פון אַלץ וויסן דעם שכל. און אין אַמעריקע וועל איך מיך פילן ווי א פיש אין וואַסער. אַ ווערטעלע צו זאָגן: אַמעריטשקע! אַ לאַנד וואָס כּלו מאַשינען מיט טעכניק מיט אינזשינעריע...
נו, האָט מיר אַ גוטן. מאָרגן אי"ה פונקט אין דער צייט ברענג איך אייך אָפּ דעם פּאַראַסאָל. אַדיע.

פירטער באַזוך.

אויף מאָרגן, ס'הייסט אויפן זירטן טאָג איז ער געקומען און אָפּגעבראַכט מיר דעם פּאַראַסאָל. ער איז אַריין מיט אַ גדולה.
— אָט האָט איר אייך אייער פּאַראַסאָל אָבער אָפּגעבראַכט פונקט אין דער מינוט, ווי אַ מאַשין! איך האָב ליב צו זיין פּינקטלעך ווי אַ מאַשין. ווי שפּעט איז ביי אייך? אויף דער מאַשין וואָס ווייזט די צייט? כ'מיין דעם זייגער.
איך האָב אַרויסגענומען מיין טאַשן-זייגער, נאָר נאָך איי-דער איך האָב באַוויזן צו זאָגן ווי שפּעט ס'איז האָט ער געגעבן אַ שפּרינג-אויף ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון.
— וואָס? וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ זייגער? אַ פּשוטער זייגער, סתם אַ זייגער. פע, שעמט זיך! סתם אַ זייגער! לייגט אים אַריין צוריק אין קעשענע איך בעט אייך!.. די רגע לייגט אים אַריין... איך וועל אייך באַלד ווייזן אַ זייגער.
ער האָט אַרויסגענומען פון וועסטל-טאַש אַ גרויסן ציבעלע-זייגער און טריומפירט.

— איר זעט אַ זייגער? אָט דאָס איז אַ זייגער. קודם־כּל ווייזט ער שעהן, מינוטן, סעקונדן, האַלבע סעקונדן, זעכצנטל־סעקונדן; איר קענט אויף אים מעסטן דעם דופק פון יעדן מענטשן; ווידער ווייזט ער די שקיעה, די דאַטע, דעם חודש און דאָס יאָר און אפילו די בערזע. ווידער קלינגט ער צו יעדער צייט, ווען איר דריקט נאָר אָן אָט דעם דאָזיקן „דזינזיק" הויבט ער אָן צו קלונגען פערטל שטונדן, האַלבע שטונדן און גאַנצע שטונדן. איר הערט? — האָט ער אונטערגעטראָגן זיין זייגער באַנט צו מיין אויער — איר הערט? איר הערט נישט?

— ניין — האָב איך געזאָגט.

— דאָס איז, ווייל ער איז קאַליע קלינגט ער נישט. דערפאַר אָבער האָט ער נאָך אַ זעלטענע מעלה: איר קענט אויף אים זעען וויפיל דער זייגער אין סאַמע שטאָק־פינצטערניש. אָט אויף טשיקאַוועס.

ער האָט אַרומגעמאַכט די לאַצן און אַרונטערגעשלעפּט מיך אונטערן טיש.

— נו, קומט אַהער דאָ אונטערן טיש איז בעסער דאָ איז שטאָק פינצטער. מען דאַרף האָבן, אַז קיין איין שטראַל זאָל נישט אַדורכדרונגען. נו? איר זעט?

איך האָב גאָר נישט געזען.

— איר זעט נישט? הם... דאָס איז, ווייל דער „באָספאָר" האָט זיך אויסגעוועפּט. די ציפערן און די ווייזערס זענען אָנ־געזאַפּט מיט „באָספאָר" און דערפון לייכט זיך עס. אָבער אַז דער באָספאָר איז אויסגעוועפּט לייכט עס זיך נישט.

מיר זענען אַפּוירגעקראָכן פון אונטערן טיש, זיך אַ פּאָר מאָל אָנגעשלאָגן מיט די קעפּ און געבאָכקעט איינער אָן דעם אַנדערן מיט די נעזער.

— איר פאַרשטייט? אָט דאָס הייסט אַ זייגער! און דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקייגן דעם וואַנט־זייגער, וואָס הענגט ביי מיר אין דער היים. דאָרט האָב איך אַ וואַנט־זייגער איז ער פול מיט שכל, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. ראשית, דאַרף מען אים אָנציען בלויז איינמאָל אין יאָר, סיידן איר ווילט, אַז ער

זאָל גיין שטענדיק, מוז מען אים אָנציִען אַלע 6 שעה; והשנית, שפּילט ער מאַרשן, והשלישית איז ביים יעדן מאָל שלאָגן, גייט אַרויס אַ סאָלדאַטל און שיסט אויס פון אַ ביקס, ואחר כל אלה פליט אַרויס אַ קיקושקע און מאַכט: קו־קו!, קו־קו!... איך בין געווען אַ בעלן צו דערגיין די אַלע שכלען און דער־קלערן זיי מיין ווייב אויך. האָב איך דעם זייגער צונומען די געדערים, און האָב געפּאָרשט און געגעבן מיין ווייב צו פאַר־שטיין, פאַרוואָס ער שפּילט מאַרשן, פאַרוואָס דאָס סאָלדאַטל שיסט פון אַ ביקסל, פאַרוואָס די קוקושקע מאַכט „קו־קו". איך האָב איר אַזוי לאַנג געגעבן צו פאַרשטיין, ביז זי האָט שוין כמעט פאַרשטאַנען נעמט זי און ווערט משוגע און מען נעמט איר צו אין משוגעים־הויז. קוים מיט צרות איר אָפּגע'גט. נע־בעך, ניט געגוג שטאַרק געווען צו פאַרשטיין דעם שכל פון אַ ספּרענזשינע און פון אַ רעדל. עך, עך, עך... אין אַמעריקע מסתמא, וואָלט מען יאָ פאַרשטאַנען. דאָרט פאַרשטייען אַלע דעם שכל פון א זייגער, פון אַ מאַשין, מחמת אַלע לעבן דאָרט מיט מאַשינען. דאָרט אַז דו וועסט זיך אַוועקשטעלן דערקלערן עמיצן דעם שכל פון אַ זייגער וועט מען פון דעם נישט לאַכן, אַז דאָס איז אַ משוגענער, אַ פאַרחושטער. אַז מען שמועסט מיר זענען ווילדע מענטשן, אַזיאַטן. ווי דערלעבט מען שוין צו זיין אין אַמעריקע אין דעם געבענטשטן לאַנד פון אינזשינעריע און מאַשינעריע.

נו, האָט מיר אַ גוטן, און האָט נישט קיין פאַריבל. איך מיין אַז איר דאַרפט צופרידן זיין, וואָס מיר רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. איר זענט דאָך עפּעס יאָ אַ קולטוראַלנער מענטש. נו, אַדיע.

פינפטער באַזוך.

עטלעכע טעג האָב איך אים נישט געזען, פאַרפאַלן געוואָרן. ערשט אויף דער צווייטער וואָך האָט ער זיך אָפּגע־זוכט. געקומען אַביסל בלאַסער און צושויבערטער ווי געוויינלעך. די נאָז האָט מער ווי שטענדיק געשוויצט און ער האָט געזאָגט מיט אַ קרענקלעך גע'עכטערל.

— כי־כי־כי... איר האָט זיך אוודאי געוואונדערט וואָס

איך בין פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? ס'איז דאָ אַ שטיקל סבה. פֿאַר דער צייט איז ביי מיר געשען נייעס: איך האָב אויסגעטראַכט אַ מאַשין, אַ נייע מאַשין, „פּענפּעטו מאָרו" הייסט די מאַשין. דאָס איז אַזאַ מאַשין, וואָס דאַרף זיך אייביק דרייען, אייביק באַוועגן. קיינמאָל דאַרף עס זיך נישט אָפּשטעלן. אַזאַ מאַשין דאַרף מאַכן אַ רושם אויף דער וועלט, און אַ פּשיטא שוין אין אַמעריקע. איך מיין, אַז איך וועל קומען מיט מיין „פּענפּעטו מאָרו" קיין אַמעריקע, וועט אַמעריקע זיין אויף. ווייל אַמעריקע איז אַ לאַנד פֿון מאַשינען און וועט ווייסן ווי אַזוי אָפּצושאַצן אַזאַ מאַשין. אַ שפּאַס, אַ מאַשין וואָס דאַרף זיך אייביק דרייען און דווקא פֿון זיך אַליין, גאָר אָן פּאַרע און עלעקטריע און אַפֿילו אָן אַ ספּרענזשינע. די לעצטע עטלעכע טעג בין איך געווען פֿאַרטון אין מיין מאַשין. איך בין שוין מיט גאָטס הילף אויף אַ דרך. איך האָב שוין דערטאַפּט דעם אמתן שכל. און דער שכל איז אַ פּשוטער שכל, דאָס איז דערזעלבער שכל, וואָס פֿון בלינץ-לאָמפּ. האָט איר אַמאָל געזען אַ הענגענדיקן בלינץ-לאָמפּ, וואָס ציט זיך אַרויף און אַראָפּ? אויבן האָט עס אַ קויל אַזאַ, אַן אייזערנע קויל אויף קייטלעך און עס איז אָנגעפּילט מיט שרויט. האָט עס אַזאַ טבע, אַז ווען דער לאָמפּ גייט אַרויף, גייט די קויל אַראָפּ, און גייט די קויל אַרויף, גייט דער לאָמפּ אַראָפּ. הגם אין פּלוג, וואָס האָט די קויל צו גיין אַראָפּ, ווען דער לאָמפּ גייט אַרויף? און וואָס האָט דער לאָמפּ צו גיין אַרויף ווען די קויל גייט אַראָפּ? האַ? ממה נפשך, על פּי לאָגיקע ועל פּי שכל-הישר, ועל פּי פֿיזיקע האָט באַדאַרפֿט זיין אַזוי: דו לאָמפּ דו גייסט אַרויף, דאַרפֿסטו קויל, אויך גיין אַרויף, און דו קויל דו גייסט אַראָפּ, דאַרפֿסטו לאָמפּ אויך גיין אַראָפּ. פֿאַרוואָס זאָל גראַדע איין זאַך גיין אַראָפּ ווען די צווייטע זאַך גייט אַרויף? און די אַנדערע זאַך אַרויף ווען די ערשטע זאַך גייט אַראָפּ? איז דער תּירוץ, עס איז דאָ אַ שכל דערביי: אלמאי, אַ טינטער? ביי אייך איז עס אַ נייעס, אַ געוויינלעכער טינטער.

דאָס יידל כאַפּט מיין טינטער פֿון טיש קערט אים איבער און גיסט אויס די גאַנצע טינט אויפֿן טישטוך.

— אַך, אַנטשולדיקט. ביי אייך איז נאָך פֿון די אַלטע

טינטערס, וואָס קערן זיך אויס. איך אָבער האָב מיר מיין טינטער איז ער מיט אַן המצאה, מיט אַ שכל. קיינמאָל קערט ער זיך נישט אויס. איר מעגט אים קערן אין אַלע זייטן וועט איר נישט פאַרגיסן קיין איין טראָפּן טינט. דער שכל זאָל שטעקן דערין, וואָס די ברעגן פון טינטער זענען אַריינגעבויגן אינוויינוויניק. נו, איז מה בכך? דאַרף זיך דען נישט אויסגיסן? אלא וואָס דען? עס איז דאָ אַ טיפערער שכל: דער כח האימפעט וכח הראַפּטום. איז מיט דעם שכל פון בלין־לאָמפּ און שכל פון טינטער האָף איך, אַז איך וועל מיין „פּענפּעטו מאָרו״ אויספירן. איך פיל, ווי געזאָגט, אַז איך בין שוין אויף אַ דרך. דער שכל איז אַ פּשוטער: איך האָב מיר געלאָזט מאַכן צוויי רעדער, הילצערנע רעדער אינעווייניק ליידיק. איך האָב אָנגעפילט די רעדער—איינעם מיט וואַסער אָנשטאָט טינט און דעם אַנדערן מיט אַרבעס אָנשטאָט שרויט, איז אַז מען גיט אַ דריי דאָס ערשטע ראָד הויבט זיך אָן צו גיסן דאָס וואַסער—ברענגט עס אין באַוועגונג די צווייטע ראָד הויבן זיך אָן צו שיטן און שיטן די אַרבעס און אַז עס שיטן זיך די אַרבעס דרייט זיך די ערשטע ראָד און אַז די ערשטע ראָד דרייט זיך מוז זיך דרייען די צווייטע ראָד. אַלץ מיטן כח האימפעט וכח הראַפּטום...

עס פרעגט זיך נאָר: ווי אַזוי מאַכט מען די ערשטע ראָד זאָל זיך אָנהויבן דרייען? דערצו דאַרף מען אַביסל צוטראַכטן. איז אָבער געשען אַן אומגליק—מיין ווייב איז מיר אַנטלאָפן, מיין דריט ווייב. האָב איך נישט ווער עס זאָל אפילו מיר אַביסל וואַסער דערלאַנגען. ווי אַזוי קען איך טראַכטן? אָט האָסטו דיר, נישטאָ קיין איין ווייב וואָס זאָל וועלן מיך מיטפילן, זאָל וועלן זיך אַריינטון אין אַ רעדל, וועלן פאַרשטיין דעם שכל פון אַ ספּרענזשינקע. עך, עך, עך... נישט באַשערט. מען מוז שוין וואַרטן ביז איך וועל אָנקומען קיין אַמעריקע. דאָרט לעבן אַלע מיט מאַשינען. דאָרט פאַרשטייט מען זיך אויף דעם, אָבער נישט דאָ. דאָ איז מען נאָך ווילד פאַרשקלאַפּט. זייט־זשע מיר געזונט. איך וועל גיין זוכן אפשר וועל איך נאָך געפונען מיין ווייבל, ברענגען אַהיים עך, עך, עך...

ער איז אַוועקגעגאַנגען און פון דאַן אָן האָב איך אים שוין נישט געזען.

ער וויל ניט קיין יובילעום.

אין א שיינעם פרימארגן.

—גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן... גוט מאָרגן אייך... איך בין שוין געווען ביי אייך אַ פּאָר מאָל, זענט איר געשלאָפן,,, איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז איך דאַרף ניט קיין יובילעום,,, וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? וואָס? איר ווייסט גאָר ניט פון וואָס צו זאָגן? איר ווייסט ניט פון קיין פּותר, לו קיין חלום? איר ווייסט גאָר נישט, אַז איך בין אַ יובילאַר? איר ווייסט גאָר נישט, אַז דעם אַכטצענטן דעם חודש ווערט פונקט 50 יאָר, זייט איך בין אַרויסגעטרעטן אויף דער אַרענע פון מיין קינסטלעריש־ליטעראַרישן שאַפן? איר ווייסט גאָרנישט אַז דעם אַכטצענטן דעם חודש איז אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע — דער 50־טער יובילעום פון מיין קינסטלעריש־דיכטערישער טעטיקייט? נישט מער, איך האָב פיינט בכלל וועגן זיך צו ריידן, און אין דער אמתן, וואָס איז דאָ צו ריידן? און אַז עס ווערט שוין 50 יאָר, זינט איך שטיי אויף דער וואַך און שמיד דעם מענטשלעכן געדאַנק, איז מה בכך? און אַז איך דער גרויסער קינסטלער און וועג־ווייזער, האָב 50 יאָר געזייט די הייליקע קערנער פון מענטשלעכן גייסט, קומט מיר אַ דאַנק דערפאַר? און, אַז איך האָב אָנגעשריבן מיין אומשטערבלעך ווערק „כח המושך און כח הדוחק”, וואָס האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די מוחות פון דער גאַנצער מענטשהייט און אפילו פון דער פּראָווינץ, דאַרף מען מיך אויף די הענט טראָגן?,,

נאָר מילא, איר וועט זיך איינשפּאַרן מיט די פיס אין וואַנט — נישט אַנדערש, איר ווילט מיר מאַכן אַ יובילעום, זאָג איך אייך אָן, אַז איך וועל מיך נישט מישן. נישט מיין זאַך! מחמת איך בין באַשיידן. רויבט ביי מיר נישט אַוועק מיין הייליקע אייגנ־שאַפט פון עניות, איך בעט אייך!...

אויף מאָרגן אָוונט.

— גוט נ'אָוונט! איך זוך אייך שוין אַרום אַ גאַנצן טאָג... וואָס איר זאָגט — אַ יובילעום. איך זע אָן אייערע אויגן, אַז איך וועל מיך שוין פון קיין יובילעום נישט אַרויסדרייען... וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, ווי איר וואָלט דערביי גאָרנישט גע־האַלטן? מאַכט זיך נישט אַזוי תמעוואַטע. איך וויים, איך קען אייך. איר זענט איינער פון די ענערגישסטע און באַדייטנדסטע מיטגלידער פון אונזער ליטעראַרישער משפּחה, און אַז איר וועט זיך איינשפּאַרן מאַכן מיר אַ יובילעום וועט איר מאַכן וואָרום איר, ווי די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט, ווייסט זיכער, ווי צו שעצן און אָפּשאַצן מיינע פאַרדינסטן פאַר דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור אין משך פון די 50 יאָר... מילא, זאָל איך זיך גיין מיט אייך שלאָגן? זאָל איך זיך גיין איינגרייסן מיט אַ גאַנצער וועלט און מיט די ברייטע מאַסן פון פאָלק, וואָס וועלן זיכער ווי די אַמאָליקע רוימער שטורמען און שרייען: ברויט און אַ יובילעום פאַר דעם גרויסן דיכטער און קינסטלער פון דער נייער צייט!... טאָ מילא, טוט אייך, וואָס איר ווילט. איך וויל מיך נים מישן...

אין אַ ווייל אַרום.

— מחשבותן... איך האָב דאָ פאַרגעסן מיין שירעם... יאָ... אגב האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, אַז אויב איר וועט זיך פאָרט איינשפּאַרן און וועלן אָרגאַניזירן מיין יובילעום, קען איך אייך רעקאָמענדירן אַ לאָקאַל טאַקע ביי מיין פריינט און פאַר־

ערער זלמן פינקעלאָק אין פראַגע. איך בין שוין ביי אים גע־וועז. גאָר א גרויסער לאָקאַל. דאָרטן קענט איר מאַכן אייערע זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, קלויבן קאָמיסיעס, גרינדן יובילעום־קאָמיטעטן, דרוקן אויפרופן, פראָספּעקטן, מאַכן פאַרלאַגן אויף אַרויסצוגעבן מיינע טאַלאַנטפולע ווערק, וואָס זענען געשריבן מיט מאַרך פון מיינע ביינער און בלוט פון מיין האַרץ. מיט איין וואָרט, איר קענט אייך טון וואָס איר ווילט פאַר מיין יו־בילעום, וואָס איז מיר על אפי ועל חמתי. איך וועל מיך נישט מישן. איך בין נישט מער, ווי אייערער אַ קרבן, אַ קרבן...

אין א וואָך אַרום.

— נו זאָגט אַליין, זענט איר אַ מענטש?! אַ גאַנצע וואָך אַז איך לויף נאָך אייך נאָך, אין דער פרי, בייטאָג און אויף דער נאַכט, און בעט זיך ביי אייך רחמים, ווי ביי אַ גזלן, אַז איך וועל מיך נישט מישן, לסוף נעמט איר נעכטן, מיר אויף צופיקעניש און רופט צונויף אַ פאַרזאַמלונג כדי זיך צו באַראַטן וועגן מיין יובילעום. איר מיינט, איך ווייס נישט, אַז די פאַר־זאַמלונג איז אָבגעהאַלטן געוואָרן טאַקע ביי מיין פריינט פינקע־לאָק אויפן 6־טן שטאָק. איך בין געגאַנגען אַהיים, אויף נאָוואָ־ליפּיע האָב איך פאַרבלאָנדזשעט אהין אין פראַגע. איך האָב אַפילו אַריינגעקוקט אין שליסל־לאָך און צוגעהערט זיך, וואָס איר האָט גערעדט. איך האָב געהערט ווי איר האָט זיך געבעטן רחמים ביי אייערע חברים, אַז מען זאָל מיר וואָס גיכער מאַכן אַ יו־בילעום, וואָרום איך בין אייך אַריינגעקראָכן אין די געדערים, איך ליג אייך אין די בלוטן, אַז מען וועט מיר נים מאַכן קיין יובילעום, האָט איר געזאָגט, וועט איר שטאַרבן... דאָס האָט איר גערעדט, מסתמא, וועגן מיין שאַפן: מיין שאַפן איז אייך אַריין אין די געדערים, עס ליגט אייך אין די בלוטן, געוויס. איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דעם גרויסן איינפלוס, וואָס מיינע ווערק האָבן געהאַט אויף אייך. און איר פילט אייער גרויסע פליכט מיך צו באַערן. געוויס, דאָס נעמט זיך פון דער

גרויסער ליבע פון אַ תלמיד צו זיין גרויסן לערער, די ליבע וואָס איז שטאַרקער פון טויט... אין אייער רעדן האָב איך געפילט טרערן, טרערן פון דאַנקבאַרקייט און פאַרגעטערונג. איך האָב זיך אפילו געוואָלט אַריינרייסן און שטערן אייך, מחמת מיין עניוות־געפיל האָט פּראָטעסטירט, נאָר אויס מיטלייד צו אייך, האָב איך עס ניט געטון. מילא זאָל מיינס אַריבערגיין. מיין פּערזענליכקייט איז שוין לאַנג דאָס אייגנטום פון דער מענטשהייט. מיין געניוס געהערט דער גאַנצער וועלט.

אויף מאָרגן.

— איך בין געקומען צו אייך... גאָר נישט... אַזוי זיך... איך גיי פאַרביי... איך האָב געוואָלט אויף טשיקאַווס אַקוק געבן, ווי אַזוי איר האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם אויפרוף צו מיין יובילעום, ווי ער זעט אויס, עס גייט מיר ניט אינם אינהאַלט, נאָר דער נוסח, דער סטיל... איך בין טשיקאַווע צו וויסן ווי אַזוי שרייבן מענטשן... איך בין אַפילו נעכטן ביי נאַכט געווען אין רעדאַקציע פון „די לאַנגע צונג“, געוואָלט כאַפּן אַ קוק אויפן אויפרוף, איידער די זעצער וועלן עס אויסזעצן. איך האָב דאָרט געוואָלט צוגעבן אַ קלייניקייט און אגב געוואָלט זען מיט וועלכע שריפט מען וועט אים זעצן, צי „פּעטיט“ צי „גאַרמאָנט“, צי „ציצעראָ“, אָדער אפשר גאָר מיט קעפּל־שריפט? איך מיין, פאַרוואָס נישט? עס איז דאָך עפּעס אַ סענסאַציע. איך מיין, אַז פאַר די צייטונגען איז עס זיכער אַ סענסאַציע... אַ היסטאָרישע סענסאַציע... איז ער אָבער, דער אויפרוף אין רעדאַקציע גאָר נישט געווען. האָב איך געשיקט מיין ווייב אין אַ צווייטע רעדאַקציע, די פּוילישע דינסט־גויע האָב איך אויך אויפגעוועקט און געשיקט זי אין דער רעדאַקציע „דזוואָנעק“. די קינדער האָב איך צעשיקט אין אַנדערע רעדאַקציעס. איז אָבער אין ערגיץ דער אויפרוף ניט געווען. משמעות איר האָט אים נאָך ניט צעשיקט אין די רעדאַקציעס. פרעגט זיך, פאַרוואָס מאַרודיעט איר? איר האָט זיך דאָך אָנגענומען צו מאַכן מיר אַ יובילעום

אום מיר צו דערגיין די יאָרן, טאָ נעמט, מאַכט, און קוילעט
מיך מיט אַמאָל, און אַסוף זאָל עס נעמען...

אין דעם זעלבן טאָג אָוונט=צו.

— איר עסט... עסט געזונטערהייט... איך וועל אייך ניט
שטערן... איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז דאָס וואָס דער
אויפרוף וועגן מיין יובילעום איז נאָך היינט ניט געווען געדרוקט
איז גם זו לטובה. גלייכער אַז נישט. ווייסט איר פאַר וואָס?
ווייל מען וועט דערווייל קענען צוגעבן צו דעם אויפרוף מיין
פאָטאָגראַפיש בילד. ווייל איך זע נאָך אייך, אַז איר ווילט
אומבאַדינגט עס זאָל זיין געדרוקט מיין פאָרטרעט, האָב איך
אייך געבראַכט צוויי בילדער. אָט איז איין בילד, ווי איך זיץ
פאַרטיפט אין טיפע געדאַנקען. אַ טיפע דענקונגס=קראַפט קוקט=
אַרויס פון מיינע טיף=שוואַרצע קאַרשן=אויגן. מיין מח ברעכט
זיך אונטער דעם לאַסט פון די שווערע לעבנס=פראָבלעמען און
וועלט=שמערץ... און אָט דאָס צווייטע בילד שטעלט פאָר, ווי
איך זיץ מיט דער פען אין האַנט און שאַף מיינע שאַפונגען.
דאָס פנים דריקט אויס גרויס באַגייסטערונג און ערנסטקייט...
און אָט דאָס דריטע בילד, ווו מיינע געזיכטסציגע זענען פאַר=
צויגן מיט אַ וואָלקן פון אומעט, — דאָס ווייזט אַז מיין גייסט
איז פאַרטרויערט דורך דעם גרויסן גלות=פיין און דעם צער
פון מיין אומה... איך מיין, אַז דאָס דריטע בילד פאַסט אַמ=
בעסטן פאַר אַזאַ היסטאָרישן אויפרוף. אַגב אפשר ווילט איר,
האָב איך די בילדער פון מיינע עלטערן, פון מיין מלמד ר׳ זרח,
פון מיין שכן יעקל דער בלינדער. נאָר דער עיקר וואָלט איך
וועלן, איר זאָלט אַריינשטעלן דאָס בילד פון מיין ווייב... איב=
ריגנס, טוט ווי איר ווילט. איך וועל אייך ברענגען מיין גאַנצן
אַלבום און קלייבט אייך אויס וואָס איר ווילט. איך וועל מיך
נישט מישן...

אויף צומאָרגנס באַגינען.

— גוט מאָרגן!... אַנטשולדיקט... איך האָב אייך אויפגעוועקט... עס איז דאָך שוין באַלד 6 אַ זייגער... שוין האַלבער טאָג... הם, איר האָט שוין געלייענט היינט די צייטונגען? נאָך נישט? איך האָב שוין געלייענט אַלע צייטונגען. דער אויפרוף צו מיין יובילעום איז שוין געדרוקט. עס פֿאַרדריסט מיך אויף אייך? צו וואָס באַדאַרפט איר עס? און אַז איר דרוקט שוין, איז עס אַזוי קורץ?! און וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ אין צייטונג איר האָט געגעבן? פֿאַרוקט ערגעץ צווישן די נייעס! פע! איך האָב ממש שברי לב. מיט די זעצער און מיט דעם מעטראָנפּאַזש האָב איך נעכטן געאַרבעט מעשים. אמתע באַנדיטן! מענטשן זאָלן נישט לאָזן צושרייבן קיין האַלבן וואָרט צום אויפרוף. איך וואָלט זיך מיט זיי אפשר צוהרגעט. אַ נס, זיי האָבן מיך באַצייטנס אַרויסגעטריבן פֿון דרוק...

אין אַ טאָג אַרום.

— שלום עליכם. אַזש פֿון נעכטן אָן האָב איך אייך נישט געזען... איז וואָס? איר מאַכט טאַקע מיר אַ באַנקעט אויך?... איר האָט זיך פשוט אָנגעזעצט אויף מיר... נאָר איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז איך וועל מיך אין דעם נישט מישן. איך וועל אַפֿילו נישט אַ קלאַפּ טון אַ פֿינגער אין אַ פֿינגער. אַ גאַנצן טאָג, אַז איך זוך אייך אַרום צו זאָגן אייך, אַז איך וועל מיך נישט מישן: ווו בין איך נישט אויסגעווען? איך בין שוין געווען אין רעסטאָראַן „ווענעציע” אויך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרטן ווערט ער געמאַכט, דער באַנקעט. איך האָב זיי געהאָלפֿן דאָרטן, די קעלנער, צונויפֿשטעלן די טישן און אגב האָב איך אַהין אַוועקגעטראָגן עטלעכע שטולן... די קעלנער האָבן מיר געזאָגט, אַז עס וועט קאָסטן, 2000 מאַרק פֿון אַ פּאַרשוין, אַביסל טייערלעך. איך האָב מורא, אַז עס וועט נישט זיין צוגענגלעך פֿאַר די ברייטע מאַסן. דאָס פֿאָלק וועט נישט קענען אַן אַנטייל

צעמען. איר פֿאַרשטייט? עס וועט פֿעלן דאָס פֿאָלק! אפשר וואָלט מען געקאָנט מאַכן אַביסל ביליגער, כּדי עס זאָלן קענען אַנטייל נעמען אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק אין אָט דעם דאָזיקן היסטאָרישן יום טוב. וואָרום מ ײַ ן יום טוב איז דאָך דער יום טוב פֿון גאַנצן פֿאָלק, פֿון דער גאַנצער מענטשהייט און אַפֿילו פֿון דער פּראָווינץ!... און נאָך אַ זאַך בין איך געוואָר געוואָרן, אַז קיין פֿיש וועט דאָרטן נישט זיין. עס וועט זיין בלויז פליישיוך מיט מאַנדעלעך, זויערע אוגערקעס און צימעס. מילא קאָמפּאָט בין איך אייך מוחל. אָבער פֿיש! סטייטש פיש! ווו האָט איר געהערט אַ פּאַראַדנעם מאָלצייט אָן פֿיש? ובפֿרט נאָך אַזאַ מאָלצייט! אַזאַ היסטאָרישער מאָלצייט! אפֿשר איז פֿאָרט מעגלעך פֿיש? צו טייער, זאָגט איר? עס וועט נישט זיין קיין עולם? טאָ דאַרף מען מאַכן טאַקע ביליגער. אַז ביליג, זאָגט איר, מוז זיין אָן פֿיש? איך מיין, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר, ווען מען קען מאַכן אי ביליג, אי מיט פֿיש. נאָר אויב איר וועט געבן פֿיש, זאָלט איר זען מיר צו דערלאַנגען אַ קאָפּ און נישט קיין עק. מחמת פֿאַר אַ בעל־הבית פּאַסט צו עסן אַ קאָפּ און נישט קיין עק און אַפֿילו נישט קיין מיטל־חלק. איך האָב אַפֿילו שוין וועגן דעם אָפּגערעדט מיט די קעלנער... האָט זשע מיר אַ גוטן.

דעם זעלבן טאָג שפּעט אין דער נאַכט.

— גוטן אָוונט!... וואָס? איר גייט שוין שלאָפֿן?... אַ פּאַסקודנע דינסט ביי אייך... אַ גרויסע ליגנערין: איך פרעג: ווו איז דער הער? זאָגט זי: אַז איר זענט אין דער היים נישטאָ, אַז אייך האָט איבערגעפֿאָרן אַ טראַמוואַי און איר ליגט אין שפּיטאָל... הי, הי, הי... און איך האָב אַ קוק געטון אין שליסל־לאָך און האָב אייך גלייך דערזען, אַז איר זיצט גאָר אין קאַבינעט. האָב איך אָן עפן געטון די טיר, האָב איך געזען ווי איר האָט זיך דורכגעשמוגלט אין עס־צימער אריין און פֿון עס־צימער אין שלאָף־צימער... וואָס זשע טוט איר עפּעס אונטערן בעט?... איר זוכט די פּאַנטאָפֿל?... הם... איר גייט שוין שלאָפֿן?

אַזוי פּרי? עס איז דאָך איצט נאָך האַלב איינס... איך בין געקומען אייך זאָגן, אַז אין דעם גאַנצן ענין פון מיין יובילעום וועל איך מיך נישט מיש. נישט מער, איך האָב געהערט, אַז מען קלייבט זיך מיר צו דערלאַנגען אַן אַדרעס וואָלט איך וועלן וויסן, אויף וואָס עס וועט זיין: צי אויף פּאַפּיר, צי אויף פּאַרמעט. איך וואָלט געראַטן — אויף פּאַרמעט, און אַגב וואָלט איך געוואָלט, אַז איידער איר גייט אים איבערשרייבן אויף ריין, זאָל איך אים אַביסל רעדאַגירן. אַ קליין ביסעלע. אָט דאָס איז ער? טאָ גיט, מיר זייט מוחל, טינט און פּעדער, און פאַרהענגט, זייט מוחל, די פענסטער... אָט אַזוי... און אויב איר וואָלט וועלן מיר אַביסעלע רעדאַגירן... איר זעט! אָט דאָ שרייבט איר: „איך בין פון די טאַלאַנטפולסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער צייט". דאָ וואָלט איך נאָך צוגעגעבן: „און פון אַלע צייטן, עפּאָכן און דורות"... עס קלינגט בעסער. און אָט דאָ שרייבט איר: „איך געהער צו די באַדייטנדסטע וואָרט-קינסטלער"... דאָס זאָגט גאָר נישט. איך וואָלט נאָך צוגעגעבן: „און צו די יחידי סגולה פון הויכן אָדלער-פלי, נירוואַנאַ-רו און געהיימניספולע לעבנס-סודות". אָט אַזוי איז שוין אַ סך בעסער... און אָט דאָ: — „ער שפּיגלט אָפּ" — דאַרף זיין: „ווי אין אַ געטלעכן קוואַל פון אומערשעפּלעכע עמפּינדונגען און ערהאַבענע לעגענדאַרישע וויזיאָנען"... און אָט דאָ צום סוף וואָלט איך סתם צוגעגעבן איין וואָרט: „ער, דער גרויסער יובילאַר, איז די לעבעדיקע שכינה, וואָס באַלויכט מיט אירע וואַרעמע שטראַלן דעם יאָמערטאָל פון אונזער טרויעריקייט, וואָס זוכט די באַהעפטונג מיט דעם אין סוף פון דער נייער אַבסטראַקציע". איצט איז עס אויסגעצייכנט. נאָר זעט מען זאָל דאָס איבערשרייבן וואָרט ביי וואָרט! אי"ה מאָרגן באַגינען וועל איך ביי אייך זיין, כדי צו זאָגן אייך נאָך אַמאָל, אַז איך וועל מיך נישט מישן און אַז מיר גייט דער גאַנצער יובילעום מיינער נישט אָן, אָט איר זאָלט זאָגן אויף אַזוי פּיל! אָ, האָט מיר אַ גוטן. אַדיע!

יא חתונה האבען,
ניט חתונה האבען.

(אנ׳עצה)

איך האָב דערהערט אַ ציטערדיגען קלונג ביים טיר. די דינכט האָט די טיר געעפֿענט. עמיצער איז אַריינגעקומען. איך האָב געהערט, ווי זיין האַרט קאַפעליוש איז עטליכע מאָל אַראָפּגעפאַלען פון הענגער. ניט געוואָלט בשום אופן הענגען. זיין שטעקעל האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלען מיט אַ מאוסן הילכיגען קלאַפּ. נאכדעם, ווען אַלעס האָט זיך באַרוהיגט, האָט זיך געעפענט פאַמעליך די טיר און אין צימער איז אריינגעקומען אַ יונ־ער מאַן מיט א פלאַטשיג ביינערדיגען לאַנג ניט קיין ראַזירט פנים. אַ פלעיכעוואַטער, אין א ווייסען ניט גאָר זויבערן ווּעסט מיט פערל־מוטערנע קנעפּלאַך. אין אָפּגעריבענע פּאַסאָווע הויזען און אַנ׳אָבגעטראָגענעם סורדוט מיט אָפּגעריבענע זיידענע לאַצען און אין א האַרטען קאלנער אויסגעקעהרט אויף דער לינקער זייט. ער האָט זיך טיף פאַרנויגט און באַגריסט.

— זדראַסטי!

— זדראַסטי, מיט וואָס קען איך אײַך דינען?

— איר קוקט מיך אָן — האָט ער געזאָגט — אומזיסט. איר וועט מיך ניט דערקענען. איר קענט מיך ניט. איך קען אײַך. הי, הי, הי. ווי זאָגט מען: „פּאָפּאַ ווסיע זנאיוט א פּאָפּ ניקאָוואָ״. ענטשולדיגט. וואס איך נעם ביי אייך צו א ביסעל צייט. נאר איך בין געקומען צו אייך וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין. איך בין געקומען מיט אייך זיך אנ׳עצה האַלטען.

— דהיינו? וואָס פאַר אנ׳עצה? זעצט זיך.

— עס איז כדאי צו וויסען אייער מיינונג וועגען חתונה האָבען. איר זענט דאָך אַ מענטש אַ קראַסנאָרעטשיוועד מיט אַ פּראַקטיקע און דער עקר מיט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע, וויל איך איר זאָלט מיר קראַסנארעטשיווע דערקלערען: צי דאַרף אַזאַ מענטש, ווי איך חתונה האָבען, צי ניט? ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך מיר אַזוי אַ בחור צווישען די יאָרען 23 און 49 אַ כאָלאָסטיאַק. פאַרנעם זיך מיט דירות-מעקלעריי און אדוואָקאַטוריי. און דער עקר מיט שרייבעריי. ניט קיין ביכער מיט קיין קריטיקעס מיט קיין זשורנאלען, חלילה הגם ווען איך האָב צייט און באַשרייב מיין לעבען, וואָלט עס נאָך געווען אַ בעסערע קריטיקע ווי די קריטיקעס וואָס איר קריטיקירט. פון באַטור און לעבען, נאָר וואָס דען? איך לערן מיידלאַך שרייבען. איך לערן זיי שרייבען פּראַזעס, בריפענשטעלער, און דער עקר „פּאָטשעראָק״ זיי זאָלען קראַסנאָרעטשיווע אויסשרייבען די האַנד. קיין גרויסע פרנסות איז דאָס ניט. נאָר פאַר אַ כאָלאָסטיאַק, אַ בחור איז עס גענוג. וויפיל דאַרף אַ מענש? קיין פאַרלעבער בין איך ניט. וואוין מיר אין איין צימער און עס וואָס עס מאַכט זיך. קיין פענסטער אין מגזגען איז ניטאָ. קיינער זעהט ניט. אין טאָמער פעלט מיר אַ מאָל אויס איז — אַדנאַ גאָלאָוואַ ניע בעדנאַ! נאָר חתונה האָבען האָב איך מורא. וואָרום אַ ווייב איז גאָר אַנ׳אַנדער זאַך. אַ ווייב דאַרף מען געבען עסען. טאָ וואָס, אַ שטייגער, וועל איך איר געבען, ווען איך האָב אליין ניט וואָס צו עסען? און אַז אַ ווייב געהט אַרום אַ הונגעריגע אוז אהן שיך און האָט נאָך דערביי צייןֿ-ווערטאָג מוז זיין גאָר אַ פּאַסקודנע זאַך. דאַמאָלס מוז מען זיך גוט אונטערגאַרטלען און

זוכען פרנסה און אַקערן די ערד מיט דעם נאָז. וואָרום אַז עס איז ניטאָ קיין פרנסה, קומט דער דלות, אַז עס קומט דער דלות, איז ניטאָ קיין שלום-בית. און אָהן שלום בית איז אַ גיהנום. פרעג איך אייך איר זאָלט מיר זאָגען קורץ און דייטליך: האָב איך אַ מאָראַלנע רעכט חתונה האָבען, צי ניט? דאַכט זיך אַז ניט. אָיא ניט?

— איך מיין אויך, אַז איר האָט ניט קיין מאָראַלנע רעכט. קאָם זענט איר נאָך ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה, ווי געהעריג איז, טאָרט איר ניט חתונה האָבען.

— ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה, זאָגט איר. און ווען וועל איך ווערען פאַרזאָרגט מיט חיונה? פאַרוואָס בין איך ביז איצטער ניט פאַרזאָרגט מיט חיונה? וואו האָט איר געזעהן אַ בחור זאָל זיין פאַרזאָרגט מיט חיונה? אט אַז מען נעמט אַ ווייב און מען נעמט אויף זיך די אמתע הכבדה, ווערט מען גאָר אַנ'אַנדער מענטש. מען ווערט ענערגיטשנע מען הויבט אָן אַרבייטען מיט מער חשק, ביז מען ווערט אַנ'עושר. וואָרום די לאָגיקע וויזט: בחור-וויס איז מען אַ קבצן. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל מען האָט קיין געלט ניט. אבער נאָך דער חתונה קריגט מען געלט. און אַז מען האָט געלט איז מען אַנ'עושר. ניט אזוי? און טאָמער חלילה האָט מען ניט קיין געלט און ניט קיין פרנסה, איז ממה נפשך: איז פאַראַן פרנסה איז מה טוב. אלא וואָס דען, די שעה זאָל ניט זיין עס וועט קיין פרנסה ניט זיין, איז—עט! עס וועט זיין! ווייל עס מוז זיין. ווי אין פסוק שטייט: „אדם ובהמה תשיע ד״ — גאָט העלפט מאַן און ווייב... אַי, וואָס? טאָמער חלילה וועט קיין געלט פאָרט ניט זיין? האָב איך מיר דאָך דערפאַר אַ ווייב! און פון וואַנען איז געדרונגען, אז געלט אָהן אַ ווייב איז בעסער איידער אַ ווייב אָהן געלט? הייגט וואָס איז ווערט, וואָס מען ווערט אַ שטיקעל מענטש איך און מען קריגט אוואַזשעניע ביי לייטען? מען הויבט מיך גאָר אָן צו „אירצען״. אזוי איז די טבע פון דער וועלט: אַ בחור איז „דו״ האָסט אַ ווייב ווערסטו שוין „איר״. איך האָב אַליין געהערט ווי אַנ'עלטערער איד האָט מיך געפרעגט: „זאָג מיר — זאָגט ער — יאָשע-בער (אַזוי הייס איך) „ביזטו״ נאָך אַ בחור אָדער „איר״ זענט שוין באַווייבט״. איר פאַרשטעהט? און דער שכל איז מחיב

אַז פֿאַר אַבאַווייבטען דאַרף מען האָבען דרך ארץ. ווײַל ווער האָט פֿון אַ בחור הנאה? פֿון אַ באַווײַבטען אָבער לעבען אַ וועלט מיט מענשען. אָט איר זענט דאָך אַ קראַסנאָרעטשיוער מענטש, ענטפֿערט מיר, אדרבה. אַ כלי־זמר איז אַ מענטש, צי ניט? איך פֿרעג אייך. אַ יאָ, מענטש? און אַ שדכן איז אויך אַ מענטש? און זיי דאַרפֿען לעבען? טאָ פֿאַרוואָס זאָל איך זיי ניט געבען צו פֿאַרדינען? איך האָב אָבער חתונה, הויבען אָן פֿון מיר צו לעבען אַ וועלט מיט מענטשען: אַ שדכן, אַ כלי־זמר, אַ בדכן, אַ סאַרווער אַ רב, אַ שמש, אַ מסדר קדושין, אין אַ יאָר אַרום, אי״ה: אַ הויבּ־אַם, אַנ'אַם אַ מוהל און ווער ניט? איך מיין, אַז ווען אַ מענש וויל האָבען אַ שטיקעל פֿאַטשאָט מיט סאַמאַלוביע, דאַרף ער נעמען און חתונה האָבען.

— איך מיין אויך אַזוי, אַז צוליב פֿאַטשאָט און סאַמאָליוּביע דאַרף מען חתונה האָבען.

— איאָ אַזוי? נעמען און חתונה האָבען. איז אָבער די צרה וואָס מען קען דערנאָך שוין צוריק ניט כאַפּען. מען ווערט געפּענטעט מיט די פֿיס און מיט די הענד, מען ווערט איינגע־וואָרצעלט מיט די פּאָטריכעס אין דער ערד אַריין, אַז מען קען שוין קיין תחית המתים ניט אויפֿשטעהן. פֿרעג איך אייך, איר זאָלט מיר ענטפֿערן קראַסנאָרעטשיווע: צו וואָס דאַרף איך דעם יאָך אויף זיך? אַז איך וויל ניט זיין קיין פּאָרקיפּטער מענטש. איך האָב ליב פֿרייהייט. סוואָבאָדע! וואָס געהט מיר אָפּ, אַז איך בין אַ פֿרייער פֿויגעל. האָב איך ניט וואָס צו עסען — הונגער איך. אָבער אַליין. האָב איך ניט וואו צו שלאָפֿען — געה איך אין הקדש אין „אַ נאָצשלעזשקע" אָבער אַליין. אָבער אַז ביי דיר אויפֿן האַלז הענגט נאָך אַ באַשעפּעניש און דאָס באַשעפּעניש האָט אויך אַ דעה און האָט אויך אַ רצון און עס מאָנט, עס פֿאָ־דערט, דאַמאָלס איז גאָר אַ בּיטערע געשיכטע. אָבער גאָר אַבּי־טערע. איך מיין, אַז אַזאַ מענטש, ווי איך, מיט מיין טאָטשקע זרעניע און מיט מיין סלאָבאָדע טאָר ניט חתונה האָבען. ווי מיינט איהר?

— איך מיין אויך, אַז איר, מיט אייער טאָטשקע זרעניע

און „סלאָבאָדע“ טאָרט נ י ט חתונה האָבען.

— סלאָבאָדע, זאָגט איר. און צופיל סלאָבאָדע מיינט איר איז גוט? און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל מ ך אָנלויפען און אָנטאַנצען און אָנזינגען זיך, ווי אַ פויגעל — איז וואָס וועט זיין דערפון דער תכלית? נאָר דעם תכלית בין איך אייך מוחל. איר, אַלס אינטעלעגענטנער און קראַסנאָרעטשיווער מענטש, האַלט אפשר ניט שטאַרק פון תכלית, אָבער זיער ציעל וואו איז, דער „טשעל קישיזשני“? פאַר וועמען לעב איך און צו וואָס לעב איך? ניט קיין דור, ניט קיין „פאָקאָלעניע“ און ניט קיין „פראָדאָלזשעניע טשעלאָוועטשעסקאַוואָ ראָדאַ“. איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געוועז קיין באַוויבטער, נאָר איך פאַרשטעה קראַסנאָרעטשיווע, אַז אקינד מוז זיין זעהר אַ גוטע זאַך. וואָרום, אַז אַ קינד גיט אַ שפיל, אַ לאַך, אַ גלעט, פאַרגעהען דאָך אַלע וועהטאָגען. מיך, ברוך השם, גלעט קיינער ניט, אַ חוץ—דעם פריזירער, ווען ער ראַזירט מיך. אַ באַווייבטער מענטש האָט ווער עס זאָל נאָך אים בענקען, עמיצער וואַרט אויף אים איך, אַז איך קום צופאָרען וואַרט אויף מיר—דער איזוואָזשיק... און אַז גאָט שיקט צו די אמתע טייערינקע קינדערלאַך, די מחיהדיגע, די ראָזעווענקע, די שענינקע, און דו שפילסט מיט זיי, און דו שטיפּסט מיט זיי און דו לעגסט זיך מיט זיי שלאָפען, און זיי טוליען זיך צו צו דיר, און דו שלאָפּסט אַזוי זיס, אַ מחיה!.. דער קלאָהרער קאָפּ, דער גרויסער ישוב הדעת!.. וואָס דאַרפט איר מער. אָט נעמט למשל אַ סעמיינע קאַרטע. איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ שענערע זאַך ווי אַ סעמיינע פאָטאָגראַפיע? איר קוקט זיך נאָר צו צו אַ סעמיינע, קאַרטע, אין איהר וועט זעהן דאָס גאַנצע גליק פון אַ פאַמיליען-לעבען: דער מאַן אינדערמיט, דאָס ווייב ביי דער זייט, די קינדער אַרום זיי, אַלע שיינען, ווי זיבען זינען; טאַקי ווי אין שיר המעלת שטעהט: אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתיך, בניך כשתילי זתים סביב לשלחניך. אשריך וטוב לך — אַזוי וואויל און אַזוי גוט איז צו דיר!.. פרעג איך אייך, איז ניט כדאי צוליב דעם אַליין חתונה האָבען? צוליב קינדער וועגען?

— געוויס, געוויס. דאַרף מען חתונה האָבען. קינדער איז

אַ גרויסע זאַך.

— קינדער זאָגט איהר... המם... נאָר ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַז קינדער איז אויך גוט מיט אַ מאָס. קענט איר מיר אָבער קאַווירען, אַז גאָט וועט מיר ניט בענטשען מיט אַ כאַליאַסטרע פּיקערס, אַז ביים טיש וועט פֿון די לעפֿעל אַליין ווערען אַ זאַווערוכע? קענט איר מיר ערב זיין, אַז מיין ווייב וועט ביי מיר ניט זיין יאָר איין יאָר אויס אויף דער צייט מיט אַ צווילינג אָדער אַדריילינג און אפשר טאַקי אַ פירלינג? עס טרעפט. אָט האָב איך אַליין אַגוסטען געזעהן אין אַ זשורנאַל, ווי אַ פרוי האָט ערגעץ אין אַ דאָרף, אין אַוסטראַליע, געבוירען אַ פירלינג. פאַרוואָס זאָל עס מיט מיר ניט טרעפען?.. דאַרף איך עס האָבען אויף זיך דעם גאַנצען טאַראַראַם מיט באָבעס, הויב-אַמען, אַקושאַרינס, זייגערינס, וויגעלאַך, וויקעלאַך און ווינדעלאַך... און וואָס איך טהון, אַז צווישען די קינדער וועט קיין איין זכר ניט זיין, נאָר דורכאויס מיידלאַך? און עס וועט שווימלען און גריבלען די שטיב מיט מיידלאַך: „איך מיט אַ מיידעל, דאָס ווייב מיט אַ מיידעל, אַ מיידעל מיט אַ מיידעל און אַ מיידעל מיט נאָך אַ מיידעל און אַ מיידעל אַליין“... ועל כלם די מאָזעלאַך מיט די פּאָקעלאַך מיט די ציין-שניידעניש, מיט די ציין-געשווירלאַך, מיט די זאַוואַלקעס, מיט די זובישצעס, מיט די שטייפע מעגעלאַך, מיט די לייזע מעגעלאַך. טפו! דאַרף איך דאָס האָבען די קאַטאָרגע אויף זיך. איך זאָל אַ נאַכט ניט קענען רוהיג איבערשלאָפען... עט, זאָל דאָס געהן ווי עס געהט. איך האָב נאָך צייט. ווי מיינט איר?

— איך מיין איר האָט נאָך צייט חתונה צו האָבען.

— אַיאָ אַזוי? איך האָב נאָך צייט. איך וועל מיך? נאָך מישב זיין. חתונה האָבען איז זעהר אַנ׳ערנסטע זאַך. אַגאַנץ לעבען דאַרף מען זיך וועגען דעם מישב זיין... איז אָבער די קשיה, אַז אַ גאַנץ לעבען וועל איך זיך מישב זיין, טאָ ווען זשע וועל איך חתונה האָבען? און אגב וועלען דאָך די מיידלאַך זיך אויך אָנהויבען מישב זיין. און אַז די מיידלאַך וועלען זיך אָנהויבען מישב זיין, וועט זיין אַז אָך און וועה צו מיר! פאַרגעסט ניט, אַז איך בין

שוין אַ בחור אין די יאָרען צווישען 23 און 49. איצטער איז נאָך צודערליידען. איצט פרעגט מען נאָך ביי מיר: „יאָשע-בער, פאַרוואָס האָט איר ניט חתונה?" אָבער נאָך אַביסעל וועט מען שוין ביי מיר פרעגען: „יאָשע-בער, פאַרוואָס האָט איר ניט חתונה געהאַט?" דאַמאָלס איז גאָר פאַסקודנע. אָבער טאַקי גאָר פאַס-קודנע!... וואָרום וועמען, אַשטייגער, וועל איך דאַמאָלס נעמען? אַן אַלטע? — וועט זי הוסטען און איך ניט. אַ יונגע? — וועל איך הוסטען און זי ניט. אַ כלל זאָלט איר האָבען, אַז אַ פּאָרפאָלק האָט ליב, אַז ביידע זאָלען גלייך הוסטען. אַניט פעלט די „האַרמאָ-ניע" פון פאַמיליען-לעבען, עס פעלט די „פּראָפּאָרציע" און, אַז עס וועלען נאָך זיין קינדער אפלו וועל איך ניט האָבען קיין כח צו געבען זיי די ריכטיגע ערציהונג... איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אַזאַ געזונד מיר, ווי גערעכט עס זענען געווען אונזערע חכמים, ווען זיי האָבען געזאָגט: עד עשרים שנה — ביז צוואַנציג יאָר יושב הקדוש ברוך הוא-זיצט דער רבנו של עולם, ומצפה לאדם-און וואַרט צו דעם מענטשען: מתי ישא אשה — ווען וועט ער שוין נעמען אַ ווייב. כון שהגיע — וויבאַלד עס איז געקומען די צייט ולא נשא — און ער האָט קיין ווייב ניט גענומען, הקדוש ברוך הוא אומר — זאָגט דער רבונו של עולם: תפח עצמותיו! — אַ קרענק אים אין די ביינער... איך מיין, אַז עס איז ניטאָ וואָס צו וואַרטען. טאַקי חתונה האָבען און טאַקי דערלעבען אַ דור און טאַקי האָבען קינדערלאַך און אייניקלאַך. זיין אַ טאַטע, אַ זיידע, אַן אַלטער זיידע... וואָרום ווי האָט איינער אַמאָל געזאָגט: עס איז ניטאָ קיין גרעסער גליק פאַר אַ מענטשען אויף דער עלטער, ווי ווען ער קען זאָגען צו זיין טאָכטער: "טאָכטער-לעבען, זאָג דיין טאָכטער, אַז זי זאָל זאָגען איר טאָכטער אַז איר טאָכטערס טאָכ-טער וויינט„ און איך מישטיינסגעזאָגט, וואָס איז מיין לעבען און וואָס וועל איך דערלעבען אויף דערעלטער? עט, מען דאַרף נעמען און חתונה האָבען און פּטור אַן׳עסק. ווי מיינט איהר?

— איך מיין אויך, אַז מען דאַרף נעמען אין חתונה האָבען. און אַ סוף זאָל עס נעמען!

— „אַ סוף זאָל עס נעמען". אייך איז גרינג אָפּצוזאָגען.

און דאגת הפרנסה האָט איר פֿערגעסען. און צער גדול בנים האָט איר פֿאַרגעסען, און אַ ווייב אַ צרה האָט איר פֿאַרגעסען, וואָרום וואָס איז דען אַ ווייב אויב ניט אַ צרה אין טעגליכע פֿאָרזעצונ־גען? און שלאָפֿלאָזע נעכֿט, און קאָפּדרעהעניש, און האַרצוועהטאָג, און שרעק, אין פּרעניות, און קרענק, און פּאָקעלאַך, און מאַזעלאַך, און זאַוואַלקעס, און זובישצעס, און שטייפֿע מעגעלאַך, און לייזע מעגעלאַך. און דינסטען און קיכֿען מיט סאָלדאַטען מיט ירידען און הצראַכידערס... צו וואָס דאַרף איך עס? און צו וואָס דאַרפֿט איהר עס? עס איז אייך דאָס לעבען נמאס געוואָרען? וואָס אַרט אייך, אַז איך בין אַ בחור? וואָס געהט אייך אָפּ? עס געהט אייך אין לעבען, געהט אייך, איך זאָל חתונה האָבען?... אַ כּפּרה, איך האָב ניט חתונה און פּטור! ווי מיינט איר מיט אייער קראַסנאָרעטשווע לאָגיקע?

איך מיין אַזוי: מען נעמט און מען האָט ניט חתונה—

— „ניט חתונה האָבען“. איז אָבער אַ צרה, וואָס טהוט מען מיט דאָס עלענדקייט? האָט איר דען אַ „פּאָניאַטיע“ ווי אַ בחור איז עלענד? „אַליין זאָלסטו עסען דיין ברויט!.“— איז דען דאָ אַ גרעסער קללה אויף דער וועלט? כּל השרוי בלא אשה שרוי בלא ברכה — ווער עס לעבט אָהן אַ ווייב, ווייס ניט, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, איצט איז נאָך אַ האַלבע צרה, איצט איז מען נאָך יונג, קראַסנאָרעטשיווע, און מען קען נאָך פֿאַרברענגען מיט געזעלשאַפֿט, אָבער נאָך אַביסעל וועט מען דאָך מיך אויפֿן שוועל ניט אַרויפֿלאָזען. עס וועט דאָך ניט זיין ווער זאָל מיר אַביסעל וואַסער דערלאַנגען, ווער עס זאָל מיר אַ האַרציצניק צולעגען. איך מיין, אַז צוליב דעם אַליין דאַרף אַ מענש נעמען אַ ווייב. וואָרום אַ ווייב איז דאָך דער שבת קודש פֿון מאַן. אַ ווייב איז אַ חבר, אַ ווייב איז אַ טאָוואַרישץ, וואָס טיילט זיך מיט דיר אי פֿריידען אי ליידען, הן אין גוטע אָבסטאַיאַטעלסטווס הן אין שלעכֿטע אָבסטאַיאַטעלסטווס. אַ ווייב איז אַ מאַמע, אַ שוועסטער. אַ עקאָנאָמקע, אַ שפּאַס פּאָליטישעסקע עקאָנאָמיע! זי פֿאַרציר־רעווועט אייך אַ זאָק. גיט אייך וועש אין באָד אַריין, איר קריגט אַ רעמאַטיזם, שמירט זי אייך אויס מיט רעמאַטיזנעם עסיג; איר קריגט

אַ געשוויר, לעגט זי אייך צו אַ האָניג-טייגעל; איר קריגט בויך-וועהטאָג, לעגט זי אייך צו אַ הייסען קאָמפּרעס; איר באַקומט שטעכעניש אין די זייטען, לעגט זי אייך צו אַ האַרציצניק; איר גיט אַ ניס, זאָגט זי אייך „צו געזונד" און גיט אייך אַ ציה פאַר'ן אויער און זאָגט „לשועתך קויתי"... און אַז גאָט העלפט, דאָס ווייב איז געבענטשט מיט משפחה, בין איך דאָך שוין גאָרניט עלענד. די משפחה חלשט נאָך מיר; אַלע שלינגען מיינע טריט און יעדער ברענגט מיר מתנות. קודם כל די דרשה-געשאַנק: די שענע לעפּ-לאַך מיט די טייערע גאָפּעלאַך, הייבט אַ „בודילניק"! אַ גאַנץ יאָר —גלאַט מתנות: פּורים — שלח-מנות פּסח—אַביסעלע חרסת, הושענה רבה—פאַרזאָרגט מען מיך מיט אַ הושענה, שבועות—מיט אַ פּוטערפּלעצעל. ביי דעם אַ שמחה, ביי דעם אַ קנס-מאָל, ביי דעם אַ ברית, לויטער שמחות. ביי דעם האָט זיך די קוה אָפּגעקעלבט ברענגט מען מיר אַביסעלע זויער מילך. אַ פרישען קריגעלע, דער פּרעגעלט געגז. ברענגט מען מיר אַ ביסעלע גריוועון צו פאַרזוכען, אַ לעבערל, אַ פּופּיקל, אַ העלזעלע, אַ פליגעלע, אַ ביסעלע גענ-זענשמאַלץ. אַז מען שמועסט, מען האַלט אין איין טראָגען. און די משפחה האָט קרובים... און די קרובים האָבען נאָך קרובים און און די קרובים האָבען מקורבים און די מקורבים האָבען מקורבים'לאַך, און די מקורבים'לאַך האָבען נאָך מקורבים'לאַך און די מקו——

— האָט חתונה!.. איר מוזט חתונה האָבען!... נאָר חתונה האָבען!...

— „נאָר חתונה האָבען"... אַבי איר האָט נאָר דערהערט פון אַ פּופּיקעל און אַ לעבעריל און פון אַ משפחה פון דער ווייבס צד, איז שוין ביי אייך: „האָב חתונה!" און מיט וואָס קענט איר מיר קאַווירען, אַז מיין שווער וועט צו מיר ניט קומען צו פאָרען פלוצלונג מיט אַ ראָק אין האַלז? און וועט זיך צולעגען קרענקען ווי אַ גראַף אין מיין בעט? און איך זאָל דאַרפען מאַכען קאָנ-סיליאומס? און מיט וואָס קענט איר מיר ע"ב זיין, אַז עס וועט ניט קומען צו מיר צופאָרען עפּעס אַ מומע פון דער ווייבס צד אָדער אַזוי אַנ'אָרימע קרובה און וועט ביי מיר געלעגען ווערען?... און מיט וואָס קענט איר מיר ערב זיין, אַז עס וועט ניט אין אַ שע-

נעם פֿרימאָרגען אָנפֿאָרען מיין ווייבס אַ גלידשוועסטער קינד אַ מיידעל, וואָס וועט קומען, איך זאָל איר חתונה מאַכען? און ועל כּלם — אַ שוויגער! —אַ מכּה מיט אַ בלאָטער! אויף דעם האָט איר גאָר פֿערגעסען. עפּעס מוז דאָך דאָס באמת זיין אַ שרעקליכע באַשעפֿעניש, אַ שוויגער, וואָס די גאַנצע וועלט האָט דערפֿאַר אימת מות. קענט איר מיר אויף דעם אַלעמען ערב זיין? ניין? טאָ וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איר מיר צו הייסען חתונה האָבען?

— טאָ האָט נ י ט חתונה!

— ניט חתונה האָבען? זאָל איך גיין פּראָטיוו זאַקאָנאַ פּריראָדי? און דאָס, וואָס איך האָב ניט קיין היים און וואָס איך האָב ניט קיין שבת און קיין יום טוב? און וואָס איך האָב ניט וואָהין אַריינצוגעהן? און וואָס איך לעב, ווי אַ הונד, און וועל שטאַרבען ערגעץ הינטער אַ פּלייט? און דער תכלית וואו איז? מיין איך, דער „ציעל ק׳זשיזני“? און ווי זיצט עס גלאַט אַ מענש אָהן אַ ווייב? וואָס עפּעס ווילט איר, איך זאָל געהן „פּראָטיוו זאַקאָנא פּריראָדי“? בין איך דען ניט קיין בשר ודם, אַ מענש, ווי אַלע מענשען? אלמאי זאָל איך זיין קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט? ווייס איך. נאָ טשטאָ מניע פּיזיקאַ! מען דאַרף חתונה האָבען און נעמען אַ ווייב. אין חאָדיע!

— איך מיין אויך אַזוי: מען האָט חתונה און מען נעמט אַ ווייב אין האָדיע!

—אַ ווייב?... מיט ניין מאָס רעד?... זי זאָל מיר פּיקען אין קאָפּ און שיטען פֿון אַלעכערדיגען זאַק! און מאָהלען ווי אַ מיהל און נאָך אפשר שעלטען זיך אויך. איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייבטער, נאָר איך פֿאַרשטעה עס קראַסנאָרעטשיווע, אַז אַ ווייב צורעדט זיך מוז שוין זיין איינמאָל אנ׳אימגליק. עס שלאָגט אייך צום גאַל און עס רעדט, עס שלאָגט אייך צום חלשן און עס רעדט, איהר פּיהלט, אַז איהר עקט זיך, און עס רעדט, און עס רעדט, און עס רעדט, און עס רע— — — —

—האָט ניט חתונה!...

—און אפשר וועט זי אַנטשוויגן ווערען! אַ מענש איז דאָך ניט קיין מאשינע. זי וועט זיך אָנריידען און וועט אַנטשוויגען ווערען.

— טאָ האָט יאָ חתונה!

— און אַז אַ ווייב ווערט אַנטשוויגען, מיינט איר, איז שוין גאָר גוט? איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייבטער, נאָר פערשטעהן פארשטעה איך, אַז אַ ווייב ווערט אַנטשוויגען, איז נאָך ערגער. דאַמאָלס ווילט זיך, אַז זי זאָל רעדען. זאָל מען כאָטש הערען אַ מענשליכען קול. זאָל זי רעדען. זאָל זי כאָטש שעלטען. ווּעמען אַהרט עס? זאָל זי!..

— טאָ האָט יאָ חתונה.

— און וואָס וועל איך טהון, אז זי וועט מיר פיינט האָבען ווי אַ שפין און וועט מיר פאַרשאַפען בזיונות מיט לייטישע געלעכ־טער? און איך וועל ביי איר ליגען ניין איילען אין דר׳ערד? און עס וועט זיין; ווי מען זינגט אין טעאטער: „א ווייב פאר יענעם און פאר דיר א גיהנום״?

— טאָ האָט ניט חתונה!.

— און אפשר וועט זי מיך ליבען?

— טאָ האָט יאָ חתונה!

— און אַז אַ ווייב האָט ליב, מיינט איר, איז שוין גאָר גוט? איך ווייס ניט, איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין באווייבטער, נאָר מיר דאכט. אַז עס איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז אַ ווייב ליבט דיר זעהר שטאַרק און זי איז מיט דיר אהבת נפש און לאָזט דיך פון אויג ניט און פאַדעט ארום דיר, ווי אַ קאַץ און קוקט דיר אין מויל, ווי דאָרטען וואָלט געווען אַ אילייזיאָן.

— האָט ניט חתונה! וואָס ווילט איר פון מיר? האָט ניט חתונה!

— אין די עלענדקייט האָט איר פארגעסען? און די עלטער? אַז איך וועל ווערען אלט און קראַנק, קראַנק און עלענד, עלענד און עובר־בטל, עובר־בטל און שוואַך און שוואַך און אָפגעלאָזען?

— האָט יאָ חתונה! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך?! האָט חתונה!

— און פאקעלאך און מאָזעלאך? און אַ שוויגער און לייזע מעגעלאַך און שטייפע מעגעלאַך—

— האָט ניט חתונה. ניט! איר זאָלט ניט חתונה האָבען און אַ סוף זאָל דאָס נעמען!

— און אַ היים? און אַ תּכלית? און „אַ ציעל קזשיזני״? און „פּראָדאָלזשעניע טשעלאָוועטשעסקאָווא ראָדאַ? און א הארציצניק צולעגען?

— האָט י אָ חתונה!

— און...

— האָט נ י ט חתונה!... האָט י אָ חתונה!... האָט י אָ חתונה!..

האָט נ י ט חתונה! י אָ — נ י ט!.. נ י ט — י אָ!.. — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

דער כח הדם האָט מיר געגעבען אַ שלאָג אַריין אין מח. עס האָט מיך אויפגעריסען, ווי אַ באַמבע און האָב דעם פּאַרשוין אָנגעכאַפּט ביי די לאַצען געטרייסעלט ווי א לולב און געשריהענדיג מיט מיין קול:

— האָט חתונה!! איר הערט וואָס מען זאָגט אייך?! ממזר! באַנדיט! חתונה זאָלסטו מיר האָבען! די מינוט זאָלסטו מיר חתונה האָבען! ווארום איך וועל דיר!... חתונה! חתונה! חתונה זאָלסטו האָבען! ח—תו—נה!.. ח—תו—נה!..

אויף מיין געשריי איז אָנגעלאָפען מיין ווייב, און זי האָט מיך קוים פון אים אָפּגעריסען. איך בין אַנידערגעפאַלען אויפן שטול כמעט אהן חושים. די הענד האָבען מיר געטרייסעלט, און איך האָב קוים געקענט כאַפּען דעם אָטעם.

מיין פּארשוין האָט זיך געבראַכט אין אָרדענונג, זיך פארנויגט, געריבען די הענט און געזאָגט.

— הייסט עס, האָב איך פון אייך היינט קיין ריכטיגע ריכטיגע עצה ניט באַקומען. איך זעה איר זענט טאַקי אַ מענש אַ קראַסנאָרעטשיווער נאָר אַ ביסעל אַ ספּיצאַליוער. האָט ושע מיר אַ גוטען תמיד, אַדיע.

אין פאַטאָגראַפיע.

I.

ביי'ם אַדוואָקאַט.

איך האָב איהם דעם קאָפּ צושפּאָלטען, דעם מוח געזעפּלעט, די מאַשינע צובראָכען? געוויס. ווער קען דאָס לייקענען? נאָר אַז איך הויב מיך אָן צו דערמאָהנען אויף דער גאַנצער מעשה, ווי אַזוי דאס איז געווען, — מיין איך, אַז דאָס איז אַ חלום; וואָ־ום ווי קום איך גאָר אויפצוהויבען אַ האַנד אויף יענעם, אַז איך טשעפּע גאָרנישט קיין פליג אויפ'ן וואַנד. און אַז איך דערזעה בלוט, ווער איך אַ פּעוצ'טערטער. ווי־זשע איז עס געשעהן, פרעגט איהר? אסור אויב איך ווייס. אַ בייזע שעה איז דאָס געוועזען, אַ פּערוועהעניש, אַ פערבלענדעניש אדער אַ קליפּע, ר"ל, האָט זיך אין מיר אַריינגעזעצט, נישט אַנדערש. אַז איך ווייס גאָרנישט, פּאַניע אַדוואָקאַט, וואָס איך זאָל טענה'ען אין סוד און מיט וואָס איהר קענט מיך פערענטפערן. אַדרבה, לאָמיר זיך גוט איינטראַכטען אין דעם ענין, ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען. טאָמער וועט איהר פאָרט געפינען אַ שטיקעל זכות. איך ווייס? איהר זענט דאָך אויף דעם אַ אַדוואָקאַט! טאָ הערט מיך טאַקי אויס. איך וועל אייך אויסדערצע־לען אַלץ „פּאָדראָבנע".

געשען איז עס, ווי איהר ווייסט שוין, אום היינטיגען חול-המ'עד פסח. נו, אַ פסח! אַז עס איז בעשערט אַ פערשטערניש, איז דאָך נישט שייך. טאָמער וואָלט איך אום יום-טוב זיך אַ ביסעל אויסגערוהט, וואָרום, עס פּאַסט צו זאָגען, אַ גאַנץ יאָהר איז מען דאָך ווי אַ רשע אין גיהנום, פערהאַוועט, צוטראָגען. מען וואַרט אויף יום-טוב ווי אַ גוטער איד אויף משיח'ן. היינט ביז וואַנען מען טראָגט אידם דעם פסח אין שטוב אַריין, ווערט מען דאָך גוט פערשוואַרצט און אויסגעריסען, האָפּט מען, וואַרט מען: דער יום-טוב וועט קומען, וועט מען די ביינער צונויפקלייבען, צו-זיך קומען, דעם אָטעם אָבכאַפּען,.. און וואָס טוט גאָט? ב׳שאַפט ער אַ פאָטאָגראַפיע מיט אַ פאָטאָגראַפּטשיק, מיט ספּאַקטיווגס, מיט קאַרטעס, מיט מאַשינעס, מיט פּאָטרעטשיקעס און מיט אַלע איבעריגע אָנשיקעניש... וועט איהר דאָך פרעגען: וואָס האָט דאָס מיר צו טון? האָב איך אָבער אַ ווייב, זאָל געזונד זיין, מיט טעכטער, מיט אַ זוהן אין אַמעריקאַ, וואָס שיקט מיר אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זיינע קאַרטעס, אָדער ווי ער רופט עס דאָרטען אין אַמעריקאַ—פּיקטשעס, און וויל נישט אַנדערש, אַז איך זאָל איהם אויך מיינס אַ פּיקטשע שיקען; איז טוען זיי אַלע און טאַטשען מיר און גריזשען און טרענען מיר די אָדערען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך זאָל געהן צום פאָטאָגראַפּטשיק און אַראָבנעהמען זיך אויף אַ קאַרטע.

מילא, פון פרומקייט איז דאָך שוין אבגערעדט. ווער קוקט היינט אויף דעם? אַמאָל, געוועהנטליך, איז אָבפאָטאָגראַפירען זיך געווען ווי האַלב גע'שמד'ט, נאָך ערגער ווי גע'שמד'ט. און אַזאַ יאָהר מיר, ווי זיי זענען גע'ווען גערעכט, וואָרום זיי האָבען גאַנץ גוט געוואוסט, אַז קיין גוטס וועט דערפון נישט אַרויס. והראיה, איהר זעהט דאָך, דאַרף איך האָבען צו טון מיט אַדוואָקאַטען, סוד'ען און משפט'ען זיך און פערשוואַרט ווערען, און ווער ווייס, צי איך וועל אין אָסטראָג נישט זיצען? מעהר פּאַסט שוין גאָרנישט צו די עלטערע יאָהרען, — אין אַלץ איבער דער פערשאָלטענער פאָטאָגראַפיע.

מילא, האָבען זיי, הייסט דאָס, די ווייב און די קינדער ביי

מיר געפּועל'ט. איז ווען אַ שטייגער, געהט מען אין פאָטאָגראַפיע אַריין? עס פערשטעהט זיך, אַז נישט אין מיטען יאָהר און נישט אין אַ מיטען אַ מיטוואָך. על-כל-פנים, בין איך דאָך נישט חסר דעה, אָדער ח"ו פון זינען געריהרט, אַז איך זאָל מיר אין מיטען וואָך געהן אויסטראָנצלען און אויספוצען זיך אין בגדי שבת ויום-טוב און לאָזען זיך איבערן שטעדטעל אויף אַלעמענס בייז וואונדער. איהר פערשטעהט דאָך, וואָס פאַר אַ פנים, אַ שטייגער, איך וואָלט האָבען בלייטען און ביי זיך אַליין. און ווער רעדט, אום שבת, וועל איך דאָך אַוודאי נישט געהן. על-כל-פנים איז דאָך נאָך אַזוי ווייט נישט געקומען, אַז איך זאָל צוליב דעם מחלל שבת זיין. אַז נישט דערהערען וועט דער פאָטאָגראַפטשיק מיט דער פאָטאָגראַפיע אינאַיינעם!

האָבען מיר, הייסט דאָס, אָבגעלעגט דאָס אַראָבנעהמען זיך אויף חול-המועד פסח. ראשית איז דער יום-טוב אום חול-המועד אַ ביסעל וואָכעדיג, אָנגעטון איז מען יום-טוב'דיג. דער קאָפּ איז, ווי זאָגט איהר, אויך רוהיגער, מעהר אויפגעלעגט פאַר אַזעלכע שטות'ערייען... געהען מיר. געקומען אין פאָטאָגראַפיע אַריין, פיהרט מען מיך אין אַ הייזעל פון דורכאויס פענסטער, פערהאַנגען מיט אַלערליי פאָרהאַנקעס; היינט מאַשינעס מיט פּרושינעס, מיט אַלערליי דאָרטען מכשירים. ער, דער פאָטאָגראַפטשיק, זעצט מיך אַוועק אויף אַ שטוהל, די פּאַטילניצע מיינע פעררוקט ער הינטער אַזאַ מין סאָרט אייזערנע מאַכערייקע... איך בין נישט פויל און גיב איהם טאַקי באַלד אויפ'ן אָרט אַ פרעג: זאָגט מיר, זאָג איך, כּאַני פאָטאָגראַפטשיק, וועט דאָס טאַקי שטאַרק וועה טון? און וואָס פאַר אַ וועהטאָג אַנ'ערך דאָס וועט זיין? צי, למשל, ווי מען גיט אַ שטאָך מיט אַ נאָדעל, אָדער, ר"ל, ווי מען רייסט אַרויס אַ צאָהן? נישט קשה — זאָג איך איהם — איהר מעגט מיר זאָגען דעם גאַנצען אמת. איך האָב מיר שוין איינמאָל געמאַכט אַ האַרץ. עלעהיי, זאָג איך, זאָל דוכטען — אַ רעפּעראַציע. ענטפערט ער מיר: גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָר באַלד גלויב איך איהם אַז דער שכל איז מחייב, אַז עס מוז וועה טאָן. דען ווי באַלד דער כח פון פנים ווערט אָבגעקלאַפּט אויף אַ גלאָז, וואָס האָט אַ מאַגנעט און עס ווערט דערפון אַ „טיען" און פון דעם „טיען" ווערט דערנאָך אַ קאַרטע, — טאָ מוז דאָך דאָס

וועה טון?—האַ? וואָס זאָגט איהר, נישט אַזוי?

מילא, זיץ איך אין געהאַקטע וואונדען, און ער, דער פּאָטאָ-גראַפֿטשיק, לויפֿט און שפּרינגט אַרום מיר ווי אַ פּער׳סמ׳טע מויז; שמייעט מיט אַ שטעקען אין האַנד, פֿערקאַטשעט אַ פּאָרהאַנקע אַרויף, אַ פּאָרהאַנקע אַראָב און אין מיטען ווערט ער גאָר נעלם און בע-האַלט זיך הינטער אַ קאָלדרע, פּונקט ווי ער וואָלט מיט מיר שפּי-לען אין בעהעלטעניש; קוקט אויף מיר פֿון אַ שפּאַקטיוו. און ווידער אַמאָל געלאָפֿען, געשמייעט, געטאַנצט און געסאָפּעט און אַלץ עפּעס אַזעלכע אָנגעשוואָלענע, אָנגעדראָלענע דבורים און שפּרוך-ווערטער אַזוינע, וואָס מען דאַרף האָבען אַ קאָפּ פֿון אַ דייזשע זיי צו געדענ-קען: „יעסטעסטווענע—שרייט ער— יעכטעסטווענע! פּאָזשאַלעסטווע יעסטעסטווענע! גלאַוונאָיע אין אַ פּאָטאָגראַפֿיע – זאָגט ער – דאַרף מען זיצען יעסטעסטווענע!” איהר ווייסטאַטשער, פּאַניע אַדוואָקאַט, וואָס הייסט עס זיצען יעסטעסטווענע? איך ווייס, ווי מען זיצט אויף טערקיש — די פֿיס אונטער זיך. אָבער וואָס הייסט עס זיצען יעסטעסטווענע? און פֿרעגען איז דאָך נישט שייך, וואָרום ריידען איז חיות נישט זיכער! און ער שרייט נאָך אַלץ יעסטעס-טווענע און יעסטעסטווענע!... וואָט טאַק!... וואָט טאַק!... דעם קאָפּ אויף אַ זייט... אָט אַזוי, אָט אַזוי... נאָך אַ ביסעל, נאָך אַ ביסעל... די האַלז ציהט אויס... נאָך... נאָך... נאָך... וואָט טאַק... יעסטעס-טווענע...

—איצט—זאָגט ער—מאַכט אַ פֿרעהליכע ווירזאַשעניע... שמיי-כעלט... שמייכעלט... ס׳איז גרינג צו זאָגען שמייכעלט, אַז מיר איז אַ מינוט צו חלש׳ען און אַ שמעק טאַבאַק ווילט זיך—אַז איך שטאַרב. נור אַ ברירה האָב איך? און איך שמייכעל, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט איז מיר ליב און מיין לעבען איז מיר זיס ווי אַ פּאַטעקע-האָניג. געפֿעלט איהם ווייטער נישט, ניין—זאָגט ער— סעריאָזנע!... אַ סעריאָזנע ווירזאַשעניע האָט מעהר „וויד”... די ברעמען הויבט אויף... העכער, העכער... אָ, אָ, אָט אַזוי!... עס וואָלט געווען גוט, זאָגט ער, ווען איהר מאַכט נאָך אַ פּאָר קניי-טשען אויפ׳ן שטערען... אָ, קנייטשען—זאָג איך— קען איך אייך מאַכען וויפֿיל איהר ווילט נאָר אַליין. אויף קנייטשען דעם

דעם שטערען — זאג איך — בין איך גאר א גרויסער מאדים... אלא וואס דען? דער נאז געפעלט איהם נישט. מיין נאז — זאגט ער — איז צו גרויס. עס האט נישט די ריכטיגע פּאנאָראמע... איהר פערשטעהט? ביז אהער האב איך געמיינט, אז א נאז קאן האבען א בראדאווקע, א הויקער א זומער־שפּינגעל וכדומה. אבער א נאז מיט א פּאנאראמע — דאס הער איך דאס ערשטע מאל.. פּרובט — זאגט ער — דעם נאז א ביסעל ארײנשלעפּען אין זיך... אטהעמט צו זיך, אין זיך... שמעקט... שמעקט... שטארקער... א, א, א!... און איך אטהעם, און דישע, און שמעק און הער אויפ'ן קיך פּרעגעלט זיך פּסח'דיגע חרעמזלעך, פּאלידמשיקעס.. נײן — זאגט ער — די נאז ווערט נישט קלענער. כ'וועל מוזען אייך איהם אויסקלעגען א רעטוש... וואס איז דאס אזוינס א רעטוש? וואס אזוינס קלײבט ער זיך ארויפלעגען ביי מיר אויפ'ן נאז? — ווייס איך נישט. נאר פערשטעהן, פערשטעה איך, אז מיט מיין נאז האלט ער נישט פרעהליך. און אין הארצען גיב איך א נדר, אז ווען איך וועל אי"ה פון זיינע הענד ארויס בשלום מיט א גאנ־צען נאז, — וועל איך גומל בענשען.

נו, איצט, זאגט ער, קוקט אהער!... קוקט אויף מיין שטערען, ווינאוואָט, קוקט אויף מיין פינגער, קוקט אויף דער טאָטשקע זרעניע... די ליפּען, די ליפען בענעצט! זיי זענען ביי אייך, פערטריקענט געווארען, בענעצט זיי מיט'ן צונג. איצט שטעקט ארויס די צונג, ווינאוואָט, מיין איך דעם קאָלנער. נישט פינטעלט מיט די אויגען. נישט אטהעמט, נישט געניצט... שט... איין מינוט... איך צעהל... איינס... צוויי... דריי... פיער...

— —

דא האט מיר מיין גערולד געפּלאצט. דער כח הדם האט מיר א זעץ געטהון אין קאפּ. איך האב פערלוירען דעם שכל דעם ישוב הדעת מיט הכל בכל. האב געכאפּט די מאש־נע און גלייך איהם איבער'ן קאפּ, טראך און טראך!... דעם קאפּ איהם געשפּאלטען, דעם מח געפלעט... דאס קען קיינער ניט לייקענען. אבער ווייטער וואס? וואס טהוט מען פּאניע אדוואקאט? גיט אנ'עצה?

II.

ביים דאָקטאָר.

יאָ, יאָ... אַזוי ווי איהר זעהט, הערר דאָקטאָר, בּין איך קראַנק... איך הער ווי די כּוחות געהן מיר אויס... איך פערגעה ווי אַ ליכט... אָך — נאָ — נאָ... איך בּין אַלט, געוויס. 78 יאָהר איז נישט קיין קלייניגקייט, אָבּער נישט צו פערזינדיגען, געפּיהלט זיך מעשה-מענש, געוועזן לייטען גלייך... אַ תענית, אָבּפּאַסטען אַ שבעה-עשר-בּתמוז'דיגען טאָג איז בּיי מיר געוועזן פון די קלייניגקייטען; אַ יום-כּפּור'דיגען מעת-לעת אָבשטעהן אויף די פיס אין שוהל — פלעגט מיר נישט אָנהויבּען צו אַרען. נאָר דאָ, פון היינטיגען חול-המועד-פּסח אָן, בּין איך, לא עליכם, אויס מענש געוואָרען. אָך-כאָ-כאָ... אַראָבגעפּאָהרען צראָב און אַראָב... קוים וואָס איך געה דורך דאָס געסיל אין בּית-המדרש אַריין... פון טאָג צו טאָג ווער איך שוואַכער, קראַנקער. נעהנטער צהין... אַהין...

— און זאָגען: דאָס פּסח-דיגע עסען האָט מיר פערשאַדט?
ניין, אַדרבּה, פּסח'דיגעס עסען איז מיר דוקא ניחא. און מצה האָב איך גראַדע ליב. מעהר נישט די „זאָשלגס” אַ בּיסעל צושטאָבּען; קיין צאָהן אין מויל, נישט פאַר אייך געדאַכט... אָבּער לולא

זאת — נישט צו פֿערזינדיגען... וואָרום אַז איך כאַפּ אַנ׳איבעריגען ביסען, ווייס איך שוין וואָס און וואו און ווען... אָט ווייס איך, למשל, אַז זונטאָג בעדאַרף איך שוין נישט עסען, ווייל דער שבת׳דיגער טשאָלענט ליגט נאָך מיר אין מאָגען — עס איך נישט... מאָנטאָג בין איך מיר שוין ווידער אַ מענש...

ניין, הערר דאָקטאָר, מיין קראַנקהייט נעהמט זיך גאָר פֿון אַנ׳אַנדער זאַך, גאָר פֿון אַנ׳אַנדער זאַך... איך ווייס, איהר ווערט אפשר לאַכען. ביי אייך אין דאָקטאָריע לערנט מען נישט פֿון אַזעלכע זלנת׳ן... ביי מיר אָבער איז דאָס קלאָר, קלאָר ווי דער ליכטיגער טאָג. איך ווייס, פֿון וואַנען דאָס נעהמט זיך און פֿון וואַנען דאָס קומט מיר... פֿון דער פֿערשאָלטענער פֿאָטאָגראַפֿיע, הערר דאָקטאָר... די פֿאָטאָגראַפֿיע איז מיין מלאך המות. יאָ...

וואָס הייסט? פשוט, געווען אין פֿאָטאָגראַפֿיע, אַראָבגענומען זיך אויף אַ קאַרטע, געקומען אַהיים און דערפֿיהלט, אַז איך בין שוין נישט דאָס... פֿע... אָבער גאָר נישט דאָס... פֿערשאַדט...

— ווי אַזוי פֿערשאַדט? חע — ע, פֿאַני דאָקטאָר, איהר ווילט אַ שכל, ביי אייך איז דאָך אַלץ על פּי שכל: אַ כח, אַ נאַטור־זאַך, אַ מאַגאַנעט, עלעקטרע...

ניין, הערר דאָקטאָר, פֿאַראַן זאַכען, וואָס זענען למעלה מן השכל. נישט איך און נישט איהר זאָגן נישט קיינער פֿערשטעהט עס ניט, אָבער עס איז פֿאַראַן, פֿאַראַן... און עס שאַדט...

אַדרבה, אַז אַלץ איז ביי אייך על פּי שכל, טאָ גיט מיר צו פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס עפּעס אַז אַ מענש שטאַרבט, ווערט זיין קאַרטע אָבגעבלאַקעוועט, בלייך? האַ? איהר ווערט דאָך אין דעם נישט לייקענען. אַ סימן, אַז דער מענש מיט דער קאַרטע האָבען אַ שייכות. וואָרום אַז עס זאָל נישט זיין קיין שייכות, וואָלט די קאַרטע נישט בלייך געווען. משמעות, אַז פֿון פֿאָטאָגראַפֿירען זיך קומט קיין געזונד נישט צו... נו. אַדרבה, ערקלערט מיר טאַקי אויך מיט׳ן שכל, פֿאַרוואָס איז עפּעס אונזער אַלטער הושע־בער דעם רב׳ס, ע״ה, געשטאָרבען און דוקא אין דעם זעלבען יאָהר, וואָס ער איז געווען אין פֿאָטאָגראַפֿיע?... געווען אין פֿאָטאָגראַפֿיע, אַרונטערגענומען זיך און אין דעמזעלבען יאָהר

געשטאָרבען... אָך־כאָ־כאָ. איך געדענק, ווי ער, ע"ה, פאַר דער פּטירה האָט מיך צוגערופען און האָט געזאָגט: ר' משה, איבער דער פאָטאָגראַפיע גיי איך פון דער וועלט אַוועק... אָט האָט איהר אייך קלאָרע דבורים, פאַני דאָקטאָר... קכו, קכו, קכו...

געלאָזען זיך אייַ שמועסען פון קינדער... קינדער שטעהען צו... זיי ווילען אַ זכרון... אַ זכר פון אַלטען טאַטען... די תמונה מיינע ווילען זיי האָבען. ס'פערשטעהט זיך... אַי וואָס די תורה זאָגט: לא תעשה לך כל פסל וכל תמונה? און וואָס אין פיל היי־ליגע ספרים ווערט דערמאָנט, אַז עס איז נישט גאָר אַזוי רעכט צו לאָזען זיך אַרונטערנעהמען אויף אַ פאָטאָגראַפיע? און מן הסתם האָבען זיי דאָך געוואוכט, וואָס זיי האָבען געזאָגט — ווילען דאָך די קינדער דערפון נישט וויסען און שלעפען דעם אַלטען טאַטען אין פאָטאָגראַפיע אַריין... וואָס טענה'ן זיי? ר' יצחק אלחנן, דער רמב"ם, דער ווילנער גאון, ר' שניאור זלמן, — זיי האָבען זיך אויך געלאָזען אַרונטערנעהמען אויף פאָרטרעטען. פראַים, זיי פערשטע־הען גאָר נישט, אַז ר' יצחק אלחנן, דעם רמב"ם, דעם ווילנער גאון, ר' שניאור זלמן האָט מען נישט אַרונטערגענומען, נאָר אַ־ראָבגעכאַפּט. און צווישען אַרונטערנעהמען און אַראָב־כאַפּען איז אַ גרויסע נפקא מינה... איהר וועט דאָך נישט זאָגען, אַז דער ווילנער גאון ז"ל איז געגאַנגען אין פאָטאָגראַפיע אין טלית און תפילין און זיך געהייסען: נא, נעהמט מיך אַרונטער, מעשה חוזק... אלא וואָס דען? ער איז געזעסען און געלערנט. האָט מען איהם צראָבגעכאַפּט; דער אַנדערער איז געגאַנגען אין בית־מדרש, האָט מען איהם צראָבגעכאַפּט; דער דריטער איז געשטאַנען שמונה עשרה, האָט מען איהם אַראָבגעכאַפּט... אָהן זייער וויסען און אָהן זייער הסכמה... און ווער ווייסט, צי דאָס האָט זיי נישט פער־שאַדט?... ווער ווייס?...

יאָ, יאָ, הערר דאָקטאָר, אַ סך משולחת'ן איז פאַרהאַן ביי דעם רבונו־של־עולם, האָט ער נאָך בעשאַפען די פאָטאָגראַפיע אַ צוגאָב... צו פערקירצען דעם מענשענס יאָהרען... און אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, האָב איך שטענדיג מורא געהאַט דערפאַר אימת מות... געפיהלט האָב איך, אַז דאָ שטעקט אַ מין

ליפּה, ר״ל, וואָס ציהט אַרויס דאָס חיות, דעם געזונד, די קליאָק קפון די ביינער... אַז ביי מיר, הערט איהר, איז דאָס אלץ איינס: פאָטאָגראַפירען זיך, אַ צוואָה שרייבען, ודוי זאָגען, אַ מצבה שטעלען — אַלץ איינס און דיזעלבע זאַך, פון איין און דעמזעלבען סגר... אַלץ שמעקט מיט דאָרטען... דאָרטען...

שפּל... זעהר שפּל... איך פּיהל, איך געה אויס, אויס און אויס... פון טאָג צו טאָג פעהלט מיר כחות, געזונד... איך ווייס גאָר נישט, פּאַני דאָקטאָר, וואָס איהר קענט טאָן צו אַזאַ קרענקהייט... מלא, איהר פערשרייבט אַ רעצעפּט, אַ רפואָה... שרייבט... איהר זענט דאָך דעם אויבערשטענס אַ שליח און ער איז דאָך טאַקי דער אמת'ער רופא חולים און דורך אייך וועט ער מיר אפשר צושיקען די רפואָה שלמה... אָך־כאָ — קכו... קכו...

נחת פון קינדער.

(א מאָנאָלאָג, געשריבען אין 1905=טען יאָהר).

אַקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט: היינטיגע קינדער. קינדער האָב איך, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, דוקא וואוילע, גאַנץ גוטע קעפּלעך, שענע, נור קיין נחת פון; זיי צו האָבען איז מיר, אפנים, ווי ניט בעשערט. עפּעס האָב איך פון זיי אַ פערשטערטען לעבען! און פרעגט: פאַרוואָס? פאַר ווען?

ווער וואָלט זיך דאָס אַמאָל גאָר געקענט פאָרשטעלען, סאַר אַ צרות היינטיגע עלטערן וועלען דאָס אַ ביסעל אויס־שטעהן פון קינדער; דאָס הייסט צרות פון קינדער איז אַמאָל אויך געווען

מען געליטען?

דאַכט זיך, וואָס? קיין גראָבע יונגען זיינען מיינע קינדער ניט, קיין עזות־פּנים׳ער אויך ניט; דוקא עדעלע, מיט גוטע כאַראַק=טאָרען; און זאָגען, גרויסען אום־כבוד, חס=ושלום, האָב איך פון זיי אויך ניט. נור ווען, אַ שטייגער, וואָלט דאָס אַרען, אַז אָט די איי=גענע קינדער טאַקי וואָלטען געווען שטיקלעך מענשען, מיט אַ שם,

מיט אַ נאָמען, מיט... מיט.. מיט אַ שטאַט! טאַקי געבילדעט און טאַקי אַ קענער, און דערצו נאָך אַ מענש! איז דאָך דאָס ערשט אַ קרן! ווי שען און פיין דאָס וואָלט געווען... איך רייד שוין ניט פון פרומקייט; ווער זוכט היינט, ברוך-השם, פרומקייט? נור זייט — האָב איך אַ קאַדיק! — מענשען מיט לייטען גלייך! פיהרט כאָטש אַ שטיקעל שטאַט — אַזוי וואויל און אַזוי גוט וואָלט איך געווען, און מיר אויך! ניין, בעדאַרף דיר גאָר אויפשטעהן אַ נייער דור, מיט קענטשאַפט, מיט ביכלעך, מיט חברות, מיט סאָבראַניעס, מיט די אַלע אומגעלומפערטע נעמען, וועלכע, און דער שוואַרצער יאָהר וויס זיי דאָרטען, וואָס נאָך. און עס וואַקסט אויס אַ דור פון משוגעים, מיט קרומע קעפ, מיט צודרעהטע מהות, און מיינע קינדער אויך בתוכם!...

אַכט קינדער האָב איך, זאָלען געזונד זיין — פינף זיהן און דריי טעכטער, און אַלע האַלטען אין איין בילדען זיך; אַלע האַווען אויף וואָס די וועלט שטעהט; טאָג ווי נאַכט זענען אַלע פערנומען, צוטראָגען; אַלע זענען איינגעשריבען אין חברות, און יעדער האָט זיך זיין נאָמען. איהר קענט ביי מיר געפינען פון אַלערליי סאָרטען, דהיינו: אַ טאָכטער אַ צאָהן-דאָקטאָרקע, אַ זוהן אַ צער-בעלי-חיים'ניק, היינט אַ דאַנטיסט, אַ ציציליסט, אַ ציוניסט און אַ גימנאַזיסט און אַנאַרכיסט און... און... און ביי מיר געהט אַוועק צוויי געבעק ברויט אַ וואָך!

איך זאָג אייך, אַז איך לעב פון זיי ניט, ממש איך לעב ניט! אַ נאַרישקייט גאָר, שלאָפען אַפילו לאָזט מען מיך אויך ניט. איך געדענק שוין ניט די צייט, וואָס איך זאָל אָבשלאָפען אַ נאַכט ווי געהעריג איז. נאַכט אין נאַכט רק מען קלאַפּט, קלאַפּ-קלאַפּ, דאָ דער, דאָ יענער — מיט אַ אויג ניט צוצומאַכען.

אָקאָרשט דו לעגסט זיך, ווערסט אַנטדרעמעלט — אַהאַ, מען קלאַפּט. ווער איז? מיין טאָכטער, זאָל געזונד זיין; אַ מאָדע געמאַכט זיך—אומשלעפען זיך ביז האַלבע נאַכט, דערנאָך קלאַפּען. מיין אַלטע ווי איהר זעהט, איז גאָר קיין גברת ניט, נאָר אַ שוואַכע יודענע — קריכט זי שוין, נעבעך, אַ באָרוועסע עפענען דער טאָכטערל די טיר און פערהוסט זיך אויף דריי זייגערנע שעה, מיין

טאָכטער קומט אַריין און בלאָזט זיך נאָך, זי איז נאָך ברוגז, באשר די וועטשערע איז איהר קאַלט.

אין אַ ווײַלע אַרום — מען קלאַפּט ווייטער. איך האָב שוין פּשוט רחמנות אויף מיין אַלטער און קריך אַליין עפענען די טיר. ווער איז? מיין עלטערער זוהן איז געקומען, שדים ווייסען פון וואַנען, פון אַ סאָבראַניע, מסתמא, ערגעץ.

איך קריך צוריק אין בעט; קוים דערוואַרימט זיך אַ ביסעל אונטער'ן קאָלדרע — אַזאַ, מען קלאַפּט ווייטער: מיין צער-בעלי-חיים'ניק געהט. און דו, טאַטע, קריך, עפען זיי יעדע רגע. און אַזוי צורודערען זיי מיר דעם גאַנצען שלאָף. איך שלאָף שוין ניט ביז טאָג. און אַ גאַנצען טאָג בין איך ווי אַ דערשלאָגענער: אַ קלייניגקייט, אַ מענש דערשלאָפט ניט!

מיינט איהר, שוין דאָס גאָר? נאָך ניט גענוג. בעדאַרף איך זיין תמיד אין איין שרעק, אין איין פחד. זינט עס איז ביי מיר, ניט היינט געדאַכט, געוועזן דער אָביסק, לעב איך ניט. שטענדיג איז מיר דאָס האַרץ ווי אונטער'ן אייז. אַ ווערטעלע צו זאָגען: אין מיטען נאַכט געהען דיר אָן אַ פולע שטוב מיט זשאַנדאַרען, מיט סאָלדאַטען, מיט פּאָליציי און מען קעהרם איבער די שטוב כפתר ופרח, מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף! איך שטעה אין איין שרעק, עס קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. איך ווייס? אפשר האָט אימיצער עפּעס אונטערגעוואָרפען? אַ גנבה? אַ גלבול? אַ קשיה אויף אַ מעשה! איבערגעריעט האָט מען יעדער ווינקעלע, אויסגעזוכט, וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ פערבאָרגענער ערטעלע; די פּאָדלאָגע געריסען, די ווענט געדראַפּעט, אַלע ספרים פון שטוב, אַלע קינדערשע ביכלעך. אלץ איבערגעזעהען, פון דער אַלטער כתובה ביז דער מזוזה — אַלץ איבערגעקוקט. שייך צו זאָגען, זינט איך לעב, זינט איך שטעה אויף מיינע פיס, האָב איך אַזאַ שרעק ניט געהאַט! די אַלטע מיינע איז שיער אין חלשות ניט געפאַלען; די קינדער אַלע — טויטע, אָהן אַ טראָפּען בלוט, ממש געשטאָרבענע מענשען אַלע...

און וואָס האָט מען געזוכט? עפּעס ביכלעך, ווייס איך זעהר, עפּעס זאַפּרעשטשאָנע ביכלעך אַזוינע, וואָס מען רעדט דאָרט על

ד׳ ועל משיחו ועל נבתקה אין איינעם!

נו, פרעג איך אייך, בעדארף איך דאָס האָבען אויף דער עלטער אַזעלכע געשעפטען אויף זיך? דאַרף איך דאָס האָבען אַזעלכענע פעקלעך? דאַרף איך דאָס האָבען, אַז אין זינען זאָל מיר ליגען דער שוואַרצער יאָהר, ווייס איך? אַז אַלע ווײַלע פון יעדען שאָ־ך ביינאַכט זאָל מיר די דמים איינפאַלען? קאַרג האָב איך אָהן דעם? קאַרג פעקלעך און קאָפ-דרעהעניש האָב איך אַ חוץ דעם? דאַרף איך גאָר האָבען אויף זיך צרות, וואָס מיינע אבות אבותנו האָבען דערפון ניט געוואוסט. און פרעגט: פאַרוואָס? פאַר ווען? באשר מיין טאָכטער מישט זיך אין אַלע נאַרישקייטען, באשר מיין זוהן וויל מאַכען אַ טאָלק. נייע פאַראַדקעס וויל ער איינפיהרען. עס געפעלט איהם ניט — זאָגט ער — דער פּאָריאַ-דאָק! גהאַלד — שריי איך — בהמות זענט איהר! וואָס טוט איהר וואָס? ווער הייסט אייך מישען זיך אין פרעמדע עסקים און שטעלען דאָס לעבען אין קאָן? ווער הייסט אייך קריכען, וואו מען דאַרף ניט, אין סכנות נפשות?! וואָס דרעהט איהר אַ מח? איהר לעבט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערען ניט לעבען. איהר רוהט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערען ניט רוהען! מילא — טענה איך — דאָס, וואָס איהר זאָגט, אַז ביי־טאָג דאַרף מען שלאָפען און ביינאַכט דאַרף מען אַרומלויפען, האָווען משוגענערווייז — מהיכא תיתא, אפשר זענט איהר גערעכט, אפשר איז היינט אַ נייע וועלט געוואָר ן, ניט ווי אַמאָל, פלעגט מען ביינאַכט שלאָפען אי ביי־טאָג עפּעס טאָן... אָבער וואָס בין איך שולדיג? וואָס לאָזט איהר מיר ניט שלאָפען? וואָס לאָזט איהר מיר ניט לעבען אויף דער וועלט?! וואָס מוטשעט איהר מיך נאַכט אין נאַכט? קאַרג האָב איך אַ גאַנצען טאָג האַרץ-וועהטאָג און קאָפּדרעהעניש ביז איך אַרבייט אויס די הוצאה?! אַזאַ הוצאה! קריעה רייס איך פון אייערטוועגען! די מאַמע — קוים וואָס זי לעבט, אַ שוואַכע, אַ קראַנקע און קומט די נאַכט, לאָזט מען מיט אַנ׳אויג ניט צומאַ-כען. רוצחים, גזלנים זענט איהר! איהר טוט — זאָגט איהר — פאַר׳ן כלל טוט איהר?! איהר ווילט די וועלט גליקליך מאַכען? צער-בעלי-חיים׳ניקעס זענט איהר? אויף דער קאַץ האָט איהר

רחמנות — און אויף דעם אלטן טאַטן און אַ קראַנקער מאַמען האָט איהר קיין רחמנות ניט! אַ ישר איז דאָס? אָט דאָס הייסט ביי אייך „סאָזשעך“? היינטיגער „שאָזשעך“! נור גזה שריי חי וקים! טענה מיט זיי, רייד מיט זיי, אַז געריכט זענען זיי און דער משוגענער בלייב איך...

די עלטערע טאָכטער מיינע האָט אויסגעשטודירט ציין-דאָקטאָרקע. נו, מהיכי תיתי, זעהר פיין, אַ גאַנץ עדעלע מלאכה און אַ פיינע פרנסה. דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפעס אַנ׳ענין. ווי זאָגט איהר—מעשה דאָקטאָר! געוויס קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען וואָס איהר שטודירען האָט מיר אָבגעקאָסט: לעהרער, ביכער, פאַפיר; זיבען רובעל אַ חודש געצאָהלט דעם דאַנטיסט דריי יאָהר נאָכאַנאַנד, דערנאָך די עקזאַמענס—דאָ דאָ, דאָ דאָרטען, דאָ שיק איך געלד אין דער שטאָדט, דאָ שיק איך געלד אין יענער שטאָדט. היינט די דאָקומענטען, מיט די אינסטרומענטען, מיט געצייג אַלערליי. הכלל, עס האָט מיר אָבגעקאָסט גאַנץ געצוג. נור כ׳מיין, וועלכער טאַטע איז זיך ניט מפקיר פון קינדערס וועגען, אַבי ברענגען זיי צו אַ שטיקעלע תכלית. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז אַ סברה, אַז מיין טאָכטער זאָל טאַקי עפיס אָנהויבען פערדינען, אָנקלייבען אַ ביסעל נדן, אַ כלה ווערען, חתונה האָבען, און, פאַרשטעהט איהר מיך, ברוך שפטרנו, אַראָב אַבאַרג פון די פלייצעס.

הכלל, אויסגעשטודירט! געקומען צופאָהרען אַ גאַנצע דאָקטאָרקע, מיט אַ דיפלאָם, מיט אַן אַטעסטאַט, מיט אַל׳דאָס גוטס. בעדאַרף מען דאָך עפענען, הייסט דאָס, אַ קאַבינעט. מיט מאַשינעס אַזעלכע, מיט אַ שטוהל עפעס אַנ׳ אומגעלומפערטען, מיט אַ ביסעל כלי-בית, מיט אַ טאַבליצע צום גאַס, ווי געהעריג איז. לאָז איך איהר מסתמא אָפּ די בעסטע צוויי חדרים: די שאַלקע מיט דער קאַמער, און אַליין מיט דער געזינדעל פערשטעק איך זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל הינטער׳ן „טשולאַנטשיק“ און איך זינדיג גאָר ניט. ס׳איז מיר גאַנץ גוט; אַבי דערלעבט פון אַ קינד אַ שטיקעלע נחת, אַ פאַרדינערין אַ טאָכטער! און אַליין כאַפּ איך צייטענווייז אַ קוק דורכ׳ן שפעלטעל פון טשולאַנטשיק אין מיין טאָכטערס חדר אַריין,—

וואָס טהוט זיך דאָרטען? אפשר ווייזט זיך אין אַנ׳ נאָווינע אַ גיל-
דען לייזונג, אפשר וועל איך דערזעהען אַ מטבע אין די אויגען.
נור עפּעס שטיל, גאָר אויסגעפּרוּווירען דער מין פון חולים און
פּאַרטיגן!...

זעהט איהר, אַזוי געפּסט זענען מיר, ברוך השם, גאָר ניט
זשעדנע. אַלע ווייל קומען דיר אָן חברות פון יונגע לייטלעך,
בחורים און מיידלעך פון אַלערליי סאָרטען: מיט ברילען און אָהן
ברילען, מיט לאַנגע האָר און קורצע האָר, מיט רויטע העמדלעך
און בלויע העמדלעך, מיט קרומע בוזעמס, און גלייכע בוזעמס
און ביכלעך — לרוב! מען לייענט ביכלעך, מען חלופ׳ט ביכלעך,
מען בלעטערט ביכלעך, אַ שלל ביכלעך! הייַנט זינגט מען דיר
לידער מיט אַלערליי „פּיעסנעס", מען קריגט זיך און מען רייסט
זיך, עס איז אַ גערודער און אַ הו-האַ, אַז הימעל עפען זיך! דער
שרייט: ווינאָקראַט! שרייט דער אַנדערער: ציוניסט! שרייט אַ דריי-
טער: גראַף טאָלסטאָי! אַ פערטער: שלאָבאָדאַ מיט קאַמף! קאַמף
מיט שלאָבאָדאַ! און אַזוי כסדר: גאָרקע, ניצשע, ציציניזם, ספּענ-
צעריזם, איזם, פיזם—דער שוואַרצער יאָהר וויס זיי דאָרטען,
וואָס פאַר אָנגעדראָלענע, אָנגעשוואָלענע ווערטער אַזעלכע, וואָס
עס איז גאָר קיין סברה ניט צו געדענקען.

און דער עולם האַלט אין איין קריגען זיך, ס׳איז אַ גערודער
אַ האַמפּעריי, פונקט ווי מען וואָלט וועלען איינער דעם אַנדער׳ן
אַ יורד לחייו זיין, אָדער מען וואָלט וועלען איינער ביים אַנדע-
רען צונעמען די פּרנסה. און וואָס ווילען זיי, וואָס קען מען זיך
דאָרטען ניט צוטיילען — פרעגט מיך בחרם...

צום סוף, אַז מען האָרעוועט זיך גאַנץ גוט אָן, אַז אין די
העלזער ווערט טרוקען און די צינגער ווערען ווי קלעצער, הויבט
זיך ערשט אָן אַ סדרה: סאַמאָוואַר. מען שטעלט דעם סאַמאָוואַר
(טיי און צוקער געהט דאָך ביי מיר פון שטוב ניט אַרויס). מיין
סאָכטער, די בעלת-צדקה טראָגט אַרויף דעם לאַבען ברויט, און
כהרף עין ווערט פון איהם אַנ׳ אָקרייעך; דער אָקרייעך ווערט
אויך נעלם און דער עולם אַרבייט ווי נאָך אַ תענית. טיי
טרינקט מען דווקא זיסע. עס פעהלט אויס גלעזער, איז אויך קיין

גרויסע סכנה ניט. טרינקט דער פֿון גלאָז. און דער פֿון טעצעל. אַנ׳אַנדערש מאָל טרינקען צוויי אין איין גלאָז: דער אַ זופּ און דער אַ זופּ; און אַז עס טרעפֿט שוין גאָר אַ גרויסער דוחק אויף גלעזער, טרינקט מען פֿון דער בלעכענער קוואָרט. דער אַפּעטיט איז גרויס און מען קלייבט ניט איבער!

און איך קוק מיר אין שפּעלטעל פֿון טשולאַנטשיק אויף דעם גאַנצען פּעקעל האָלאָדריגעס און טראַכט זיך מיר: רבונו־של־עולם, אַ נייע וועלט געוואָרען! אַ וועלט פֿון חכמה, אַ וועלט פֿון בילדונג, אַ וועלט פֿון קענער, פֿון ביכלעך, סאָבראַניעס, עקזאַמענס און... און... ביי מיר געהט אַוועק צוויי געבעק ברויט אַ וואָך!...

אידישיסטען.

(א מאָנאָלאָג פון א קיעווער יוד).

—ווי געהט עס מיט מיין סעמייסטוואָ? נישט צו פערזינדיגען עס דרודעלט זיך... היינט געהט ביי אונז אַ נייע סדרה—אידישיזם. וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע נאמנה אַזאַ? — ווייס איך נישט. זאָגען, זאָגט מען, אַז דאָס איז כמעט דאָס זעלבע, וואָס אידישקייט, נאָך מעהר פון אידישקייט, אידישקייט מיט אַ שמיציג... און מען פערטייטשט עס מיר מיט כל-ערליי משונה-מאָדנע ווערטער, הלואי זאָל עס זיין צו גוטען.

עס איז געקומען אַזוי ווייט מיט דער דאָזיגער אידישקייט, אַז איך בין שוין געוואָרען דער גוי. אַמאָל פלעג איך טענה'ן צו מיינע קינדער: זייט אידען! היינט טענה'ן זיי צו מיר: טאַטע, זיי אַ איד!... אַמאָל איז מיין עלטערער זוהן געווען זינאָוויע וולאַדימיראָוויטש, מיין יונגערער זוהן — געראַסים וולאַדימיראָוויטש און מיין טאָכטער, די קורסיסטקע—קלאַוודיאַ וולאַדימיראָוונאַ. איך בין, הייסט עס, געווען דער וולאַדימיר. געפעלט אייך עפעס אַ וולאַדימיר? וואָרום, איך, אַז איך נעהם אַראָב דאָס היטעל און בלייב אין יאַרמולקע, זעה איך דאָך אויס ווי אַנ'עלטער קריסט... היינט פרובט אָנרופען מיין זוהן „זינאָוויע",

וועט ער אייך די אויגען אויסדראַפּען. זלמן זאָל מען איהם רופען. און נישט נור זלמן, נאָר זלמן-טודרס—ער האָט זיך דערמאָנט אַז די באָבע, ע"ה, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ נאָמען, נאָך אַן׳עלטער-זיידען, טודרס... און מיין גרעסים הייסט זיך רופען גרונם. עס געפעלט איהם דער נאָמען גרונם. אַמאָל איז אַזאַ נאָמען געווען חוכא וטלולא, היינט איז עס אַ געהויבענע זאַך. עס האָט אין זיך, זאָגען זיי, אַ קלונג אַזוינעם. סע קלינגט מיט עפּיס אַזוינס, ווי רופען זיי עס, פאָלקטימליכקייט... דער גוטער יאָהר ווייסט זיי...

אַמאָל, אַ שטייגער, פּלעגען קומען צו מיינע קינדער געסט, חברים. פּלעג איך שוין און מיין אַלטע מוזען ברעכען די ציינער און רעדען רוסיש. נישט איינמאָל פּלעגט מיין אַלטע זיך וועלען אויסדרעהען און שיקען מיך: געה-שוין, געה, וועלוועל, די געסט זענען געקומען און מען דאַרף מיט זיי רעדען רוסיש, און איך האָב אַזוי קיין צייט נישט און קיין כח נישט... פּלעג איך שוין געהן. פאַרט אַ מאַנסביל, מעהר קוראַזש. „זדראַסטי, זדראַסטי"!. היינט פּרובט זיך אויסרעדען „זדראַסטי", וועט מען אייך דורס זיין. און ביי מיר — אַ רגילות, אַ לעבען, אַז מען מושטירט מיך. כאַפּט זיך אַמאָל אַרויס מיט יונגוואַרג א „זדראַסטי!" איז הימעל עפּען זיך, פּונקט ווי איך וואָלט בעגעהן, ווער ווייס וואָס פאַר אַ קרימינאַל. „אידיש, אידיש, זאָל מען רעדען!"— גוטע יאָהרען, אַז מען הייסט טאַטע-מאַמע רעדען אידיש. מילא, אידיש, איז אידיש. נאָר וואָס איז דאָס אָבער פּלוצלונג געוואָרען אַזאַ בהלה מיט׳ן אידיש, פערשטעה איך ניט. מיט דער שטוב-שיקסע רעדט מען שוין אידיש; מיט דער קאַץ, מיט דעם הונט, מיט דער בהמה... כ׳מיין, אפשר זענען זיי געראַכט... פון וואַנען איז טאַקי געדרונגען, אַז מיט אַ בהמה און מיט אַ קאַץ דאַרף מען רעדען רוסיש? אָבער וואָס פערלאַנגען זיי— אַז עס קומט לפידות דער רופא אָדער קלמנזאָן דער פּאָדריאַדטשיק, זאָל איך מיט זיי אויך רעדען אידיש. אַ שען פּנים וואָלט עס האָבען, ווי מיינט איהר?

וואָלט עס געווען כאָטש אַ אידיש-רעדען! פערשטעה איך

זייער אידיש נישט מעהר פון דאָס גאַנצע אידישקייט זייערס, אַז געטראָפען אַ סלוטשיי" איז ביי זיי „געשעהען אַ געשעהעניש", אַז אַזאַ פשוט וואָרט, ווי „ניעפּריאַטנאָנסט", איז ביי זיי אונאַנ-נענעמליכקייטישקייטען... איהר קענט עס אַרויסרעדען?

אַנו, זייט אַ בריה און טרעפט, וואָס איז דער טייטש: „אָנגעווענדעט די אויפמערקזאַמקייט", „געמאַכט אַ בעמערקונג" און „געענדיגט"? טענה איך צו זיי: אַמער רעדט אידיש: „אָבראַש-צאַעט וונימאַניע", „געמאַכט אַ זאַמיעטשאַניע" און „געקאָנטשעט"— וועט מען פערשטעהן וואָס איהר רעדט!

אַ פּנים האָט עס געהאַט, ווען מיין טאָכטער פלעגט, נישט היינט געדאַכט, רעדען מיט מיין אַלטער רוסיש, און אַ פּנים האָט עס ביי מיר היינט, ווען זי רעדט מיט איר אידיש, מיין טאָכטערס אידיש: שטימונג, און לאַנגווייליגקייט. און סאַנטימענטאַליטעטלוזי-קייט... פון וואַנען קען איך דאָס אָט די ווערטער? — אָט, מען הערט זיך אָן, איינגעשטודירט. פאָרט בין איך דאָך עפּיס אַ מאַנס-ביל, נור מיין אַלטע, נעבעך, מוטשעט זיך נאָך היינט מיט דעם אידיש, ווי אַמאָל, נישט היינט געדאַכט, מיט דעם רוסיש. אַ אי-דענע פערבייט זי די יוצרות. וואָרום, באמת געה זיי אַ בריה און טרעף, ווען מען דאַרף זאָגען „אויסוואורף", ווען „פאָרוואורף" און ווען „אויפרוף"!?

אין וואָס נאָך בעשטעהט זייער אידישקייט?—מען שטודירט דעם צאינה־וראינה און נאָך אַזעלכע תחינות...

מיין זינאָוויע, מיין זלמן טודרס. מיין איך, זעצט זיך אַוועק איבער׳ן צאינה-וראינה, ווי אַ פּראָפעסאָר אין פאָנסנע, אָהן אַ הי-טעל און לערנט מיט גרויס התמדה. קנייטשט דעם שטערען, דרעהט מיט׳ן גראָבען פינגער און פערגעהט זיך פון גרויס טיעפקייט און מתיקות... מיין גרעאַסים, גרונם מיין איך, שרייבט פון דאָרטען אויס גאַנצע שטיקער צו זיך אין ביכעלע אַריין, מיט הערות, מיט הגהות און פרושים, און מיין טאָכטער קלאַוודיאַ, קיילע מיין איך דרוקט עס אָפּ אויף אַ שרייב-מאַשין.

איהר פערשטעהט? 38 יאָהר איז מיין זלמן-טודרס אַלט. אויסגעשטודירט און אויסגעלערנט אַלע נאַאוקעס שבעולם; אויסגע-

וועו, וואו די וועלט האָט אַנ׳עק: אין לייפּציג, אין פּאַריזש און אין פראַנציע, אויסגעלייענט אַלע ביכער מיט אַלע פילאָזאָפיעס, מיט אַלע ביבלאָטעקעס מיט אַלע פּראָקלאָמאַציעס מיט טאָלסטאָיען און דאַרווינען און גאָרקי׳ן און איידיסאָאו. נישטאָ קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט וויסען. ווילט איהר, וועט ער אייך דערקלערען דעם שׂכל פון אַ גראַמאָפאָן; ווילט איהר, וועט ער דערקלערען, פאַר־וואָס איז אין קיטיי אַ רעוואָלוציע. און טאָמער איז אין קימיי נישטאָ קיין רעוואָלוציע, וועט ער אייך דערקלערען, פאַרוואָס איז דאָרטען נישטאָ קיין רעוואָלוציע. ווילט איהר, וועט ער אייך מאַכען אַ רעגענבויגען אין מיטען העלען טאָג, נישט אויפ׳ן הימעל. חלילה, נור אויף דער ערד ממש. מיט אַ קוואָרט וואַסער און אַ שפּריצער... ווילט איהר וועט ער אייך דערקלערען, דעם שׂכל פון געלד. נישט ווי אַזוי מען פערדיענט געלד. אויף דעם, ברוך השם, דאַרט מיר נאָך דער מח. נור דער עצם ענין פון געלד, פאַר־וואָס. אַז מען האָט געלד איז מען אַ נגיד, און אַז מען האָט נישט קיין געלד איז מען אַנ׳אביון און אַ קבצן אין זיבען פאָלעס. פאָרוואָס אַ שניידער נעהט קליידער און אַ שוסטער שיך. הכּלל, וואָס איהר ווילט נור אַליין; און איצט איז ער געקומען צום שׂכל אַז די גרעסטע נאָאוקע איז רעדען אידיש, און אַז מען דאַרף רעדען אידיש דוקא מיט דקדוק, און די גרעסטע הכמה שטעקט אין צאיגה וראינה...

און איך האָב נאָרנישט געוואוסט, אָז דאָרט געפינט זיך אַזעלכע גאונות.

איהר האָט געמעגט אַמאָל זיך צוהערען, ווי אַזוי מיין זלמן־טודרס לייענט דעם צאנה־וראנה, הויך אויפ׳ן קול פאַר אַנ׳סולם פון זיינע געסט. ווי אַזוי אַלע האַלטען דאָס אָנגעשטעלט מייל און אויערען און זעגען מכוּן יעדער וואָרט: „און האָט גאָט געזאָגט צו נח, דאָש איך וועל טהון פערטיליגען אַלע בעשעפעגישען און ווידמענונגען. וואָס טהוען טהון ווידמענען אויף דער ערד, נייערט דו דאָש דער געפינען האָט חן זעליגקייט“... ווערט אַ שׂמחה אויף אַלעמען: „פערטיליגען׳ אָווא! „טהוען טהין פערטיליגען“ ס׳אַטייער וואָרט ס׳אַגאָלדען וואָרט „ווידמענונגען!“ און „נייערט! היינט

„זעליגקייט"... הכלל, מען צעגעהט פאַר התפעלות.

און וואָס נאָך? די צאַצקעס פון צאינה וראינה פערנעהמט ביי זיי אַנ׳אויג. קלייבען זיך אַרום נעבען יעדער צאַצקע פון טייטש־חומש בעיאָהרענטע מענטשען, סטודענטען, מאָהלער פון קאַדעמיע און מען לעקט די פינגער. וואונדער איבער וואונדער! איך כאַפּ אויך אַ קוק. אַ צאַצקע. „דאָס איז די מעשה, ווי אדם און חוה זענען אַרויסגעטריבען פון גן־עדן". „דאָ בויט נח די תבה פון בימסענהאָלץ". „דאָס איז, ווי רבקה גיט צו טרינקען די קעמלען פון אליעזר, דער קנעכט פון אברהם". וואָס זאָל זיין? אבגעמאַלעוועטע קאַרטינעס. וואָלט עס כאָטש זיין געמאָלט מיט׳ן האַנד, איז עס געדרוקט מיט אַ מאַשין, זיי אָבער געפינען דאָרט מאָדגע חדושים: „שטיל" און „קונץ" און „שטריך" און „כאַראַקטערס" אין „היסטאָריע" און ווי ריפען זיי עס, פאָלקטילימליכקייט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווייסט איהר נישט, וואָס דאָס איז אַזונס?

צו טוען זיי עפּעס, מיינע קינדער, געשעפּט? איך ווייס? עפּעס האַוועט מען, עפּעס געהט ביי אונז אין שטוב אַ מסחר, נור איך ווייס נישט מיט וואָס. האָלץ נישט האָלץ, וואַלד נישט וואַלד, תבואה נישט תבואה, נור עפּעס אַ משונה־מאָדנע סחורה. ווערליג איך הער חזרנ׳דיג דעם נאָמען, הייסט עס פאָלקלאָר. האָט איהר געהערט אַמאָל פון אזא סחורה?

דערווייל איז ביי מיר אין שטוב אַ פאָלנע קאָנטאָר, אַ קאָנטאָר פון פאָלקלאָר. מיין זוהן איז דער גלאַוונער דירעקטאָר. „טאָרגאָווי דאָם זלמן טודרס עט קאָמפּאַניע"... ביכער מיט שרייבעצייג, מיט קאָרעספּאָנדענציעס מיט קאַנצעלאַריעס. משולחים פאָהרען אַרום בכל תפוצות ישראל מיט טשעמאָדאַנען, מיט פּאָרטפעלען. ווער עס אַרבייט אויף געהאַלט, ווער אויף פּראָצענטען. און טעלעגראַמעס געהען, קאָרעספּאָנדענציעס, געדרוקטע קאָנווערטען, פירמעס... און עס ווערט איינגעהאַנדעלט סחורה: אַלטפרענקישע מטלטלים, חפצים פון מלך סאָבעצקעס יאָהרען, ש... רי כלים, לידלאַך, אַ מעשה מיט אַ רב און אַ רביצין, ווערטלעך, משלים, רעטענישען... איך קאַוויר אייך, אַז ווען עס מאַכט זיך אייך אַ קאָזיאָנער פּאָדריאַד פון אינטענדאַנסטוואָ, וואו איהר קענט כאַפּען אַ

ר"ש אלפים רובל (און איהר זענט דאָך אַ איד אַ נצרך, וואָרום וועלכער איד איז נישט קיין נצרך?), וועט איהר זיך אַזוי נישט דערפרעהען, ווי מיינע קינדער, ווען זיי דערטאַפּען ערגעץ אַ קנעפּיל פון אַן׳אַלטער יאַרמולקע, אָדער אַ לידעל פון אַ ניקאָלאַ-יעווסקע סאָלדאַט.

מיין יונגערער זוהן, גרונם, אַרבייט דאָ הי אויפ׳ן פּלאַץ. יעדעס מאָל פאַלט ער אַריין מיט אַן׳אַנדער נדולה. און יעדעס מאָל איז ער אויכגעשמירט, ווי אַ שד. דאָ איז ער געקראָכען אויף אַ בוידעם און געפונען אַן׳אַלט דעקעל פון אַ שמעק-טאַבאַק-פּושקע און דאָ איז ער געלעגען אונטער אַ בימה פון ערגעץ אַ שוהל, געפונען אַ שמה פון אַן׳אַלטער תחינה.

איך, אַז איך וועל דערזעהן אַ שמה, וועל איך עס אויך נישט לאָזען וואַלגערן זיך אויף דער ערד. איך וועל עס אויפהויבען און פערשטעקען ערגעץ. ביי זיי איז דאָס אָבער גאָר אַ געהויבענע מצוה געוואָרען. ביי זיי גלעט מען עס אויס און מען פּרעסט עס אויס און מען קלעבט עס אַריין אין אַ בוך, און מען שטעלט עס אַריין אין אַ שאַפע הינטער אַ גלאָז נאַ פּאָקאַז.

איר האָט, אויף אַ טשיקאַווע געמעגט אָנקוקען די דאָזיגע שאַפע, וואָס דאָרט טוט זיך! אַ מין רומעל מיט סחורה: אַ צוּבראָכענער שופר, אַ פערשזאַווערטע רעהר פון אַ חנוכה-לייכטער, אַ טאָוועל פון אַ מעביר יבוק, אַ טייטעל, אַ שמחת-תורה-פאָהן, אַ פּסול׳ע ציצה, אַן׳אָבגעשלאָגענע הושענה וכדומה...

אין יעדער זאַך ליגט „פאָ נאָמעראַציע", פערשריבען אין רייסטער מיט אַ טדר, מיט אַן׳אָרדנונג און מיט אַ -אַראָדניק...

פרעג איך אַמאָל מיין זלמן טודרס׳ן: זאָג מיר, זאָג איך, צו וואָס קלייבסטו דאָס דעם גאַנצן האַרמידער מיט קלאַפּערגעצייג און שברי-כלים? זאָגט ער, דאָס איז אים טייער, מחמת דאָס איז אידישקייט. זאָג איך אים: אַ מאָדנע אידישקייט איז ביי דיר דיין שופר בלאָזט נישט, דיין הדס-פּושקע שמעקט נישט, דיין גרעגער גראַגערט נישט. אַ צוקאַליעטשעטע אידישקייט ביי דיר, זאָגט ער, אַז זיין אידישקייט איז די אמת׳ע אידישקייט און פאַרקעהרט: מיין אידישקייט איז אַ צוקאַליעטשטע, זאָג איך אים: אַ שען

אידעשקייט איז עס, אַז איבערשרייבען פון צאינה-וראינה, איז רעכט אָהן אַ היטעל, און לויפען הערען דעם רבינ׳ס נגון אין שטיבעל פאָהרט מען אויפ׳ן טראַמוואַי און דוקא אום שבת. זאָגט ער, אַז דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר איז דער תמצית פון אידישקייט. און דאָס האָט ער, און ביי מיר איז עס בלויז דער טפל. איר פערשטעהט? ער מיט די שברי-כלים איז דער גאַנצער איד און איך בין דער טפל-איד ווער איך שוין ברוגז און זאָג: אַז ביי מיר איז טאַקע דער טפל, פונדעסטוועגען וועלען מיר זעהן, ווער וועט אַ קיום האָבען. אידען זענען איבערגעקומען גרעסערע משולחת׳ן, וועלען זיי איבערלעבען דאָס אידישקייט אויך!

קריגען מיר זיך. דאַכט זיך אַ׳ין פלוג, קינדער זענען געוואָרען אידע׳, הייסע אידען, און רעדען עפּעס פון אידען און אידישקייט און די מחלוקת זענען געבליבען דיזעלבע, ווי, נישט חיינט געדאַכט, אַמאָל, ווען איך בין נעוועז דער איד און זיי די פּאָליטישע דעמאָקראַטען. נאָר אויף דעמאָקראַטסווע און ראַבאָטשי-וואַפּראָס פערשטעה איך זיך נישט, אָבער אויף אידישקייט פערשטעה איך זיך שוין אויך נישט? איך פרעג אייך?

נור איר ווייסם, וואָס איך וועל אייך זאָגען? עס איז דאָך בעסער. ווי, נישט היינט געדאַכט, אַמאָל, ווען אין דער דאָזיגער-שאַפע איז געלעגען די טריף-פסולע סחורה מיט די זאַפּרעשצאָנע ביכלעך, און איך האָב בעדאַפּט ציטערען, ווי אַ פיש אין וואַסער, היינט איז, דאַכט זיך, קיין געפאַהר נישטאָ, ווי מיינט איר? און אפשר? ווער ווייס? אידישיזם, פאָלקלאָר, פאָלקטילימליכקייט. עפּעס זענען מיר די נעמען נישט גלאַטינ. מען קען זיך נישט טשעפּען, ווי מיינט איר?

זאָג איך צו מיינע קינדער: איך וואָלט וועלען זעהן אַמאָל אַ קונה אויף דער דאָזיגער סחורה. עפּעס האַנדעלט איהר און האַנדעלט און קיין קונים זעהח מען נישט. ענטפערט מען מיר, אַז אַזאַ סחורה פערקויפט מען נישט. מחמת אַזאַ סחורה איז אַ נאַציאָנאַלע רייכטום, אַנ׳עשירות פון אַ פאָלק. געפעלט אייך עפּיס אַזאַ מין עשירות?.. זאָג איך: איך וואָלט וועלען זיין אַ בעלן זעהן, צ קען מען פאַר די דאָזיגע עשירות נעהן אַ פּאָר שיך—פאַלט מע

איך מיר זאָן, ווי אויף המנ׳ען, אז עס איז אַ חלול השם און אַז איך בין קיין ייִד נישט און איך ווייס נישט, ווי צו האַלטען הייליג די אידישע טראַדעציע. שאַ! עפּעס אַ ניי וואָרט!.. איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז?

נור, מילא — טאַרדעציע - שמאַרדעציע, נור דער עיקר סאָטע, גיב געלד! גיב אויף כאַרטיעס, שקלים, בעוועגעכצע און היינט אויף טאַרדעציע. וואָס איז דאָס אַזוינס, איך בעט אייך?

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, למשל פאַלט צו מיר צו מיין זלמן טודרס:—אַ פינפאונצוואַנציגער! צו וואָס דאַרפסטו אַ פונפאונצוואַנציגער דאַרף. באשר ס׳איז דאָ זעהר אַ וויכטיגע טעלעגראַמע פון ראָזשישץ וואָס שטעהט אין דער טעלעגראַמע?—נאַ, לייען. לייען איך: קופּיל רעזנאָי וואָסטאָק, קוסאָק זשיוואָווא דערעווא, כסידאַצקי קרושאָצעק, פערעוואָדיטע, 25″... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? און איר וועט עס כאַקי נישט וויסען, מחמת דאָס איז נישט אייער בראַנזשע. מיין זוהן האָט עס מיר אָבער גלייך איבערגעזעצט. דאָס איז פּשוט: דער משולח פון ראָזשישץ, וואָס פאָרט אַרום פון אונזער קאָנטאָר, קאַנטאָר פון פאָלקלאַר אויפצוקויפען די אַלע אַנטיקען. איז מודיע, אַז ער האָט געקויפט „רעזנאָי וואָסטאָק ד. ה. אַ געשניצטען מזרח, אַ שטיקעל עץ-חיים און אַ חסידישע רעדעלע, און די גאַנצע פאַרטיע סחורה טרעפט אָן ס״ה 25 רובל. און מיין זוהן זאָגט, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיגע קניה, אַ ווילדע מציאה, ממש בזיל-הזול...

אין אַ פּאָר טאָג אַרום — אַ פרישע טעלעגראַמע, אַ סראָטשנע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָנאָגראַף מעכאַניקאָם. נוזשנאָ זאַפּיסאַט באַזעצעניש״, ד. ה. מען זאָל תיכף ומיד אַרויסשיקען אַ פאָנאָגראַף מיט אַ מעכאַניק. מען דאַרף פערשרייבען אַ בעזעצעניש.

און ווידער אַמאָל אַ טעלעגראַמע: „וויסילייטע נעמעדלענאָ פאָטאָגראַפיטשעסקי אַפּאַראַטאָם נוזשנאָ סניאַט רוטשנויו קאַדקו לעבעדיצקאי כאָלאָדנאָי סינאַגאגי״... אַ ביסעל צייט האָבען מיר זיך דעם מוח געבראכען. וואָס איז דאָס אַזוינס? נאָר באַלד האָט ער, מיין זוהן, זיך אָנגעשטויסען. פאָרט אַ פאַך-מאַן. דאָס איז פּשוט: מען זאָל גלייך אַרויסשיקען למע״ה אַ פאָטאָגראַף מיט דער מאַשין אָפּצופאָטאָגראַפירען דעם האַנד-פאַס פון לעבעדיצער קאַלטער שוהל.

אַז אַ משולח קומט פֿון דער נסיעה, איז ער אונזער גאַסט. אַזוי לאַנג, ביז ער ברענגט אין אָרדנונג זיינע געשעפֿטען, גיט אָפּ דין וחשבון פֿו'ן זיין נסיעה, וועגען די אוצרות, וואָס ער האָט גע־האַנדעלט און די עשירות. וואָס ער האָט געמאַכט.

דאָ ניט לאַנג קום איך אַ היים און טרעף צוויי פֿאַרשוינען, ווילד פֿרעמדע. דער ערשטער אַ איד אַ מנושם־דיגער מיט אַצוקודעלטע שוואַרצע באָרד, מיט האָריגע הענד, מיט גרויסע ברעמען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, איין גרויסע שוואַרצע ברעם פֿערוואָרפֿען איבער ביידע אויגען, ווי אַ שוואַרצע דוהע. דער אַנדערער — אַ יונגער מאַן, אַ לאַנגער און אַ דאַרער מיט אַ פּנים ווי אַ האַק, אַזוי אַז ווען מען קוקט פֿון דער זייט זעהט מען בלויז באַק און ווייטער גאָרנישט, אַ גרויסע פֿלאַטשיגע באַק, און אַז מען קוקט פֿון פֿאָרענט זעהט מען בלויז דעם שאַרף פֿון אַ גרויסע לאַנגע נאָז מיט אַ פּאָר גרויסע ברילען, וואָס שטעהען אויף אים דיבאָם. גיב איך אַ פֿרעג די שטוביגע: ווער זענען דאָס די אורחים? ענטפֿערט מען מיר, אַז דער ערשטער איז אַ איד אַ שוסטער פֿון אַ קליין שטעטעל פֿון פּאָלטאַווער גובערניע, און דער אַנדערער איז אַ משולח, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אונזער קאַנטאָר, — קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר. אונטערוועגענס האָט דער משולח דערטאַפּט דעם דאָזיגען אידען פֿון פּאָלטאַווער גובערניע און געבראַכט אים צופֿיהרען מיט זיך. דער איד איז אַ גרויסע זעלטענהייט. ער איז איינער פֿון די עלטסטע פּורים־שפּילער און קען די גאַנצע „מסירה", וואָס המן זאָגט פֿאַר'ן קעניג אַחשורוש אויף אויסענווייניג מיט'ן ניגון, מיט'ן טראָפּ, פֿערפֿעהלט ניט קיין וואָרט. נו, איז וואָס? — פֿרעג איך — איז דען היינט פּורים? צו וואָס דאַרפֿט איר דעם פּורים־שפּילער, אַז ס"ה האָבען מיר היינט אַרום שבעה־עשר בתמוז? ענטפֿערט מיר שוין דער משולח אליין: פּורים — זאָגט ער — איז טאַקי היינט ניט. נור די „מסירה" איז זעהר וויכטיג פֿאַר דעם ענין פֿון פֿאָלקלאָר. איז מילא, דעם נוסח וואָלט ער געקענט איבערשרייבען אויפֿ'ן אָרט גופֿא. אָבער דעם ניגון. וואָס טהוט מען מיט דעם ניגון? און קיין נאָטען קען ער, דער משולח, ניט. האָט ער זיך מישב געווען און אַראָפּגעבראַכט דעם אידען אויף אונזער הוצאות

גלייך צו אונז אין שטוב אריין. דאָ האָבען מיר די אמת'ע מוזי־קאַנטען. מיט די אמת'ע זינגער: דאָ וועט מען דעם אידען שוין טון זיין רעכט. ובכלל — זאָגט דער משולח—איז פון דעם אידען דאָ געגוג צו נאַשען, מחמת דער איד איז אַ זעלטענער טיפּ. פרעג איך: וואָס איז דאָס אַזוינס פאַר אַ מלאָכה „טיפּ" ? ענטפערט ער, אַז טיפּ איז ניט קיין מלאָכה, נור ער שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ מין טיפּ. — אַהאַ! פערשטעה איך שוין, זאָג איך, דאָס איז משמעות אַזאַ פאָרשטעלונג, אַזאַ גרעדסטאַווליעניע, אַ פורים־שפיל? ענטפערט ער, אַז דאָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג און ניט קיין פּרעדסטאַווליעניע, נור אַ מין כאַראַקטער, אַזאַ טיפּישקייט. ער איז דורך און דורך טיפּיש: ער רעדט טיפּיש, דענקט טיפּיש און פיהלט טיפּיש. המם—זאָג איך — און כאַפּ אַ קוק אויף דעם אידען און אויף דעם משולח—סאיז איז נאָך אַ שאלה, זאָג איך, ווער פון אייך עס איז דער טיפּיש און ווער דער חכם...

און רייך, זאָגט מען מיר, איז דער איד, אַ'עושר, מיט אַ גוואַלדיגען באַגאַזש, ניט ח"ו אין קאַפּיטאַל, און דער באַגאַזש מען זאָל עס אָנקוקען, איז אויך ניט גוואַלטיג. אַ קלומעך מיט אַ טלית־קטן. אלא וואָס דען? ער האָט אַ פערמעגען פון ווערט־לאַך. פאָלקס־ווערטלאַך, אַנעשירות פון שפּריכווערטער. קען דעם גאַנצען שמחת־תורה'דיגען פערדרעהטען קדוש. אַ צוויי דריי דרשות פון אַ פורים־רב, און ווייס כמעט אַלע צונעהמעניש פון אַלע שטעדט: מינסקער חזירים, בעלזער גענז, סלוצקער פלאָדען, טישע־וויצער טענצער, באָבריקער לבנה, יאַמפּעלער ענדיקעס, באָברויסקער אַרעסטאַנטען וכדומה... ער וועט אייך קיינמאָל ניט פערבייטען, חלילה. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! מחמת ניט איין מאָל קאָכען זיך ביי אונז אויף גוואַלדיגע ופּוחים. חברה ווערט איינ־געטיילט אין צוויי כּתּות: איין כּתּה האַלט, אַז מען דאַרף זאָגען: „בעלזער גענז" און „יאַמפּעלער ענדיקעס", און אַ צווייטע כּתּה האַלט אַז מען דאַרף זאָגען פּונקט פאַרקערט: „יאַמפּעלער גענז" און „בעלזער ענדיקעס"...

אַפילו מיין טאָכטער געפינט אויך, אַז דער איד האָט אין זיך עפּעס, עפּעס שפּיגעלט זיך אין איהם אָפּ, עפּעס דערמאָנט ער... מיט איין וואָרט, דער איד זאָל זיין אַ מערקווירדיגע בריאה, אַ

זילטענער אַנטיק. און איך קוק, און זוך, און זעה גאַרנישט. אַ איד, אַ שוסטער פון אַ גאַנץ יאָהר. און ביים טיש פּאַקט ער, אָהן עין-הרע, די סעודה ווי אַ געוויינליכער בשר ודם...

אויסגעריכט דעם אידען אין אַ גוטער שעה. געקומען אַהיים, דערוויס איך אַ נייעם גאַסט—אַ אידינע, אין שטיוועל, מיט אַ קויש. שוין אַ היגע. ווער איז די אידינע?—אַ אידינע, אַ מאַרק-זיצערין. גרונס מיינער האָט זי געבראַכט צו פיהרען פון מאַרק. וואָס איז מיט איר די שמחה? זי קען זיך שעלטען. שעלט מיט טויט-ביטערע קללות, האָט אַ זעלטענעם טאַלאַנט, זאָגט ער, צו שעלטען זיך. איז וואָס—זאָג איך — ביזטו עס בלק און זי אַ בלעם? און ווען ווילסטו זאָל זי שעלטען? קיינעם ניט—זאָגט ער. נור ער דאַרף עס האָבען צוליב דעם פאָלקלאָר. ער קלייבט אַ קאָלעקציע אידישע קללות. און איהרע קללות זענען אמת'ע קללות, אידישליכע קללות. פול מיט פאָלקסטימליכקייט! גוואַלד, רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס, פאַר אַ זאַך אַט דאָס פאָלקסטימ-ליכקייט, וואָס צו וואָס מען זאָל זיך ניט צושטעקען איז עס דאָרט פאַראַן?...

שטעהט זי, די אידינע, און שעלט און שעלט מיט טויטע בי-טערע קללות, „שבעה זאָלסטו זיצען אין אַזומער-טאָג און ציין-וועהטאָג זאָלסטו האָבען אין אַ ווינטער-נאַכט", „זאָל מען פון דיר, די קישקעס מאַטעווען און דעם בית-עולם מעסטען". „אַגרויסע מזל-ברכה אין דיין היבשען פעקעל צרות" און נאָך אַזעלכע קללות, אַז בעהיט זאָל מען ווערען. אויף וויסטע וועלדער און פוסטע וועלדער זאָל, עס פאַלען. אנ'אמתע תוכחה ר"ל. און מיין גרונס שטעהט און פרעגעלט זיך פאַר נחת, און ער פערשרייבט, פערשרייבט אין זיין ביכעלע אריין מיט פירושים, יעדער קללה מיט אַ בעזונדער פירוש און גיט עס איבער מיין טאָכטער צום אָבדרוקען אויף דער שרייב-מאַשין — אַזוי פיעל ברכות זאָל איך האָבען, רבונו של עולם וויפיעל די דאָזיגע קאָלעקציע קללות האָט מיך אָפּגעקאָסט...

ווי לאַנג פלעגען מיינע קינדער לאַכען פון מיין שלש-סעודות-פראַווען אין חסידים-שטיבעל? חוזק מאַכען פון די נגונים מיט דאָס באַמקען? געשריען: ווילדקייט! פאַנאַטיזמוס! הייסט לויפען זיי אַליין אין אַ שוהל אַריין מיט מעהר אימפעט פון מיר. דערהאַרט

זיך: קינדעי לויפֿען אין שוהל אַרײַן גלייך מיט'ן טאַטען. דאַכט זיך גאָר גוט, און דאָך... איז עס עפּעס נישט דאָס...

מיין שבת'דיגע זמירות איז ביי זיי לעילא ולעילא געוואָרען—מיין שלש סעודות-פּראַווען מיט'ן רבינ'ס נגון איז ביי זיי אין לשעיר, פֿון מיין הבדלה-מאַכען מאַכט מען אַ גאַנצען פּאַראַד, מיין זלמן טורדס וויל, איך זאָל ניט אַנדערש הבדלה מאַכען נור אין זיינעם אַ פֿערזשאַוואָרטען בעכער פֿון זיינע שברי-כלים... מיין טאָכטער די קורסיסטקע קריכט אַרויף אויפ'ן שטוהל, זי וויל האַלטען די הבדלה-ליכט; און מיין גערויסים, גרונם מיין איך, שטעלט אָן זיינע מכשירים: פֿון איין זייט הודזשעט דער פֿאָנאָגראַף, פֿון דער צווייטער זייט דרימבעלט דער קינעמאַטאָגראַף; פֿון פֿאָרענט שטעהט אַ מאָלער פֿון דער קאַדעמיע און מאָלט מיך אויף אַ פּאָרטרעט, און פֿון הינטען שטעהט דער קאַפּעלמייסטער פֿון קאָנסערוואַטאָריע און פֿערשרייבט אויף נאָטען מיין הבדלה-נגון... און איך שטעה אַ מבולבל'ער. וואָס האָבען זיי פּלוצלונג דערזעהען אויף מיר?! 50 יאָהר אַז איך מאַך הבדלה און קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, און איצטער איז עס געוואָרען אַ גאַנצער הידוש. עס געפֿעלט זיי די צערעמאָניע, אַ קאַרטינע, אַ פּאַנאָראַמע אַ טעאַטער... דער זוהן שרייט: זעהט נור אַ שטערען! די טאָכטער שרייט: זעהט נור אַ נאָז! אַ דאַנק גאָט, געפֿונען ביים טאַטען אַ נאָז! דער מאָלער זאָגט, אַז איך דערמאָן איהם אַ ריליען-קאָפּ. איהר קענט מיר ניט זאָגען, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ-פּיש אַזאַ? בכלל געפֿינען זיי אין מיין פּנים כתום ורמסות, און אין מיין באָרד! אָ, וועה, וואָס אין מיין באָרד געפֿינט זיך! כאַראַקטעריסטיקייט, מיט געשיכטע, מיט היסטאָריע, מיט סטיל, מיט פּאָעזיע, מיט ביבליע און ווידער אַמאָל, ווי רופֿט מען עס—פֿאָלק-טימלעמליכקייט.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת: איך בין אַ בעלן געווען נאָך הבדלה בגנבה אַ קוק געבען אין שפּיגעל. געמיינט, אַז עס איז ביי מיר אויסגעוואַקסען אַ לונג-און לעבער אויף דער נאָז...

דאָ ניט לאַנג גיב איך אַ זאָג צו מיינע קינדער: אפֿשר וועלט געשוען גאָר אַ מאָל אַ יושר, אייער זאָלט תתונה האָבען

מען רעדט אייך, זאָג איך, פֿײַנע שדוכים מיט די שײנע נדנ׳ס איהר האַלט דאָך פֿון אידישקייט. און חתונה האָבען איז אַ אידי־שע זאַך. ענטפערט מען מיר כסדר: מיין זלמן טודרס זאָגט: ער קען ניט חתונה האָבען. ער האָט אַ אידעאַל. זאָג איך איהם, אַז מען דאַרף בײַ זיך פֿונדעסטוועגען ניט אַראָפּפֿאַלען. עס טרעפֿט, גאָט וועט געבען, מען וועט דעם חסרון נישט באַמערקען. זאָגט ער: אַ אידעאַל איז נישט קיין חסרון. וואָס דען איז עס?— דאָס איז אַזאַ מין פֿאַנטאַזיע. און ער זאָגט מיר אָפּ עפּעס אַ גאַנץ ליעדעל: „איך וויל, אַז מיין ליעבע זאָל ווערען געשלאָסען אויף איינע פֿון יענע פֿערוואָרפענע געסלאַך"... מען וועט זיך, זאָג איך, בײַ דיר אפשר איינבעטען, דו זאָלסט חתונה האָבען פֿון אַ כּשר׳אַדנער גאַס? חס וחלילה! דוקא פֿון פֿערוואָרפֿען געסעל! מחמת אַ פערוואָר־פֿען געסעל האָט אין זיך מעהר פֿאָלקטילימליכקייט. און ער זאָגט מיר ווידער אָפּ אַ גאַנצען פּזמון: ער וויל, אַז די כּלה זאָל זיין אַ אידישע טאָכטער און אַ באָבען זאָל זי האָבען, וואָס זאָל לייענען דעם צאינה-וראינה, און אַ קאַץ זאָל זיך דערבײַ וואַרעמען, און אַ זיידע זאָל איהם מיט ציטערדיגע הענד בענשען אונטער דער חופּה און אַזוי כסדר. אַ יודישע טאָכטער, אַ בעל הבתיש קינד, הייסט עס, מהיכא תיתי, נאָר זאָגען, אַז אַ באָבע מיט אַ צאינה-וראינה זאָל זיין אַ גרויסער נדן, און אַ קאַץ, וואָס וואַרימט זיך, זאָל זיין אַ שענער דרשה-געשאַנק — קען מען נישט זאָגען, נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פֿאָלקטילימליכקייט...

מיין גרונם הערט זיך אַפילו יאָ צו צו שדוכים. וויל ער אָבער נאָר אַ אידישיסטקע. און די שדכנים ווייסען נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. בײַ זיי אין די ביכלאַך איז נאָך דער מין סחורה נישט פֿאַרשריבען. זיי פֿרעגען אַלץ, צו וואָסער פּאַראָדע עס געהערט און וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ברונעטקע, צי אַ בלאָנדינקע?

און מיין טאָכטער, די קורסיסטקע—זי האָט שוין אַ חתן, עפּעס פֿיהרט זי זיך אַרום מיט אַ בחור, אַ נידעריגער, אַ דיקער אָהן וואָנסען, לאַנגע האָר און אַ גרויסער גדלן. וואָס איז זיין פּראָפֿעסיע?—ער זינגט לידלאַך. פֿאָלקס-לידלאַך. רופֿט מען עס. דאָס איז זיין ספּעציאַלנאָסט. דער עולם, לעקט פֿון איהם די

פינגער. א גוואַלדיגער מנגן, זאָגט מען אויף איהם, לייענט בלאַט, קען גוט נאָטען, קאָן זיין אַ רעזשיסאָר אין אַן אָרקעסטער און אָנפירען מיט אַ גאַנצער קאַפּעלע... און איך, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רייד, ווייס נישט וואָס דאָס איז פאַר אַ פרי. אַ חזן ניט אַ חזן, אַ נ׳ז. קזיאָר שציק נישט קיין אַקטיאָרשציק. וואָלט ער כאָטש זינגען אָפּערעס, אָדער אַזוי עפּעס ספּריאָזנע שט-קער מוזיק, צי סטראָיען זיך אויף אַ קאָר-חזן. זינגט ער אַלץ אַזעלכע לידלאַך, וואָס עס שלאָגט פון זיי חלשות! וואו נור א שוסטער-לידעל, צי אַ שניידער-לידעל איז דאָס זיין געשעפט. נור אז א שוסטער, צי א שניידער-יונג צי א דינסט-מיידעל זינגט אזאַ לידעל, איז נאָך צו דערליידען. אָבער אַז עס שטעלט זיך אַוועק אַט דער בחור פון קאָנסערוואַטאָריע אין א וואַרצען פראַק מיט די ווייסע העמעשקעס און שטעלט זיך אַוועק מיט אַ גדלות. פערוואַרפט אַ פוס פון הינטען און א פוס אויף פאָרענט און פערלעגט א האַנד אויפ׳ן הארצען און פערגלאָצט די אויגען און זינגט ארויס ווי פון אַ טרומייטער: „יעקל מי׳טן פידעל, בעריל מיטן באַס״ אָדער: „האָב אַ פאָר אָקסען, ווי זיי בראָקען לאָקשען״, שטעה איך און טראַכט: אָדער איך בין משוגע, אָדער די וועלט איז משוגע

און מיין טאָכטער העלפט איהם מיטזינגען. הערסטו, דערפון נעמט זיך דאָך די גאַנצע ליבע. ער האָט אויסגעפונען, אז זי האָט אַ גוואַלדיגע שטים, אַ מצה-סאָפּראַן מיט אַ קלאַוואָטור. זינגט זי. אַ גאנצען טאָג הילכט די שטוב מיט איהר געזאַנג. זאָל דאָס זיין איין רעכט לידעל! „פייגעלע, פייגעלע פי פי פי״, „שטעהען אַ פאָר טייטשען מיט די לאַנגע ביינשען״ ער בעט זיך רחמים: „זעה, נחמה׳לע, עפען מיר!״ ענטפערט זי מיט טרערען ממש: „איך האָב מורא פאַר דער מאַמען״. אַ חכמה! און נאָך אזעלכע לידער פון איינליבעניש אין פערפיהרעניש, פון אַ בייזע שוויגער און אַ בייזע וועטשערע... איצט דאַרף זי שוין נישט קיין קורסען, איצט איז שוין קאָנסערוואַטאָריע! נישט צוליב פראַזואָזשיטעלסטווא, חלילה נור פשוט, כדי צו קענען זינגען די לידלאַך.

און אין דער אמת׳ן, ווי קען מען זינגען „פייגעלע, פייגעלע, פי, פי, פי,״ אָדער „ציגעלע מיגעלע קאָטינקע״, ווען מען האָט נישט קיין דיפּלאָם אויף לכל הפחות אַכט קלאַסען קאָנסערוואַטאָריע.

אַט אַזוי איז עס, מיין פריינד. און איך האָב געמיינט, אַז איך

וועל פון מיינע קינדער דערלעבען אַביסעל מעהר נחת: אַנ׳איידעם וועט שטעהן נעבען אַ זעג-מיהל און וועט פאַרשרייבען אין ביכּע־לע אַריין ברעטער און געהילץ און נישט פירושים אויף צאינה וראינה, און אַ שנור וועט זאָגען „שווער", און אייניקלאַך אין גימנאַזיסטקע היטעלאַך וועלען שרייען „זיידע". ערשט נאַ דיר אַ־נייע אָנשיקעניש. אידישיזם... אַסך משולחת׳ן פאַראַן ביים רבונו של עולם...

נחת פון א זוהן.

דערצעהלט פון אַ טאָמסקער יודענע, וואָס רעדט אַרוים זעהר שאַרף אַ „ר“.

מסתמא מיר אָנגע׳חתמ׳עט פון גאָטען נאָך פון ערב שבת הגדה, אַז איך זאָל האָבען דאָסאַדע היינטיגען יאָהר... איהר אויף מיר קוקט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָס איך קען ריידען אידעש?— ווען איך נאָך געווען אַ קאָלנע—איך נישט געקענט ריידען אידעש, אָבער גאָרנישט... מיר דער שוחט אויסגעלערענט ריידען אידעש, גוט... מיין מאַן געזעהן, איך קען ריידען אידעש גוט,— ער מיר געשיפט אַ פאָר סערגעס... גרויסע. אַזאַ שטיק גאָלד זאָל... אַ משיח קומען...

עך, דאָס געווען אַ מאַן!.. ניקאָליי מיכיילאָוויטש, צאַרסטוואָ יעמו נעבעסנאָיע... אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט... סאַר׳אַ פּאָטשאָט געהאַט! אַי, אַי, אַי!... איך מיט איהם געגאַנגען ראָשעשאָנע אין שוהל... דעם אַנדער טאָג מיר געגאַנגען... מיר ניט געגאַנגען דעם ערשטען טאָג — מיר ניט געוואוסט... געקומען אַנטאָן איוואַנאָוויטש, אונזער סאָסיעד. ער זאָגט: ניקאָליי מיכיילאָוויטש, ביי אייך היינט פּראַזדניק,— מיר געגאַנגען אין שוהל... אַ סלאַווענער טשעלאָוועק געווען מיין מאַן... פאַר פּאָקראָווע געשטאָרבען ביז

הונדערט און צוואַנציג יאָהר אַ גוטער בעטער... איך געקויפט אַ סוועטשקע... איך געווינט... געווינט, מיך איבערגעלאָזט אַ נעס־טשאַסטנע ווראַווא.. ניט זינדיגען קעגען גאָטען... איך געוואוסט, איך בלייב אויף געהאַקטע צרות...

איהר פרעגט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, וואָסערע צרות?—פון מיין זוהן וואָלאָדיאַ האָב איך געהאַקטע צרות... אַזוי ניט אַ פער־זינדיגען צו זאָגען—אַ גוטער זוהן... אַ גאָלד... אַז איך, אַלע השאָלע, איין האָרע, קראַנק געווען—וואָספּאַלעניע ליאָכקיך—ער מיר געהיט ווי די אויג אויפ'ן שוואַרצאַפּעל... געלאָפען צו דאָקטערס... ליעקאַרסטוועס... טאָג ווי נאַכט מיך געכאָליעט... ביז איך געזונד געוואָרען. טייערער מיינער זוהן... בריליאַנט... דעם לעבען פון דיר... ראַק געלערנט, ראַק געזאַנימאיעט צאַך... אַ קאָר־טען נישט אַ שפּיל... אַ בראָנפען נישט אַ טרונק... אַ שיקסע נישט אַ לויף... סעם געקאָנטשעט גימנאַזיע... סעם... דער דירעקטאָר איהם געכוואַליעט... אַי, אַי, אַי!... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען.. איך וואַרט היינטיגען יאָהר,—ער פּאָסטופּאַיען אין אוניווערסי־טעט,— איך האָבען אַ נחת פון אַ זוהן... אַ שטודענט...

איך וואַרט און וואַרט... ער נישט פּאָסטופּאַיעט אין אוני־ווערסיטעט... איך צו איהם זאָג: וואָלאָדיאַ, פּאַרוואָס דו נישט פּאָסטופּאַיעסט אין אוניווערסיטעט? ער זאָגט: איך זיי נישט, מאַ־מאַשאַ, אַ פּראַוואָסלאַוונער; איך זיי אַ ייד, איך ניט קען פּאָסטופּאַ־יען. איך ניט וויל אַ שמד'ען זיך... מיינע שונאים'ס אויף לייב און לעבען, נו, טאַק וואָס? דאַרף מען טאַקי פּראָפּאָדאַיען? נעמט מען און מען אַ שמד צאַך—און האָדיע!... ווי זאָגט איהר, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק? די נשמה איז ווסיאָ ראַוונאָ ווי אַ רעטאַך—נישט אַהין און נישט אַהער... רעד צו איהם, רעד צו אַנ'אַרבעס אויף אַ וואַנד. ער נישט וויל אַ שמד'ען זיך און האָדע... ניט און ניט... נעסטשאַסטנאַיאַ יאַ זשע טשינאַ!...

אַלע טאָוואַרישצעס סעם גע'שמד'ט צאַך... סעם... באָריס יעפימאָוויטש, יעווגעני סערגעיעוויטש, זינאַ מיכיילאָוונאַ... דער פעם אינזשינער־טעכנאָלאָג, דער סעם אַ ווראַטש... נור מיר אַ נע־באַך נישט באַשערט צו האָבען אַ נחת פון אַ זוהן. איך דאַרף דאָס

אַ סטראַדאַיען!... אַך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי!...

מיין ברודער, אַרקאַדי פּעטראָוויטש, איהם זאָגט: וואָלאָדיאַ, איך דיר ליב ווי מיין דושאַ. דו נאָך יונג... דו דאַרפסט געהן דינען אין וואָיענע סלוזשבע. דו בעסער פּאָסטופּיי אין אוניווער-סיטעט,— דו נישט דאַרפען געהן אין סאָלדאַטען... ביי לייטען אַ נחת פון קינדער... שמד צאַך... מיר האָבען אַ גוטען גאָטען, ער דיר און אונז אַ העלפען... ער, מיין זוהן, אונז הערט ווי אַ נעכטיגער שניי...

איינמאָל, סעם באַלד איבערגערעדט. איך און מיין ברודער אַרקאַדי פּעטראָוויטש סעם איינגערעדט... צוגעשטאַנען... איך געוויינט, געקליאַנטצשעט: האָב ראַכמאָנע אויף מיר, נעססשאַסטנאַ-יאַ זשענשטשינאַ, איך, דיין איינאיינציגע מאַמאַשאַ. וויפיל איך געסטראַדאַיעט ביז איך דיר אויסגעהאָדעוועט .. ער סעם גענומען אַ איזוואָזשציק, געפאָהרען צום קסיאָנדז—זאָל זיין צום קסיאָנדז... מיין ברודער אויך געפאָהרען, אונזער סאָסיעד אַנדריי גאַווריל אָ-וויטש אויך געפאָהרען, דער דירעקטאָר און דער קרעסטני אָטיעץ כאַריטאָן וואַסיליעוויטש—אַלע געפאָהרען... מיין זוהן, וודרוך, פון געלער הויט, זאַך צעווינט, אַראָבגעלאָזען אַ טראַך מיין ברו-דער, זיין אייגענעם דיאַדקע, איבער מאָרדע, אויסגערעדט כל שמשים אויף זיין קאָפּ, אַראָבגעשפּרונגען פון איזוואָזשציק און אַ סיאָק דאַ אַ טיאָק...

אָך—כּאַ-כּאָ-כּאַ! האָספּאָדי באָזשע מאָי... ביין נאַכט ערשט געקומען אַהיים, אַ סטראַשנער... די אויגען רויט... עין הרע קראַנק געוואָרען... געררופען דאָקטערס... אַפּטייקען, ראַסטראָיסטוואָ... ליעקאַרסטוואָס. איך, אַ מאַמאַשאַ, אַנ'איינציגע מאַמאַשאַ — מיר וועה דאָס האַרץ, וואָס איך קען טון?

האָט אַ פּעראיבעל נישט, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, איך אויף איך אויסגעגאָסען מיין ביטער האַרץ. ווי זאָגט אַ פּאָסלאָוויצע: אַנ'אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און... קיינער נישט ווייס וועמען אַ שוך אַ קוועטש. אָך—כאָ-כאָ-כאָ...

אַ ווײַך האַרץ.

אין גאַס האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ רעדל מענטשן, וואָס איז געשטאַנען ענג צונויפגעפּרעסט, פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון טראָטואַר און אַ שטיק פון גאַס.

איינע פון יענע רעדלעך, וואָס ברעכן אָפּט אויס אויף די טומלדיקע, באַלעבטע גאַסן פון אַ גרויסער שטאָדט.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ קליין שטייף־זוניק פרעסטל. די סטריכעס, די וואָנסן פון די פּאָליציאַנטן, די קאַרניזן פון די פענסטער, די דעכער, די צווייגלעך פון די נאַקעטע בוימער — דאָס אַלץ איז געווען באַגלעזלט און באַצוקערט ווי פיין־געבעקס.

עס האָט געשמעקט מיט צוגאַנגענעם שניי און דערמאָנט, אַז ערגעץ אין דער צוקונפט איז פאַראַן אַ פרילינג.

מסתמא האָט עפּעס אַן אומגליק פּאַסירט, עמיצער איז געפאַלן, געחלשט, מסתמא עפּעס אַן עלענדער, אַ קראַנקער, אפשר עמיצער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, עמיצן איבערגעפאָרן, עמיצער איז פּלוצלונג געשטאָרבן—האָב איך געטראַכט און, ווי מיין שטייגער, געוואָלט—ווייטער גיין.

און שטענדיק, ביי אַזעלכע פאַלן, פיל איך, ווי עמיצער אינעווייניק פייניקט און מוסרט מיך:

— וואָס פאַר אַ שלעכטער עגאָאיסט דו ביזט! ווילסט זיך אַפילו נישט אומקוקן טאָמער איז נויטיק דיין הילף. פון דיינעט־וועגן מעגן מענטשן פאַלן אין די גאַסן—ניט דיין זאַך.

— בע... מע... פאַרשלאָג איך זיך האַקע־באַקע און גיי ווייטער.

דאָס מאָל אָבער בין איך שטיין געבליבן. עס האָט מיך אַ צי געטון.

צווישן דעם גרויען, וואַכעדיקן עולם האָב איך דערזען — אַ שיין מיידל.

פון שטייפן פרעסטל האָט זי אויסגעזען פריש, יונג און קרעפטיק.

אַ שניי-ווייסער פוליקער פוטער-קראַגן פון איר וויאָלעט-סאַמעטענעם זשאַקעט האָט אונטערגעשפּאַרט און אומגעראַמט איר קיילעכדיקע ראָזע געמבע.

די הענט סימעטריש פאַרשטעקט אין פון דעם זעלבן ווייסן רויכוואַרק מופטע, איז זי געשטאַנען מיט אַ קינדיש-ברוגזדיק קאַפּריזנער מינע אויף דעם קליינעם פרישן מיילעכל, און טרויעריק אַראָפּגעקוקט צום זעלבן פונקט, וווהין עס זענען געווען געווענדעט די בליקן פון אַלע אַרומיקע.

ביי דער זייט, האַלטנדיק איר אונטערן אָרעם, איז געשטאַנען נאָך אַ מיידל, אַ מיאוסע און אַ העסלעכע — איר הברטעקרין.

איך האָב זיך אַריינגעפּרעסט צווישן עולם, האַרט ביי דער זייט פון דער שיינער מיידל, און געבליבן שטיין מיט דער זעלבער אַריינגעטועטנער מינע ווי ביי איר.

איך האָב געוואָרפן אַן אויג.

צוליב אַזאַ מיידל — האָב איך געטראַכט — גיי איך אָפּטמאָל איבעריקע עטלעכע גאַסן, פאָר אַן איבעריקע שטרעקע אויפן טראַמוואַי, יעצט האָב איך אַזאַ שיין מיידל ביי דער זייט, נאָענט, איך קען איר אַזוי נאָענט אָנקוקן, באַטראַכטן און אַפילו — באַרירן.

מיין אָרעם האָט געפילט איר עלאַסטיש ווייכע זייט, און מיין לינקע האַנט האָט, כלומרשט ניט ווילנדיק, געגלאָנדזשעט איבער אירע שיין-געבויטע היפטן.

אירע דופטיק-זיידענע האָר פון אונטער דעם שטיפעריש-קליינעם הוט האָבן געגלעט און געקיצלט מיינע שלייפן.

אויפן טראָטואַר, אָנגעשפּאַרט מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ צום וואַנט פון גרויען מויער, איז געלעגן אַן אַלטע, אָרעם-גע-קליידטע ייִדענע מיט אַ טויט-געלן פנים, מיט אַ זייער בלאַסע, אויסגעצויגענע נאַז, און שווער געקרעכצט. דאָס אַלט-געלאַטעטע קלייד איז געווען עטוואָס אונטערגעקאַטשעט און אַרויסגעוויזן אַ

פאַר אַלט־געשוויאָלענע פיס אין גראָבע זאָקן און גרויסע שיך.

דאָס אַלץ האָב איך געזען פון דער זייט, בלויז מיט איין אויג, מחמת מיין צווייט אויג האָט זיך איינגעגעסן אין די זיס־באַטעמטע פּראָפּיל־ליניען פון מיין שיינער שכנה.

צום טייוול! וואָס פאַר אַ שיין מיידל!

איך האָב געקוקט און געשלונגען איר חנעוודיקייט טראָפּנווייס, ווי מען טרינקט אַ זיס־באַטעמטן קאַלטן געטראַנק אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג.

האַרט פאַר מיין אויג איז געשטאַנען איר מחיהדיק פרישבעקל, אַזוי רייצנד, אַז מיינע ליפּן האָבן זיך געצויגן, געצויגן...

און איך האָב געדאַרפט אָנווענדן אַ היבש ביסל אָנשטרענגונג זיך צוריקצוהאַלטן.

אויס מורא, אַז מיינע אָנגעשטרענגטע בליקן זאָלן נישט ווערן פאַרדעכטיק און עזותדיק, האָב איך באַשלאָסן צו כאַפּן מיט איר אַ שמועס.

רעדנדיק מיט איר וועל איך קענען דרייסטער קוקן איר גלייך אין פּנים, הערן איר שטים און אָנווענדן אויף מיר אירע שיינע אויגן.

און אפשר טאַקע שליסן באַקאַנטשאַפט און אפשר טאַקע זיך פאַרליבן אויך...

אין אַזאַ מיידל איז דאָך אַזוי גוט זיך צו פאַרליבן.

— אַנטשולדיקט, פרײַלין, וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען?—האָב איך געפרעגט.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן אויף מיר, ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, צוויי גרויסע, שיינע אויגן, עטוואָס באַטרערטע, און מיט אַן אַנגסטלעך־וויינענדיקן טאָן האָט זי געענטפערט:

— געפאַלן... צובראָכן אַ פוס... אָרעמע פרוי!...

— אָוואַ!—צובראָכן אַ פוס!...—האָב איך איבערראַשט אויסגעשריען, ווי עס וואָלט מיט מיר אַליין דאָס אומגליק געטראָפן —אַזאַ אַלטע פרוי!... וויי, וויי, און ווי איז עס געשען, פרײַלין?

— זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן.

— און צובראָכן אַ

— יאָ.

— אָוואַ! אָיאַ!... אָרעמע, עלנדע פרוי!... און לאַנג מאַטערט זי זיך אַזוי? — האָב איך ווייטער געפרעגט כדי אָנצוהאַלטן דעם געשפרעך.

— שוין אַ מינוט צען.

— צען מינוט! — האָב איך אויסגעשריגן, און פון גרויס ערשיטערונג אָנגעכאַפּט מיין שייגער שכנה פאַרן עלענבויגן, אַ דריק געטון, ווי איך וואָלט וועלן מיט וועלכע ניט איז באַוועגינגען שטילן מיין שטאַרקן ווייטאָג און מיינע געפילן, וועלכע זענען געפייניקט פון גרויס מיטלייד.

זי האָט זיך לייכט אָפּגעווענדט.

— אַך, גאָט, גאָט! פאַוואָס שטראָפסטו אַזוי דעם שוואַכן, זינדיקן מענטשן? וואָס האָט די אָרעמע, שוואַכע פרוי געזינדיקט, וואָס דער שיקזאַל פאַרפאָלגט זי אַזוי?

— יאָ, יאָ, פריילין. די נאַטור איז גרויזאַם... ברוטאַל... אומברחמנותדיק.—האָב איך געפלוידערט, געזיפצט, געקרעכצט, אַריינקוקנדיק מיין שכנה גלייך אין פּנים אַריין.

פויזע. איך האָב געזוכט נייע ווערטער אָנצוהאַלטן דעם שמועס.

— און די גיכע הילף, פריילין? געשיקט נאָך די גיכע הילף?

— געוויס. טעלעפאָנירט. נאָר עפּעס זאַמט זי זיך.

— צום טייוול! אַן אָרדנונג אַביסל! — האָב איך זיך געקאָכט, ווי עס וואָלט מיך קאָסטן געזונט—דאָ ליידט אַ מענטש, גייט אויס פון יסורים, און זיי זאַמען זיך דאָרטן. דאָס איז די אָרדנונג פון אונזער געזעלשאַפט. עך, פריילין, ווי ווייט אומפאָלקאָם אונזער סאָציאַלע אָרדנונג איז... קומט, פריילין, לאָמיר זיך דורכגיין נאָך „די גיכע הילף".

— זי וועט מסתמא באַלד קומען, נישט נויטיק.

איך בין זיך מודה, אַז איך וואָלט גאָר ניט געהאַט דאַגעגן, צו די „גיכע הילף" זאָל זיך נאָך אַביסל פאַרזאַמען. נאָר איך זאָג

— וואָלט זי שוין אָבער גיכער געקומען! גיכער, גיכער...
עס איז דאָך אַזוי שווער צוצוקוקן, ווי אַ מענטשליידט! אַך, פֿריילין, פֿריילין, ווי נישטיק אַ מענטש איז! ווי קליין ער איז אין דער נאַטור: אַ קליין פֿייגעלע קען אים אומברענגען. אַזוי לערנט אונז די באַקטעריאָלאָגיע און אָט דאָ אַ קליינע נאַטור־ערשיינונג: אַ קליין פֿרעסטל, עס פֿאַרפֿרירט דער טראָטואַר און אַ מענטש גייט, גייט און גייט און פֿאַלט און צעבּרעכט אַ פֿוס...

— מען האָט געדאַרפֿט רייניקן דעם טראָטואַר—באַמערקט דאָס מיידל.

— אָט דאָס איז, וואָס איך זאָג! מען האָט געדאַרפֿט באַשיטן דעם טראָטואַר מיט זאַמד. דער מענטש אָבער איז אַזוי פֿאַרדאָרבן, אַז ער זשאַלעוועט אַביסל זאַמד. דער ווירט פֿון הויז איז פֿאַרדאָרבן, דער סטרוזש איז פֿאַרדאָרבן, אַלע זענען פֿאַרדאָרבן, וואָרום יעדער איינער איז דאָך אַן עגאָיִסט. און דאָ גייט אַ מענטש, גייט, גייט און גייט, פֿאַלט, ווערט געהרגעט און בלייבט אַ טויטער אויף זיין גאַנץ לעבן.

איך האָב שוין אַליין ניט געוווסט, וואָס איך האָב גערעדט, נאָר איך וואָלט שווערן, אַז אין מיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן.

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט זיך אַריינגעריסן אַ הילכיקער טרומפּייט־סיגנאַל.

די קאַרעטע פֿון „גיכער הילף" איז געקומען.
אין האַרצן האָט זיך ביי מיר ווי אָפּגעריסן.
שוין?

צוויי פֿאַליציאַנטן האָבן אָנגעהויבן פֿונאַנדערצוטרייבן דעם עולם.

דער עולם האָט זיך אַ באַוועג געטון, געשטיקט, געפּלאָנטערט, און זיך געשטיקט אַרום דער קאַרעטע.

דאָס געדראַנג איז געוואַקסן, און איך בין געווען צופֿרידן.
איך האָב זיך געהאַלטן נאָנט ביי מיין שיינער שכנה, זיך געוואַקלט און געשטרויכלט, צוגעפֿאַלן, געטוליעט זיך, אָנכאַפּנדיק זי ביי דער טאַליע.

— אַך, די אומגעלומפּערטע מאַסע! ווי ניט ערצויגן זי איז!—האָב איך געזאָגט—אַנטשולדיקט, פריילין, ניט מיין שולד! די מאַסע שטויסט זיך. הערט אויף צו שטויסן זיך! — האָב איך ריטעריש געשריִען צום פּובליקום—זעט איר נישט, אַז דאָ שטייט אַ דאַמע? קומט, פריילין, לאָמיך אייך באַשיצן פון דער ברוּטאַלער מאַסע.

— אַ דאַנק, עס שאַדט נישט.

די דינער פון דער גיכער הילף האָבן געשלעפּט די ייִדענע אין קאַרעטע אַריין. די ייִדענע האָט פאַרצווייפלט געקרעכצט, איר פּנים איז געווען אַזש גרין, די ליפּן — פאַרברענט. איר שטערן—נאַס, און העסלעכע קנייטשן האָבן זיך געדרונצלט אַרום מויל אין שמערצלעכע ג ימאַסן.

— איך האָב קיין האַרץ ניט צוצוקוקן אַזעלכע יסורים — האָב איך געזאָגט, און דרייסטער געקוקט מיין שכנה אין פּנים אַריין.

ס׳הייסט: אַז איך קען ניט צוזען די יסורים פון דער ייִדענע, מוז איך דאָך ערגעץ אַנדערשווו קוקן.

כאַרטיק. ווידער אַמאָל אַ סיגנאַל און די קאַרעטע האָט זיך גענומען אַרויסדרייען פון דעם עולם אַרוים. דאָס געדראַנג איז געוואָרן נאָך גרעסער; אין ענגשאַפט האָב איך אָנגענומען מיין שכנה אונטערן אָרעם און האָב געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַן אַלטן באַקאַנטן:

— קומט, פריילין, קומט אַהער... אָט דאָ... אָט דאָ איז באַקוועמער... דאָ וועט מען אונז ניט שטויסן.

דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן איר האַנט, כלומרשט צו פאַריכטן די שפּילקע אין הוט, און אַרויסגעלאָזט מיין האַנט פון אונטער איר אָרעם.

מיין האַנט איז געבליבן הענגען אָפּהענדיק און איך האָב אַ זיפץ געטון.

דאָס האָט געזאָלט גיין אויפן חשבון פון דער נאָר־וואָס איבערגעלעבטן שרעקלעכן בילד.

די קאַרעטע איז אַוועק דורך דער גאַס מיט אַ הילכיק

שאַלן און הוזשען און געשווינד זיך אַריינגעקװעטשט אין אַ צווייטער גאַס. דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין.

דאָס שיינע מיידל האָט געכאַפּט איר חברטאָרין אונטערן אָרעם און איז אויך אַוועק.

ענטוישט, מיט אַ ביטערן בייגעפיל, האָב איך זיך געלאָזן נאָכגיין נאָך זיי. צו מיינע אויערן האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעריסענע פראַזן פון זייער געשפּרעך:

— האָסטו געזען, עממאַ, ווי אויסער זיך דער יונגערמאַן איז געווען? ווי ער האָט געזיפצט?

— אַן איידעלער מענטש, קענטיק אַ גוטע נשמה.

— יאָ, ער איז געווען אַזוי גערירט, אַזוי גערירט.

— אַ גאָלדענע נאַטור. פאַראַן מענטשן, וואָס קענען מיטפילן דעם צווייטנס ווייטאָג.

— אַ ווייך האַרץ.

— זייער אַ ווייך האַרץ...

די אויסשטייעניש פון אַ מאָדערנעם מאָלער.

ווען איר זעט אים, דעם משונהדיקן, הויכן, דאַרן יונגנמאַן, אַזוי דאַר, אַז איר קאָנט אים דורכשפּאַרן דורך אַ פּייפל, אין זיין סאַמעטענער קורטקע מיט אָפּגעריבענע פּלייצע־ביינדלעך און עלנבויגנס, מיט אַ פּאָר לאַנגע פּיס און זייער חרובע הויזן, און נאָכמער חרובע שיך — זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס איז דער מאָלער מ אַ ק ס ד ר יי צ ע ר. „אַ מאַלער — ווי ער זאָגט אויף זיך אַליין — פון די אומברחמנותדיקע ליִנקע ריכטונגען”. אויפן קאָפּ קיין סימן פון האָר, נאַקעט ווי אַ קני, און וואָלט ער געהאַט האָר, וואָלט ער זיכער געווען אַ בלאָנדין. דאָס קאָן מען דריִנגען פון דער בלאָנדער, צעקודלטער באָרד, וואָס וואַקסט ביי אים מער פון האַלז, ווי פון גאָמבע; ווי אויך פון די געלע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס קוקן אייך אָן אַ פּאָר אַגרעס־גריִנע אויגן מיט גאוה און בטול, ווי זיי וואָלטן האַלטן אין איין זאָגן:

— מיר האַלטן ניט פון לעאָנאַרדע־דע־וויִנטשי, און טוט אונז עפּיס!

שוין ביים ערשטן אַריינטריט אין דער אַקאַדעמיע האָט ער זיך צעריִסן מיטן פּראָפעסאָר, וועלכער איז געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען און פאַרשימלט אין אַקאַדעמישן רוטין, אַז ער האָט געמאָלט אַ האַנט מיט פינף פינגער. דעם דאָזיקן אַקאַדעמיזם האָט דרייצער דערקלערט אַ שלאַכט אויף טויט און לעבן, און די אַלע אויסשטעלונגען האָט ער דערקלערט פאַר בית־עלמנס, מוזעאומס פאַר מתים־שטיבלעך, שטויביקע אַרכיוון.

און, איז אַוועק זוכן נייע וועגן.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אין אַ צייט פֿון איבערגאַנג און זוכעניש פֿון נייע וועגן קאָן מען נישט אַרבעטן, און, אַז מען אַרבעט ניט, איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו קויפֿן פֿאַרבן, און עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו דינגען מאָדעלן, און עס איז ניטאָ פֿון וואָס צו צאָלן דירה־געלט, און—מען קריגט עקסמיסיע.

און כך הוה.

ווען דרייצער איז איינמאָל, אין אַ שיינעם, טריבן פֿרימאָרגן, געבליבן מיט זיין פּעקל אויפֿן גאַס האָט ער אַזוי געזאָגט:

— די קונסט גייט אויף דער גאַס!... איך בין אַרויס פֿון די ד׳ אמות פֿון אַטעליע־טורמע און אַרויס אויף דער פֿרייער לופֿט. איך מאָל דאָס אוממיטלבאַרע זעען. איך מאָל דעם איינ־דרוק, מיין איינדרוק. ניט ווי מען זעט, נאָר ווי א י ך זע, ווי מיין א י כ י ש ע ר א י ך זעט. ניט מיט דעם אויסערלעכן אויג, נאָר מיט דעם אינערלעכן אויג.

איך בין א י מ פּ ר ע ס י אָ נ י ס ט. ווען דער דוחק אין פֿאַרבן האָט זיך געשטאַרקט, האָט דרייצער אַזוי געזאָגט:

— איך האָב אָפּגעווישט די אַלטע פֿאַרבן פֿון מיין פּאַ־לעטע, און האָב בלויז געלאָזט די ספּעקטרישע פֿאַרבן פֿון רעגנבויגן. און קיין פּענזל דאַרף איך אויך ניט. איך מאָל מיט מיינע נערוון, מיט נשמה־ציטערנדיקע פֿאַרבן־פֿלעקן.

— אַ:צט—האָט ער געזאָגט — מאָל איך שוין ניט ווי איך זע, נאָר ווי איך וואָלט געוואָלט זעען. און זעען וויל איך יום־טובדיקן קאָלאָריט, רויט־אָראַנזשאָווע פֿלעקן און זוניקן פֿאַרבן־שפּיל. סימפֿאָניע, סימפֿאָניע און סימפֿאָניע!

און געקריינט האָט ער זיך מיט אַ נייעם נאָמען: עקס־פּרעסיאָניסט.

צוזאַמען מיט זיינע ריכטונגען פֿלעגט דרייצער בייטן זיינע געליבטע, און יעדע פֿון זיי האָט געמוזט שטימען און אויסהאַלטן דעם סטיל און ריכטונג, וועלכן אונזער מאָלער האָט צו יענער צייט פֿאַרטראָטן. אַזוי, למשל, האָט ער זיין לאַנג מיידל פֿון גאָטישן סטיל, מיט לאַנגע פֿיס, שפּיציקע נאָז און שאַרפֿע עלנבויגנס —

איצט אומגעביטן אויף אַ געליבטע פון אימפּרעסיאָניסטישן גייסט: געל ווי די זון, רויטע הוימפּערלעך אויפן נאָז, זומערשפּרינקעלעך אויף די באַקן, רויטע הענט און געלבע ברעמען. און גערופן האָט ער זי: „אַ מיין זוניקע סימפאָניע! אַ טרעגערן פון פאַרביקע ווירבל־ווינטן"!

שפּעטער שטעלט ער אַרויס אויף דער אויסשטעלונג „פּאָמעדאָרן־סאַק", זיין באַרימט־געוואָרן בילד „דער מאָרגנשטערן אויפן פּאָלומיעשאָק", דאָס בילד איז באַשטאַנען פון אַ ווייס שטיק פּאַק־פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשמירט אַ רויטער, פּירעקנדיקער פלעק.

דאָס איז געווען נאָך בשעתן צאַרישן רעזשים. דאָס בילד האָט צו יענער צייט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם. די צאַרישע מאַכט האָט אין דעם בילד איינגעזעען אַ רוף צו רעוואָלוציע, אַ סימבאָל פון רויטן אינטערנאַציאָנאַל, און האָט געלאָזט אונזער מאָלער אייַנזעצן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. אומזיסט האָט דרייצער געטענהט, אַז דאָס בילד איז בלויז אַן אָנזאָג פון אַ נייער קונסט, די קונסט פון מאָרגנדיקן טאָג, אַז עס איז בלויז אַ ווידערקול פון דער קומענדיקער וועלט. עס האָט נישט געהאָלפן. דרייצער איז געמשפּט און פאַרשיקט געוואָרן אין טאָבאָלסקער געגנט.

פלוצלונג איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע און דרייצער איז געקומען צוריק פון סיביר. געקומען אַזוי צובראָכן, מיט אַזאַ אויסגעלעכטן גייסט און נשמה, אַז ער האָט די גאַנצע וועלט אָנגעהויבן זעען קוביסטיש און איז אַריבער צום קוביזם.

— אום צו זעען און באַגרייפן די נייע קונסט—האָט ער געזאָגט — איז נישט גענוג צו באַקומען אַ נייעם שטאַנדפונקט, אָדער אַ נייע שטימונג, נאָר מען מוז אינגאַנצן אויסקירעווען דעם קאָפּ און צוברעכן זיך דאָס לייב און לעבן.

— איך האָב אויסגעקערעוועט מיין קאָפּ, צובראָכן מיין „איך". איצט זע איך די וועלט אינגאַנצן אַנדערש: קוביסטיש. איך פיל קוביסטיש, און טראַכט קוביסטיש. די גראַדסטע ליניע

ע איך געבראָכן, דעם קײלעכדיקסטן ראָד — פינפ־קאַנטיק. די לבנה — המנטאַשיק, פּערפל — פּירעקעכדיק, שטערן װי קרעפּלעך און די זון, װי אַ היטל־צוקער. און איבער אַלעם דאָמינירט די פירטע דימענסיע!

צו יענער צײַט זעט מען אים שפּאַצירן גײן מיט אַ נײַער געליבע. אַ מױד װי אַ פּיראַמידע, מיט אַ פּנים װי אַ גלאָק, אַ נאָז װי אַ טראַפּעצע, מיט אַ פּאָר גרױסע געפאָרמטע פיס. ער אַלײן האָט אױך אױסגעזען װי אַ געבײדע פון געאָמעטרישע פיגורן, פון זײַן האָריזאָנטאַלן מױל האָט פּערפּענדיקוליאַר אַרױסגעסאַרטשעט אַ פּירעקעכדיק געשניצטע לולקע, װאָס האָט שטענדיק גערױכערט דאַכט זיך מיט קוביסטיש־געפאָרמטע רױך־װאָלקנס.

אײנמאָל פלוצלונג האָט דער נײַער קונסט־קאָמיטעט בײַ דער ראַטן־מאַכט מאָביליזירט אונזער מאַלער צו פאָרן אין די דערפער און דעמאָנסטרירן די נײַע קונסט־מאַלערײַ. דרײַצער איז אַװעקגעפאָרן אינם נאָענטסטן דאָרף סװינאָיע באַלאָטאָ, צונױפגערופן די פּױערים און געהאַלטן פאַר זײ אַ לעקציע װעגן דער נײַער קונסט־ריכטונג אין דער מאַלערײַ—קוביזם.

— דער קוביזם—האָט ער געזאָגט פאַר די פּױערים פון סװינאָיע באָלאָטאָ — צעברעכט די װירקלעכקײַט, כדי צוזאַמענצושטעלן נײַע פאָרמען, װאָס זאָלן שאַפן נײַע װירקלעכע װירקלעכקײטן. דער קוביזם שטרעבט צו אַנטפּלעקן ניט דאָס עקזיסטירנדיקע, נאָר די הינטער־זײַט אין אַלע זײַטן — די „פערטע דיסענסיע”, װאָס עקזיסטירט. דורך אירע אַנטיפּערספּעקטיװיסטישע פאָרמען זוכט זי צו אַבסטראַהיזירן די סובסטאַנץ פון יעדן קעגנשטאַנד. דאָס איז די עסטעטיק פון דיסהאַרמאָניע, װאָס שאַפט די האַרמאָניע פון דעם אומבאַװוסטן...

אָפּגעזאָגט די רעדע האָט ער גענומען דעמאָנסטרירן זײַן טעאָריע. זיך אַװעקגעזעצט און גענומען מאָלן אַ קוביסטיש בילד פאַר די פּױערים. ער האָט געמאָלט אַ לאַנדשאַפט פון דאָרף. פאַרנאַכט, דאָס גאַנצע דאָרף הײַזלעך קריכט אײנער דעם אַנדערן אין די זײַטן, שטופּן אין די רוקנס... אַ דרײַעקיגע זון הענגט

דאָרט אויף די קאַנטן, בוימער. אויף דער לאַנקע, וואָס זעט אויס ווי אַ שאַך־ברעט פּיטערן זיך בלויע באַשעפעניש, ווי צו־קערלעקעכלעך, ווי אויך דאָס הינטערשטע העלפט פון אַ פערד. דאָס פאָדערשטע העלפט פון פערד פּיטערט זיך אין דער הויך איבער דער זון. דערביי שטייט אַ פּויער מיט אַכט פיס, וואָס זענען אויסגעשפּרייט ווי אַן אָפענער פעכער אין אַלע עקן וועלט.

די פּויערים זענען לכתּחילה געשטאַנען און געגאַפט, דער־נאָך האָבן זיי זיך איבערגעקוקט איינער מיט דעם אַנדערן מיט אַ מיסטישער שרעק. שטילינקערהייט זיך באַוואָפנט מיט שטעקנס און דרענגער און אָנגעפאַלן אויף אונזער מאַלער מיט גרויס רציחה, ווי אויף אַ מכשף פון אַלטע צייטן.

— אַ מכשף—האָבן זיי געשריגן—ער מאַכט כּשוף!

זיי האָבן צוריסן דאָס בילד, צובראָכן דאָס מאָל־ברעט און אויסגעשמירט אונזער מאַלער מיט פאַרב ווי גרויס ער איז. אויף מאָרגן האָט מען דעם מאַלער אָפּגעפירט אויף אַ וועגעלע אין שטאָדט אַריין און אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל. צוויי חדשים איז דרייצער אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל, אַרויס איז ער דערשלאָגן, ערום בחוסר כּל.

אויף דער גאַס האָט שוין דאַן געהערשט די „פּראָלעטאַ־רישע קונסט" אין אַלע איר פאָרמען. דרייצער אָפּעררט שוין ניט מיט פאַרבן, נאָר מיט די געגנשטענדן זעלבסט. למשל ווען מען דאַרף מאָלן אַ ציגל, נעמט מען אַ ציגל ממש און מען שלאָגט צו צום לייוונט. ווען מען דאַרף מאָלן לעבער־קאָליר, געמט מען און מען הענגט אויף אַ לעבער. דאָס זעלבע מיט אַ פלאַש, מיט אַ פאָדקאָווע, אַ בלאַט־לאָקשן וכדומה. אין די דאָ־זיקע בילדער פילט זיך דער גרויסער, עקאָנאָמישער אויסדרוק. אין אַ צייט פון פאַרבן־מאַנגל איז עס זיכער עקאָנאָמיש און שפּאָרזאַם.

די קונסט פון עקאָנאָמיק.

פון דאַנען גייט אונזער קינסטלער אַריבער צו דער קונסט פון קאָנסטרוקציע און באַוועגונג, דינאַמיק און מ אַ ש י נ י ז ם. דאָס ווערט דערגרייכט אויף פאָלגענדיקן אופן: צום בילד ווערט

באהעפט אַ פּאָר רעדער, נאָך אַ פּאָר מאַשינאָווע רעדער און עטלעכע ציין־רעדער, פֿאַרייניקט מיט אַ פּאַס, וואָס ווערט גע־טריבן דורך אַ פּאַראַוואָז, אָדער עלעקטרישן מאָטאָר פֿון אַ פֿערציק פֿערד־קראַפט. די רעדער דרייען זיך מיט אַ געשווינטקייט פֿון 100 דריי אין אַ סעקונדע. און דאָס ברענגט אין באַוועגונג אַ גאַנצע מענגע פֿון וואַליקעס, ספּרענזשינעס, שפּיצן און עס פּאָכעט און עס דרייט און עס שווינדלט פֿאַר די אויגן סכּנות־נפשות.

ביי אַזאַ „מאַלערישער קאָנסטרוקציע" מוז מען שטענדיק אַרויסהענגען אַן אויפשריפט מיט אַ וואָרנונג:

„ניט צו גיין נאָענט צום בילד, מחמת עס קאָן אייך נאָך אַריינשלעפּן און אייך צורייבן אויף קרעפּל פֿלייש".

דרייצער ווערט שטאַרק אין דער מאָדע, טויזנטער פֿרויען זוכן זיין ליבע, נאָר ער זוכט דוקא אַ פֿרוי, וואָס זאָל אויסזעען לכל הפּחות ווי אַ הימל קראַצער, אָדער ווי אַ פּאָנטאָנען־בריק. צום סוף באַקומט ער אַ פֿרוי, וואָס זעט אויס ווי אַ סופּרעמאַ־טיש קונסט־בילד. אַ מויד, וואָס גייט ווי אויף רעדער, מאָלט ווי אַ מיל, אַ מויל אויף שרויפֿן, און באַוועגט זיך ווי אַ לאָ־קאָמאָטיוו. די ליבע איז אַ רוישיקע און ער רופֿט זי נישט אַנדערש ווי: „אָ! מיין קאָנסטרוקציע! מיין געטלעכע סופּראַמאַטיע, מיין סקעלעט פֿון אייזן און בעטאָן!"

איינמאָל האָט דרייצער אויסגעשטעלט אַזאַ קאָנסטרוקציע־בילד, וואָס האָט זיך געדרייט, געטרעשט און געדודערט כּמעט ווי אַ זעג־מיל. דאָס בילד האָט געהייסן „די פּאַטעטישע ענער־גיע".

צוליב אומפֿאָרזיכטיקייט איז ער אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאָנסטרוקציע־בילד, און איז שיעור נישט צו־ריבן געוואָרן אויף טויט. ער איז נאָר על פּי נס אָפּגעקומען מיט אַ צושעדיקטער האַנט און צוויי צובראָכענע ריפּן. אַ חודש צייט איז ער געלעגן מיט אַ פֿאַרגיפּסעוועטער האַנט און פֿאַר־באַנדאַזשירטן קערפּער.

פֿאַר דער צייט, וואָס ער איז געלעגן איז אין זיין כּח

פֿאָרגעקומען אַ נייע איבערקערעניש. דער לעצטער צופֿאַל האָט אין זיין מח, ווי אויך אויף זיין קערפּער געלאָזט שטאַרקע שפּורן. און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער סופּרעמאַטישער ריכטונג און געפּערלעכע קאָנסטרוקציעס און אַריבערגיין צו דער אומזאַכלעכער שאַפֿונג, צו דער אַבסטראַקציע.

— עס איז פֿיל געזונטער—האָט ער געזאָגט—צו אָפּערירן מיט אַבסטראַקטע, מעטאַפֿיזישע, אומזאַכלעכע זאַכן, און שאַפֿן מעטאַפֿיזישע, טראַנסצעדענטאַלע קונסט, איידער צו האָבן צוטון מיט סופּרעמאַטיע.

אימאַדזשעניזם, אַזוי הייסט די ריכטונג. און דריי-צער ווערט אַן אימאַדזשעניסט. אויף דער לעצטער אויסשטעלונג „נאַ ניעביע יאַרמאַרקא" שטעלט ער אויס אַ ניי בילד: אַ שטיק ווייסע לייוונט אין אַ שוואַרצער ראַם. דאָס בילד האָט געהייסן „אַ לאָך אין הימל".

די סאָוויעטישע מאַכט האָט אין דעם בילד איינגעזעען אַ רמז אויף די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע, ווייסע גוואַרדיע. געפּאַסט אין דער שוואַרצער רעאַקציע און איינגעלאַדן דעם מאַלער אין „טשעקא" אויף דערקלערונגען.

און אָט, וואָס דער מאַלער האָט דערקלערט.

— דאָס דאָזיקע בילד מיינס, „אַ לאָך אין הימל" האָט לחלוטין ניט צו טון מיט קיין קאָנטר-רעוואָלוציע. דאָס בילד מיינס איז אַן אָנזאָג אויף אַ נייער קונסט. דאָס בילד מיינס ווייזט, אַז די אַלטע וועלט איז אָפּגעווישט. דער ווייסער לייוונט —דאָס איז אַ בליק אין דער אומענדלעכקייט. מיר האָבן דורכ-געבראָכן אַ לאָך אין הימל צום אָפּענעם תהו ובהו. איצט שטייען מיר פֿאַר גאָרנישט, פֿאַר דער ששת ימי בראשיתדיקייט. די אַלטע וועלט איז געקומען צום גאָרנישט, צום „ניטשעוואָ-ניזם". דער גאָרנישט ניט, פֿון וואַנען עס באַדאַרפֿן אָנהייבן שפּראָצן נייע עפּעסן. דאָס איז פּראַופּ און איך בין אַ פּראַוי-פּיסט. איך בין אַ גאָט! איך בין דער אָנהויב פֿון אַלע אָנהויבס. דער שעפּער פֿון נייע פֿאָרמלאָזע פֿאָרמען. איך בין דער נביא פֿון נייע עפּעסן.

דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט אונזער מאָלער פֿריי־געשפּראָכן און — אָפּגעשיקט אינם משוגעים־הויז.

אין משוגעים־הויז האָט דרייצער געבראַכט זיין נייע ריכ־טונג צו אַזאַ פֿאָלקאָמענהייט, אַז די גאַנצע מאָדערנע רוסישע קונסט איז פֿאַר אים געוואָרן שטאַרק הינטערשטעליק און ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן פּליטה קיין אויסלאַנד, איבערפֿירן אַהין די נייע קונסט און דעמאָנסטרירן זי פֿאַר דער וועלט. נאָר אַזוי ווי די נייע קונסט איז באַשטאַנען פֿון אומזאַכלעכע זאַכן און פֿאָרמלאָזע פֿאָרמען, האָט ער קיין גרויסן באַגאַזש, פֿאַרשטייט זיך, ניט געהאַט.

בלויז איין סקיץ האָט זיך פֿאַרוואַלגערט אין זיין פּעקל, זיין אויטאָ־מאָסקע.

די סאָוויעטישע גרענעץ־וואַך האָט באַזוכט אונזער קינסטלער צי ער פֿירט נישט אַרויס קיין קאָנסטרוקטיווע קונסט־ווערק, נאָר היות ווי קיין ציגל מיט קיין רעדער, מיט קיין אייזן האָט מען ניט געפֿונען, האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז ער שמוגלט ניט קיין קונסט־ווערק.

דערפֿאַר אָבער איז אויף דער פּוילישער גרענעץ געקומען צו טרויעריקע קאָמפּליקאַציעס: נאָך אַ גענויער אונטערזוכונג האָט די פּוילישע גרעניץ־וואַך אַנטדעקט ביי אונזער קינסטלער דעם פֿאַרדעכטיקן סקיץ. און מען האָט אים אָפּגעפֿירט אין דער דע־פֿענסיווע אַריין.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּלענער און פֿון וועלכע פֿעס־טונגען? — האָט דער וואַך־מייסטער אויסגעפֿאָרשט דעם מאָלער.

— דאָס איז ניט קיין פּלענער פֿון קיין פֿעסטונג — האָט דער מאָלער זיך פֿאַרטיידיקט.

— ניט קיין פּלענער זאָגט איר, וואָס זשע דען איז עס?

— דאָס איז פּשוט אַן עטיוד. מיין אויטאָ־פּאָרטרעט — האָט דרייצער געענטפֿערט.

— אויטאָ־פּאָרטרעט! — האָט דער וואַך־מייסטער בייז גע־פֿאָרשט — און אָט די ליניע וואָס איז? איז עס ניט די אייזער־נע בריק איבער דער ווייכסל?

— וואָס פֿאַר אַ ברוק? וואָס פֿאַרן ווייכסל — האָט דרייצער געטענהט — דאָס איז דאָך מיין נאָז.

— אַ נאָז! אַ נאָז! — האָט דער וואַכמייסטער געשריגן — און אָט דאָס וואָס איז? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קאַנאַל? און אָט דאָס? איז עס ניט קיין טראַנשייען?! און אָט די גאַנצע פֿאָרטיפֿיקאַציע?!

— אָבער אום גאָטעס ווילן — האָט זיך אונזער דרייצער געבעטן — וואָס פֿאַרן קאַנאַלן, וואָס פֿאַרן טראַנשייען? און וואָס פֿאַרן פֿאָרטיפֿיקאַציע? דאָס זענען דאָך די ליניען פֿון מיין נאָז, וואָס דריקן אויס מיין איגנערלעכע נשמהדיקייט.

— און אָט דער דראָטלאָזער טעלעגראַף?

— דאָס, וואָס איר רופֿט אָן דראָטלאָזער טעלעגראַף, איז ניט מער ווי די אומזיכטבאַרע סטרונעס פֿון מיינע ליידנשאַפֿטן, די קאָנצעפּציע פֿון מיין כאַראַקטער.

די אַלע טענות האָבן ניט געהאָלפֿן. דער פֿאַרדעכטיקער פּלאַן איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין מיליטער־שטאַב, און אונזער מאַלער איז אָפּגעפֿירט געוואָרן אין ציטאַדעל.

און איצט, בשעת די אויטאָ־מאַסקע פֿון אונזער מאַלער ווערט שטודירט און שיפֿרירט פֿון אַ גאַנצער מחנה שטאַב־אָפֿיצערן, פֿאָרטיפֿיקאַטאָרן און אינזשעניערן מיט צירקולן און אינסטרומענטן אין די הענט — זיצט אונזער מאַלער און פּייניקט זיך אין זיין איינזאַמער תּפֿיסה און טראַכט איבער אַ נייער ריכטונג.

דער ערשטער שניי.

מנחם מלופּום איז אַ דיכטער. פֿון קאָפּ ביז די פיס מיט לויטער גאָטס גנאָד, געבענטשט מיט אַזוי פֿיל טאַלאַנט, אַז צו וועלכן אבר מען זאָל זיך צו אים נישט צורירן, שפּריצט דאָרט מיט טאַלאַנט ווי פֿון אַ פאָנטאַן.

אַ דיכטער מיט עמפּפינדונגען, מיט טענער, מיט ליריק, מיט טעמפּעראַמענט, מיט דינע באַרירונגען, מיט שטימונגען און מיט די אַלע נויטיקע זיבן זאַכן וואָס אַ דיכטער באַדאַרף צו האָבן. זיין האַרץ איז לויטער סטרונעס און פייפלעך ווי אַ שפּיל־קאַסטן, אויף וועלכע זיין מוזע שפּילט מיט צאַרטע, בלאַסע פינגער אין צייט פֿון פאַרנאַכט און אין אַלע צייטן פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אַלע ערשיינונגען פון נאַטור און לעבן, יעדע צייט־יאָר פֿון אַלע פֿיר צייטן געפינט דאָרט אַן אויסדרוק ווי דער עמפּפינדלעכסטער באַראָמעטער. זומער, ווינטער, הערבסט און פרילינג—אַלץ באַזינגט ער. רעגן, שניי, האָגל, בליץ, דונער־שטורם און זונענשיין, פאַרפלייצעניש, טרוקעניש, לקוי חמה, לקוי לבנה—מיט איין וואָרט: אַלערליי נאַטור־ערשיינונגען געפינען אין אים אַ הילכיקן ווידער־קול און גיסן זיך אויס אין מעכטיקע לידער אויף די שפּאַלטן פֿון דער טעגלעכער צייטונג „דער מעשענער טרומייטאָר".

אַזוי, למשל, האָט זיך זיין פּאָעטישער גייסט צושפּילט מיט די שענסטע טענער ביים אַרויספאַלן פֿון דעם ערשטן שניי.

ער איז געזעסן ביים פענסטער, אַרויסגעקוקט צום פלאַ־טערדיקן ערשטן שנייעלע, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דרויסן, געפאַלן אויף די דעכער און קוימענס, און זיין האַרץ האָט בע־

צאַפּלט. די סטרונעס פון זײַן האַרץ האָבן געציטערט, ער האָט געזונגען און געשאַפן דאָס פאָלגענדע לירישע ליד:

דער ערשטער שניי.

עס פאַלט, עס פאַלט דער ערשטער שניי
וווּ איך גיי און וווּ איך שטיי...
עס פליט אין לופטן, פליט און פליט,
אויף דאַך און קוימען שיט און שיט...
עס קלאָגט די געטלעכע נאַטור,
פון זומער שוין נישטאָ קיין שפּור.
אַוועק די ליבע זומער־צייט.
דער ווינטער איז שוין גאָר נישט ווייט.
דער ווינטער קימט און וווּ איך גיי
דאָרט שיט און פאַלט דער ערשטער שניי...

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם דאָזיקן ליד, איז ער געבליבן העכסט צופרידן און איז אַוועק אין רעדאַקציע פון „מעשענעם טרומייטאָר” איבערצוגעבן עס צום דרוק.

אַרױסגייענדיק פון שטוב, איז ער געבליבן אין גרויס פאַר־לעגנהייט. דער יונגער שניי, וועלכן ער האָט נאָר־וואָס באַזונגען מיט אַזוי פיל גייסט און טעמפּעראַמענט, איז צוגאַנגען ווי פּוטער. דער ברוק און דער טראָטואַר זענען געווען בלאָטיק און נאַס און פון שניי איז נישט געבליבן קיין זכר.

ער איז געשטאַנען און געטראַכט: וואָס מאַכט מען מיט דעם ליד? אַזאַ פּראַכטפול ליד! שוין געוואָרן נישט אין צייט! נאָר באַלד איז ער געפאַלן אויף אַ גליקלעכן געדאַנק. זײַן דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט אים אַוועקגעטראָגן ווייט אין נייע וועלטן, ענטדעקט פאַר אים נייע מעגלעכקייטן, נייע הימלען. ער איז אַוועקגעלאָפן צוריק צו זיך אַ היים, געכאַפּט די פעדער און צוגעשריבן מיט גרויס באַגייסטערונג די פאָלגענדע שורות:

נאָר ווײַ! נאָך איידער קוקסט זיך אום
איז שוין נישטאָ קיין שניי אַרום...

געווען אַ שניי אין מניה וביה
איז ער צוגאַנגען, אַט דער שניי.
און ווידער איז די גאַסער אין גאַס,
ווי מיין האַרץ שוואַרץ און נאַס.
אַזוי איז אויך דעם מענטשנס גליק,
עס דויערט בלויז אַן אויגנבליק...

איבערגעליינט און ווידער געבליבן צופרידן. אַ גלענצנדער סוף צום ליד — און ער איז אַוועק אין רעדאַקציע.

נאָר ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען אויפן האַלבן וועג האָבן ווידער גענומען פלאַטערן און דרייען זיך די יונגע פרישע שנייעלעך, געפאַלן אויף זיין מאַנטל, גענעצט אונטערן קאָלנער און געקיצלט די נאָז. ווידער אַ שניי! וואָס טוט מען יעצט? ער איז ווידער געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט: אויס-מעקן די לעצטע שורות? זאָל בלייבן דאָס ליד ווי געווען? אָ, ניין! אַזעלכע מיט רוח-הקודש-באַהויכטע שורות, מיט פּאָעזיע-באַפליגלטע סטראָפן קען מען אַזוי לייכט נישט אויסמעקן.

און ער איז ווידער געפאַלן אויף דעם פריערדיקן מערק-ווירדיקן איינפאַל. ווידער אַוועק אין שטוב און צוגעשריבן פון אויפסניי נייע שטאַרקע, באַגייסטערטע סטראָפן, וואָס האָבן פאַרענדיקט דאָס ליד מיט אַ ווונדערלעכן אַקאָרד:

נאָר, אַך, די ליבעס מענטשן-קינד!
פאַרצווייפל נישט פון דעם אצינד,
פאַרליר דאָך נישט דיין שטאָלצן מוט,
עס וועט דאָך ווערן ווידער גוט!
אמת טאַקע, עס האָט געשנייט
און באַלד געוואָרן בלאָטע, קויט...
דאָך איצטער זע איינס און צוויי,
עס פאַלט דאָך ווידער שוין אַ שניי.
עס פאַלט פון הימל אויף דער ערד
און גיט צוריק, און גיט פאַרקערט....

איצט איז ער געווען נאָך מער צופרידן: עס אָטעמט מיט קראַפט. עס אַפּעלירט צום געפאַלענעם שטאָלץ פון דער מענטשהייט. עס וועקט, עס מונטערט, עס טרייסט... האָפנונג און באַפרייונג...

א גליקלעכער איז ער אוועקגעלאָפן אין רעדאַקציע, נאָר אויף דער צווייטער גאַס האָט דער שניי שוין ווידער אָנגעהויבן צו צוגיין, פאַרשווינדן.

מנחם מלופּום איז געבליבן שטיין אַ צוטומלטער.

„די נאַטור רייצט זיך מיט מיר! שפּילט זיך מיט מיר ווי מיט אַ שפּילצייג...״

טרויריק און צעררייצט איז ער אַוועק צוריק אַהיים. זיין מוח האָט געברענט, זיך געבראָכן ווי אַזוי צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די דאָזיקע פּאָעטישע צאַפּלעניש. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומעט און יאוש. ענדלעך איז ער אויפגעשטאַנען, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט אים דיקטירט און אין מיטן נאַכט זענען געשאַפן געוואָרן נייע טרויריקע שורות.

> אין אַך, דער בייזער שיקזאַל-שפּיל
> זיך דרייט ווי אַ פאַראַיטע מיל...
> געזעען אַ שניי און באַלד אַוועק
> און שוין ניטאָ פון אים קיין לעק.
> אַזוי איז אויך דעם מענטשנס גליק,
> אַט שיינט עס אויף און באַלד צוריק...

איצט איז דאָס ליד געווען אויסגעהאַלטן אין שוואַרצע טענער... יאוש און פּעסימיזם האָט געאָטעמט פון יעדן וואָרט. איוב, אַ לאָרד בייראָן.... דער דיכטער האָט עס איבערגעליינט און פון דעם גלענצנדן פּעסימיזם אַריינגעפאַלן אין גרויס פרייד.

— אַ הערלעך ליד! פון יעדער שורה קוקט אַרויס דער שוואַרצער טרויער, דער טיפער אָפּגרונט פון מענטשלעכער ניש־טיקייט, יאָמערטאָל און פאַרצווייפלונג.

מאָרגן פרי איז ער געלאָפן אין רעדאַקציע. האַרט ביים טויער האָט זיך דער שניי ווידער באַוויזן. אַ יונגער, אַ פרי־

שער, אַ לעבעדיקער. ער האָט זיך בײַז אױסגעשאָלטן, אױס־געשפּיגן און געלאָזן זיך צוריק מיט אַזאַ אימפּעט װי בײזע רוחות װאָלטן אים נאָכגעיאָגט. יעדעס שנייעלע האָט אים װי מיט נאָדלען געשטאָכן, געטראָפן װי פײלן. ער האָט זיך אַרײַנ־געװאָרפן אין בעטל, באַלד אױפגעשטאַנען און מיט גרױס קוראַזש געכאַפּט די פעדער און פאַרענדיקט דאָס ליד מיט אַן אױסגע־שריי פון גאַליליי:

און דער שניי גייט דאָך פאָרט!

אַ גליקלעכער אײַנפאַל, אַ פּראַקטיקער סוף!

ער האָט געכאַפּט אַ טראַמװײ כדי צו פאַרכאַפּן און איבערײַאָגן די װעטער־ענדערונג. צום שלים־מזל האָט זיך דער טראַמװײ פאַרהאַלטן אויף אײנע פון די גאַסן און ביז װאַנען ער איז צוגעקומען צום טויער פון רעדאַקציע, איז דער שניי שוין װידער צערונען געװאָרן װי אַ חלום.

— אַ טױזנט טײװלאָנים און בײזע רוחות! — האָט דער דיכטער אױסגערופן.

ער האָט זיך געלאָזט אַהײם און װידער גענומען זוכן אַן עצה. אַן אױסגאַנג פון דער צרה. װי שאַפט מען עפּעס אַזױנס, אַז דאָס װעטער־ענדערונג זאָל קיין שליטה אױף דעם ניט האָבן? איך מוז באַזיגען אַלע כוחות, װאָס זענען אױפגעשטאַנען געגן מיר! אהא! איך האָב עס! מײַן ליד װעט װעט איצט בלײַבן אײביק בײַ אַלע אומשטענדן, בײַ יעדן װעטער, פאַר יעדער פּאָגאָדע. זאָלן זיי גײן, די שנײען, זאָלן זיי צוגײן צורינען, פאַרשװינדן! מײַן ליד איז שטאַרקער!...

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעטל, געכאַפּט די פעדער און פאַרענדיקט ייִיט פאָלגנדע שורות:

אין װידער איז גיטאָ קיין שנײ!
נאָר מיר, מיר װײסן ניט, אױ װײ!
צי װעט נאָך זײַן שנײ, צי גײן.
װען װעט ער פאַלן? װען — צוגײן?
און דאָך, איך גלױב, אָ, ברודער

אז הינטער װעט דאָך זיכער זײַן.
און הינטער, װעדליג איך פֿאַרשטײ,
װעט דאָך זיכער זײַן אַ שנײ...

דער רעדאַקטאָר האָט דאָס ליד שטאַרק געלױבט.

— אַ ליד מיט אַ װײַטן קוק — האָט ער געזאָגט — כמעט נביאות.

מנחם מלופּום איז געװען גליקלעך:

— מײַן פּאָעזיע איז שטאַרקער פֿון יעדן װעטער.

אייפערזוכט.

(א מעשה מיט א געפערלעכן אנהויב און א גליקלעכן סוף).

נאָך דעם ליטעראַרישן אָוונט, אויף וועלכן איך האָב פאָרגעלעזן מיין נייע ערציילונג, בין איך געגאַנגען מיט מיין פרוי אַ היים.

מיין פרוי האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, נישט געלאָזן זיך נעמען אונטערן אָרעם—אַ סימן אַז זי איז געווען ברוגז.

מיין פאָרלעזונג איז אַראָפּ גלענצנד. מיין ערציילונג האָט שטאַרק אויסגענומען, דער עולם האָט שטאַרק אַפּלאָדירט. מיין פרוי האָט אייגנטלעך, באַדאַרפט זיין צופרידן. זיין שטאָלץ אויף איר מאַן, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ערפאָלג.

שטענדיק נאָך אַזאַ פאָרלעזונג, ווען איך גיי אַראָפּ פון בינע, אונטער אַ רוישענדן שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן קומט מיר מיין ווייב אַנטקעגן אַ שיינע־דיקע, אַ גליקלעכע, קושט מיר אָפּ דעם שווייס פון שטערן מיט איר ווייס טיכעלע, מאַכט מיר צו־רעכט דעם קראַוואַט מיט גרויס צערטלעכקייט און ליבע.

— דו ווייסט מיין מאַן, דו ביזט דאָך אַ גרויסער מענטש!

דאָס מאָל האָט זי עס נישט געטון.

ווידער אַ סימן, אַז זי איז ברוגז.

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט זי האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל מיט דעם הוט, נישט אַ קוק געטון אַפילו איין מאָל אין שפּיגל (אַ סימן, אַז איז געווען שוין גאָר שטאַרק ברוגז), זיך אַ וואָרף געטון אויף דער אָטאָמאַנע, געדריוולט די קוטאַסן פון דיוואַן, געפּאַטשט אָן געהאַפטענעם קישן און געצוקט מיט די פּלייצעס.

איך בין הונגעריק און נאָך מער דורשטיק. אין האַלז איז מיר געוואָרן טרוקן ווי אין אַ מדבר.

— רייזעניו — האָב איך אָנגעהויבן דייער פּאָרזיכטיק און מיט זייער אַ שטיל קול, ווי מען ווענדט זיך צו אַ זייער צופּיעשטשעט קראַנק קינד, — אפשר וואָלטן מיר געגאַנגען עסן, איך בין הונג...

— רעד נישט צו מיר! — האָט זי זיך אַ צאַפּל געטון, ווי אין אַ קאָנוווּלסיע, און אָפּגעגאָסן מיך מיט אַ בליק, פול מיט רציחה.

— אָבער וואָס איז געשען, רייזעניו?!

— ביזט אַן אויסוואורף! אַ געמיינער מענטש! איך קען אויף דיין פּנים נישט קוקן! אַוועק פון מיינע אויגן!

זי האָט נישט גערעדט, נאָר געשיפּעט. אירע נאָז-פליגל האָבן געציטערט ווי די פליגל פון אַ באַבעטשקע.

— איר מענער זייט פאַרדאָרבן! פאַרדאָרבן! פאַרדאָרבן!

— אָבער אין גאָטעס ווילן, רייזעניו! וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? ער פרעגט נאָך! בלאָנדינקעס געפעלן אים!... בלאָע אויגן!... אַ גאָלדענער צאָפּ!... אַ שלאַנקע פיגור!...

אַך, אַך, ווי איך האָס דיך!... גאָטעניו! גאָטעניו! ווי אומגליקלעך איך בין!...

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, דערנאָך אין אַ ספּאַזמע. איך האָב אָנגעגאָסן קאַלט וואַסער אין אַ גלאָז און געגעבן איר צו טרינקען.

— אָט האָסטו דיר אַ חתונה! — האָב איך געטראַכט אין האַרצן — זי איז געוואָר געוואָרן...

„און פון וואַנען איז זי פון דעם געוואָר געוואָרן? ווער האָט עס איר געקענט דערציילן? צו אַלדע רוחות! בייזע ציינגער... אפשר האָט זי אַ בריוו איבערגעכאַפּט... און איך בין דאָכט זיך אַזוי פאָרזיכטיק...

אַגב איז גאָר יענע אַ ברונעטקע"...

מיין ווייב איז געקומען צו זיך און אָנגעקוקט מיך ווי אַ גזלן. איך האָב שוין געוואָלט פאַלן איר צו די פיס, בעטן

מחילה, צוזאָגן, אַז איך וועל ווערן גוט און פרום און טריי... איך בין אָבער געווען טשיקאַווע צו וויסן פון וואַנען זי ווייסט עס און האָב מיט גרויס הכנעה געפרעגט:

— רייזעניו, פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט עס דיר דער־ציילט?

— דערציילט? דערציילן דאַרף מען מיר? דו אַליין איז ווייניק? דו אַליין האָסט דערציילט שוואַרץ אויף ווייס.

— איך האָב דערציילט?

און עס פאַלט מיר איין:

„זאָל איך האָבן פון שלאָף זיך אויסגערעדט?"

— ווען, רייזעניו, האָב איך דערציילט?

— היינט אויף דער פאָרלעזונג. דו אַליין האָסט געליינט.

— איך? אויף דער פאָרלעזונג?

— האָסט געלעזן אַן ערציילונג, צי נישט? — איז זי שוין ווידער אַריין אין פרישן כעס.

— געלעזן, מיין טייערע.

— ווּעמען פירסטו דאָרט אַרויס אַלס העלדין, האַ? אַ פרוי? אַ בלאָנדינקע? האַ? אַ בלאָנדינקע! בלאָנדע האָר! בלאָע אויגן! דיין אידעאַל איז עס דאָך. דיין געשמאַק... שלאַנקע וווקס! לענגלעכער פנים!... און ווי דיין ווייב געפעלט דיר נישט! דאָס איז נישט דיין טיפ. נישט דיין אידעאַל... שאַטענקעס ווי איך געפעלן דיר נישט... שוואַרצע אויגן ווי מיינע געפעלן דיר נישט!.. אַ קיילעכדיק פנים געפעלט דיר נישט!... מיטעלע וווקס געפעלט דיר נישט!... מיך צו מאַכן די העלדין פון דיין ערציילונג האָט דיר נישט געפאַסט... גאָטעניו, גאָטעניו, פאַרוואָס בין איך אַזוי אומגליקלעך?

זי האָט געוויינט און מיר איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן און איך האָב זיך האַרציק צעלאַכט.

— ער לאַכט נאָך!... די מינוט זאָלסטו מיר ענדערן די ערציילונג! דו הערסט!... וואָרום איך וועל זי דיר אויף פיץ־פיצלעך צעררייסן!.. איך דאַרף נישט קיין בלאָנדינקעס, דו הערסט! איך דאַרף נישט קיין שלאַנקע פיגורן. דיר מעג אָנשטיין אַזאַ

העלדין ווי איך. נישקשה!...

— דאָס גאָר? טייערע מיינע. טייבעלע מיינס!... די רגע, די סעקונדע.

איך האָב געכאַפּט די טינט און פּעדער מיט דעם מאַנוס־קריפּט פון טיש מיט דעם אימפּעט ווי מען כאַפּט אַ גרויס געווינס.

— די מינוט, די רגע ווערט געענדערט. קום אַהער, ריי־זעניו, שטעל זיך דאָ אַוועק. איך וועל מיין העלדין אין גאַנצן איבערמאַכן, אָפּקאָפּירן דיין געשטאַלט, און דיין אויסזען, מיט אַלע פּיטשעווקעס... נישט אַ בלאָנדינקע, נאָר אַ שאַטעגקע... אָט אַזוי... „און אויגן האָט זי געהאַט שוואַרצע ווי קויל"... „און אַ ווּוקס האָט זי געהאַט אַ מיטעלן"... „און געהייסן האָט זי רייזעניו"...

מיין ווייבס פּנים האָט זיך געלייטערט ווי אַ פּרילינגס־הימל נאָך אַ שטורם. זי האָט שוין געשמייכלט ווי די ליכטיקע זון אין אָנהויב זומער. און אין אירע אויגן האָבן געפינקלט גליקלעכע פייערלעך.

— — — — — — — — — — — —

באַלד זענען מיר געזעסן ביים טיש, געגעסן וויעטשערע און אין שטוב האָט געהערשט דאָס אמתע פאַמיליען־גליק.

זומער-מעשות

בײם ים.

(אַ מעשה מיט פּסיכאָלאָגיע)

פֿאַראַן זאַכן, װאָס אַ שרײַבער, װי איך, מיט אַ הױכע זױבערע נשמה און באַשײדענע נאַטור, קען ניט זאָגן, אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט אים אַלײן, און זאָגט, געװײנלעך, אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט זײנע אַ פרײנט.

מײנער אַ פרײנט, אַלזאָ, האָט מיר דערצײלט פֿאָלגענדע מעשה, װאָס טראָגט אין זיך אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אינהאַלט און אַ מאָראַליש-פילאָזאָפישן מוסר-השכל, װי דער לעזער װעט דאָס װײטער זען.

אײנמאָל, אין אַ זומער האָב איך באַשלאָסן מײן װאַקאַציע צו פֿאַרברענגען ערגעץ בײ אַ ים. איך האָב אױסגעקליבן אָדעס. געקומען קײן אָדעס, שפּאַציר איך מיר אַזױ איבער די גאַסן און טרעף אָן אױף מײנעם אַ גוטן באַקאַנטן, בעני יעד-װאַב, אַ שרײבער, װאָס אַ חוץ עטלעכע קלײנע שלעכטע נאָ-װעלן, האָט ער קײן גרױסע װערק ניט געשריבן, און װאָס איז זײער שטאָלץ אױף דעם באַװוסטזײן, אַז ער שרײבט ניט פאַר קײן טעגלעכע צײטונגען...

מיר האָבן זיך דערפרײט.

— אַ, יעדװאַב!

— אַ, קיזעלשטײן! (אַזױ הײסט מײן פרײנט).

— װען ביזטו געקומען?

— נעכטן געקומען אַ פליושקע טון זיך אין דײן שװאַרצן ים. און דו, װאָס מאַכסט? שרײבסט נאָך?

— ווער שרייבט? ווייסט דאָך, אַז שרייבן אין צייטונגען איז ביי מיר טריף, ווי חזיר, און פון ריינע קונסט איז שווער צו מאַכן אַ לעבן, האַנדל איך יעצט מיט זייף, האַנדל איך. עס העלפט ניט און מען מוז זיך אונטערגעבן דעם מאַטעריאַליזם און פאַרדינען געלט. איך האָב דאָך שוין אַ ווייב אויך.

— אַזוי? האָסט חתונה געהאַט? מזל טוב דיר!

— מיט מזל זאָלסטו לעבן. ווייסטו וואָס? קום גאָר צו מיר אַריבער אויף דער דאַטשע. איך וווין אויף דער 14-טער ליניע ביים סאַמע ים. קום זונטיק, ווייל אַ גאַנצע וואָך בין איך דאָ אין שטאָט פאַרנומען, צודרייט. זונטיק וועסטו קומען, וועסטו זיין ביי מיר אויף מיטאָג, וועלן מיר שמועסן, פאַרברענגען, מיין ווייבל וועט זיך אַזוי פרייען!

— גוט.

איך האָב פאַרשריבן זיין אַדרעס. און דעם נאָענטסטן זונטיק בין איך אַוועק צו מיין חבר אויף דער 14-טער ליניע. זיך נאָכגעפרעגט צו מיין חברס דאַטשע געקלעטערט איבער שמאָלע ווייסע, האַרט-זאַמדיקע שטעגן און זאַולקעס, צווישן ליימענע פאַרקאַנעס. איך האָב זיך געבאָדן אין דרום-זון, עס האָט געשמעקט מיט געזאַלצענעם ים, מיט באַשטאַן, דינעס, טאַטערן, פוילקייט און תאוה.

איך בין צוגעקומען צו מיין פריינדס דאַטשע.

אויף דער וועראַנדע איז געזעסן אַ בלאָנדע פרוי אין אַ שניי-ווייס מאַרקיזעטן קליידל און געהאָפטן אַ האַפט.

— דאָ וווינט ה׳ יעדוואַב?

— דאָ, דאָ!.. אַך דאָס זענט איר אודאי דער ה׳ קיזעלשטיין, מיין מאַנס פריינד — איז זי אַ לייכטע, אַ שמייכלענדיקע געלאָפן אַנטקייגן – מיין מאַן האָט מיר וועגן אייך געזאָגט. ער האָט געבעטן אַנטשולדיקונג, ער האָט געמוזט פאָרן אין שטאָט אַריין דרינגנד געשעפטלעך. צו מיטאָג וועט ער זיין צוריק.

זי האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ ליג-שטול אויף דער וועראַנדע און מכבד געווען מיט פאַזיאַמקעס מיט סמעטענע.

מיין פריינדס ווייב איז געזעסן קייגנאיבער, אַזאַ יונגע,

אַזאַ פריִשע אַזאַ ויאָזע טאַקע, ווי די פּאָיאַמקעס מיט סמעטענע.

— אַ מענטש פאַרגינט זיך דאָס צו האָבן אַזאַ ווייב! — האָב איך געטראַכט — אַ מזל פון אַ מענטשן! און עס האָט מיך צו איר געצויגן, געררייצט... אַזאַ הערלעך ווייב!.. וואָס זאָל איך לייקענען, מיין פאַרלאַנג איז געווען: אַך, ווען איך קען איר כאָטש זען — אַ נאַקעטע.

— ווייסט איר וואָס פאַר אַ פּלאַן איך האָב? — האָט זי זיך אָפּגערופן — אפשר זענט איר אַ בעלן גיין זיך אויסבאָדן? קומט, מיין בייניש וועט דערווייל אָנקומען, װעלן מיר עסן מיטאָג.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

זי האָט אַרויסגענומען צוויי באָד־האַנדטוכער, פאַר מיר איינעם און פאַר זיך איינעם און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן גיין צום ים, צו די גרויסע הילצערנע באָד־הייזער.

אינם באָד־הויז זענען מיר זיך צוגאַנגען אין צוויי פאַר־שידענע טירן: איך — „פאַר מענער“, זי — „פאַר פרויען“. איך בין אַריין אין אַן ענגער קאַבינקע און זיך גענומען אויס־טון. הינטערן ווענטל האָב איך דערהערט אַ לייכט שאָרשקען פון קליידער און וועש. אַ טעמפּער פאַל פון אַן אויסגעטוענעם שיכל. מיין אויג איז צופעליק געפאַלן אויף אַ לעכל אין וואַנט פון אַן אַרויסגעקלאַפּטן האָלץ־סענק. אין לעכל האָט אַ בלאַנק געטון פאַר מיין אויג אַ גאָלד־ראָזיקער שלאַנקער פרויען־קער־פּער — זי!

איך האָב זיך צוגעקלאַמערט מיט מיין אויג צום לעכל, ווי אַ שפּאַרבער... פּלוצלונג איז אויך איר אויג צוגעפאַלן צום לעכל. זי האָט דערזען אַן אויג, אַ בריל און אָפּגעשפּרונגען ווי אַ געביסענע פון אַ שלאַנג און דאָס לעכל איז פאַרשווונדן געוואָרן. זי האָט מיט האַסט פון יענער זייט אַרויפגעוואָרפן דערויף עפּעס אַ בגד און האָט זיך בייז צעזידלט:

— מערזאַוויעץ! פּאָדליעץ! נאַכאַל!

עס האָט מיך נישט געאַרט, לחלוטין זיך נישט געפילט באַליידיקט. אמת, איך ווייס, אַז זי זידלט מיך. נאָר ווייס זי דען, אַז דער, וועמען זי זידלט, בין איך עס? מילא, מאַך איך

זיך כלא ידע און וועל איר ווייטער קענען קוקן גלייך אין די אויגן אריין. אַך, ווען זי וואָלט געוווסט ווען זי זידלט! אַ שיין פנים וואָלט איך געהאַט.

פון באָד בין איך אַרויס פריהער. איך האָב אויף איר געוואַרט. באַלד איז זי אַרויסגעקומען מיטן פייכטן ליילעך אין האַנט אַ שיינענדיקע, אַ צושמייכלטע.

— איר וואַרט שוין לאַנג, הער קיזעלשטיין?

— נישט לאַנג.

— האָט אייך געשמעקט דאָס באָדן זיך?

— אויסגעצייכנט.

— אַ ווילע זאַך דאָס באָדן זיך — האָט זי געזאָגט נאָך אַ קליינער פויזע, ווי אַ המשך פון איר טראַכטעניש — אַן אָנגענעמע זאַך דאָס באָדן זיך, ווען ניט די העסלעכע טבע פון אייזרע מענער אַריינצוקוקן דורך די שפּאַרונגעס אין די פרויען-קופּאַלניעס אַריין... דאָס איז פשוט אַ שווייַנעריי! איך האָב היינט איינעם אַזאַ אויסוווּרף גוט אויסגעזידלט.

— הממ...— האָב איך געענטפערט — און ניט געפילט אפילו קיין שאָטן פון באַליידיקונג. איך ווייס ווער דער איינער איז, אָבער זי ווייס נישט. אַך, ווען זי זאָל וויסן!

אויף דער ווערענדע האָט אויף אונז שוין געוואַרט מיין פריינט בעני יעדוואַב, ערשט אָנגעקומען פון שטאָדט.

מיר האָבן געגעסן מיטאָג. ביים מיטאָג האָבן מיר געשמועסט. פרוי יעדוואַב האָט דערציילט וועגן אונזער באָדן זיך און ווידער זיך געקלאָגט אויף די אויסוווּרפן-מענער וואָס שטערן די פרויען צו באָדן זיך מיט זייער אַריינקוקן צו די פרויען-קופּאַלניעס. אַזעלכע חזרים!

— פּאַסקודניאַקעס!

— אַן אומערהערטע חוצפה! איינער אַזאַ מערזאַוויעץ האָט ביי מיר היינט געכאַפּט אַ מאוּסן אָפּשניט.

מיך האָט עס ווייניק געאַרט: נישט זי, נישט ער ווייסן ווער דער „מערזאַוועץ” איז. וואָס גייט עס מיך אָן?

נאָכן עסן האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַ האַמאַק צו

כאַפּן אַ דרימל. ס'פּאָר־פֿאָלק איז געבליבן אויף דער וועראַנדע. איך האָב געהערט, ווי זיי האָבן זיך געשושקעט:

— ווייסט, ביינוש, ווער אייגנטלעך דער יונגערמאַן איז געווען, וואָס האָט אַריינגעקוקט צו מיר אין קופּאַלניע און געכאַפּט פֿון מיר דעם מאוכן אָפּשניט? — דאָס איז ער דאָך דיין פֿריינטל, אונזער גאַסט!

אַזוי גאָר?—האָב איך אַ קליינעם צאַפּל געטון אין האַמאַק און גלייך זיך באַרויקט—זי ווייס, אַז איך בין עס געווען. און פֿונדעסטוועגן אַרט עס מיך אַלץ נישט... איך האָב נאָך אַלץ נישט קיין פּסיכאָלאָגישן גרונט זיך צו פֿילן באַליידיקט און אויסגעפּאַטשט אין איר געגנוואַרט. וואָרום דער שכל איז אַ פּשוטער: זי מיינט דאָך געוויס, אַז איך שלאָף איצט, נמצא — הער איך דאָך ניט, וואָס זי רעדט אַצינד, נמצא—ווייס איך דאָך נישט, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז דאָס בין איך געווען דער יעניקער, וואָס האָט אַריינגעקוקט און געכאַפּט פֿון איר געזידלט, טאָ קען איך זיך דאָך ווידער מאַכן כּלא ידע — און איך הויב אָן אויפֿן קול צו שנאָרכן, זי זאָל אַן איבעריקן מאָל זיך איבערצייגן, אַז איך שלאָף...

אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען, איז שוין דער סאַמאָוואַר געשטאַנען אויפֿן טיש און געזאָדן. מיין פֿריינט און זיין ווייב האָבן מיך באַגעגנט מיט אַ פֿריינטלעכן שמייכל און מיר געוויזן דאָס שלאָף־צימער וווּ איך זאָל זיך אייגוואַשן און מאַכן מיין טואַלעט.

ווען איך האָב זיך געוואַשן האָב איך ווידער אונטערגעהערט ווי פֿרוי יעדוואַב האָט געזאָגט צו איר מאַן:

— דיין פֿריינטל מיינט, אַז איך ווייס נישט, אַז ער האָט גאָרנישט געשלאָפֿן און גוט געהערט, ווי איך האָב דיר דערציילט, אַז דאָס איז ער געווען דער מערזאַוועץ וואָס האָט היינט אַריינגעקוקט צו מיר אין קופּאַלניע און געקריגן אַ פּסק. ווי ער האָט דאָס כּלומרשט דערנאָך זיך צושנאָרכט.

איך בין געבליבן שטיין אַביסל געפּלעפֿט. הייסט עס, אַז זי ווייס, אַז איך בין נישט געשלאָפֿן און ממילא האָב איך

געהערט וואָס זי האָט גערעדט, וממילא ווייס זי שוין, אַז איך ווייס אויך, אַז זי ווייס, אַז דאָס בין איך געווען און פונדעסטוועגן קען איך איר ווידער קוקן גלייך אין די אויגן אַריין דרייסט און אומשולדיק. ווארום איך בין דאָך ניט מחויב צו וויסן, אַז זי ווייס, אַז איך האָב אין האַמאַק נישט געשלאָפן. ווארום זי איז דאָך נישט חושד אַז איך הער מיך איצטער אונטער און ממילא האָב איך אַ רעכט צו מיינען, אַז זי מיינט, אַז איך האָב געשלאָפן. און ווי באַלד, אַז איך האָב געשלאָפן, האָב איך דאָך נישט געהערט, וואָס זי האָט בשעת מעשה גערעדט, פאָלגלעך, באַדאַרף איך דאָך נישט צו וויסן, אַז זי ווייס, אַז איך ווייס אויך, אַז זי ווייס ווועמען זי האָט געכאַפּט ביי דער מאוסער זאַך און וועמען זי האָט געזידלט. טאָ וואָס זשע האָב איך זיך צו שעמען?

בין איך אַרויסגעקומען צום טיש און גאַנץ געמיטלעך זיך געטרונקען טיי מיט סאָק און פאַרבראַכט מיט מיינע פריינט.

ביינאַכט אויפן געלעגער, האָב איך ווידער פאַרנומען ווי די מאַדאַם יעדוואַב האָט גערעדט צו איר מאַן:

— דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט, אַז דיין פריינטל האָט וואַשנדיק זיך אונטערגעהערט, וואָס איך האָב גערעדט ביים טיי, אַז איך ווייס, אַז ער האָט נישט געשלאָפן אין האַמאַק און אַז ער ווייס שוין, אַז איך ווייס, אַז ער ווייס שוין אויך, אַז איך ווייס אַז ער ווייס, אַז דאָס איז ער דער מנוול וואָס האָט צו מיר אַריינגעקוקט אין קופּאַלניע און האָט געקריגן גוט אויסגעזידלט: „מערזאַוועץ", „פּאַדליעץ" א. ד. ג.

איך האָב שוין נישט געשלאָפן מער. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געטראַכט: הייסט עס, אַז זי ווייס שוין, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז דאָס בין איך געווען. דאַרף מיר דען יעצט שוין זיין שווער צו באַגעגענען זיך מיט איר, פונקט ווי זי וואָלט מיך אויסגעזידלט פּנים אל פּנים? ניין. עפּעס איז עס נאָך אַלץ נישט דאָס זעלבע, ווארום זאָלט עס אַנדערש זיין, אַז זי ווייס שוין, אַז איך ווייס שוין, אַז זי ווייס, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז איך בין דאָס יע-

נער, איז נאָך אַ פֿראַגע צי זי ווייס זי א י צ ט ע ר, אַז איך שלאָף נישט און הער וואָס זי זאָגט א י צ ט ע ר? און אפֿשר ווייס זי די ממזרת, אַז איך שלאָף איצטער אויך נישט און הער, וואָס זי זאָגט, אַז איך האָב שוין ביים וואַשן זיך אונטערגעהערט און פֿאַרגלעך, איז זי דאָך שוין פֿאַלקאָם זיכער, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז איך ווייס, אַז זי ווייס, אַז...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

באַגינען בין איך מיט אַ גרויסן קאָפּ־ווייטאָק אַוועק אין שטאָדט.

דער רויִקער פּענסיאָנאַט.

I.

מיִד פון דער שווערער, שטאָדטיִשער אַרבּעט און פון די גרויסע היִצן פון די שטיינערנע ווענט, וואָס זענען מעוברת פון היִץ, פון דעם שוויִציִקן געדרענג אויף די גאַסן, פון דער דושנער ליפט אין צימער, האָב איִך באַשלאָסן אַ פּאָר טון לכל הפחות אויף איין מעת־לעת אין אַ פּענסיאָנאַט אריין דאָ ניִשט ווייט אויף דער וואַרשע־אָטוואָצקער ליִניע, אַן אָטעם טון אַביִסל פריִשע לופט, אָנקוקן אַ בוימל, אַ גרעזל, אַ שטיִקל היִמל, אויסגלייכן די צעבראָכענע ביינער און דער עיקר–רוען, רוען, רוען...

מיִט אַ וואָך פריִער האָב איִך שוין גענומען קלויבן איִנפאָרמאַציעס און ביי אַלע באַקאַנטע און פריינט זיִך נאָכגעפרעגט:

— ציִ האָט איִר ניִט געהערט, ציִ ווייסט איִר ניִט פון עפּעס אזאַ מין פּענסיאָנאַט, ווו מ׳זאָל קאָנען אַביִסל אָפּרוען? איִך דאַרף ניִשט דאָס עסן, איך ביִן ניִשט קיין עסער, נאָר רוען דאַרף איִך, אַ רויִקן, שטילן פּענסיאָנאַט, אפשר ווייסט איִר?

צו היִלף איִז מיִר געקומען מיינער אַ באַקאַנטער מלך קלאַפּשטאָק, אַ בחור, וואָס איִז זייער גוט באַהאַוונט איִן אַלע דאַטשעס איִבער דער גאַנצער וואַרשע־אָטוואָצקער ליִניע, און מיִט אַלע פּענסיאָנאַטן איִז ער אויסגעבונדן, ווייסט גענוי יעדע סטאַציע און יעדעס בוימל. ניִשט ווייל ער ווױנט אויף זומער־וווינונג, נאָר פשוט, ווייל ער פאָרט אַרום איִבער די זומער־וווינונגען צו גאַסט; באַלד נאָך חנוכה הויבט ער שוין אָן אַרומפאָרן איִבער די זומער־וווינונגען צו באַקאַנטע. אויף די סטאַציעס קאָן מען איִם, ווי אַ בייזן [illegible]ליִנגער — און ער קען

אַלעמען. ווער רעדט זומער, אין סאַמע רעכטן סעזאָן, קאָן ער אויספאָרן אין איין טאָג אַלע זומער־וווינונגען פון וואַ־ווער ביז קורטשעוו. אויף אַלע סטאַציעס איז ער פול, באַגעגנט צוגן און באַגלייט צוגן, האַלט־אָפּ באַקאַנטע, ריכט־אויס באַקאַנטע.

אָט ביי דעם דאָזיקן פאַרשוין האָב איך אויסגעפונען, וואָס איך האָב געזוכט.

— אַ רויִקן פּענסיאָנאַט — זאָגט ער — ווילסטו? פרעג מיך. איך וועל דיך פירן אין אַ פּענסיאָנאַט, וועסטו דורך אַ פּאָר שעה זיך אַזוי אויסרוען, אַז די וועסט פאַרגעסן אָן אַלע דיינע ווייטאָקן. דער רויִקסטער און שטילסטער פּענסיאָנאַט אויף דער גאַנצער ליניע. אַן אידיליע זאָג איך דיר, ניִשט קיין פּענסיאָנאַט, אַ גן־עדן, אַן אַרקאַדיע.

— וועסט מיך אַהין אָפּפירן?

— געוויס, איך קאָן דיך אַהין אָפּפירן. איך בין דאָרט אַ היימישער מענטש, ס׳זענען מיינע מענטשן. זיי וועלן דיר נאָך מאַכן אַ גרויסע הנחה אויך.

— איז ווען, אַ שטייגער, פאָרן מיר?

— ווען דו ווילסט.

— כ׳מיין, זונטיק. קיין אַנדער צייט האָב איך ניִשט.

— מילא, לאָז זיין זונטיק.

זונטיק גאַנץ פרי, אַ זייגער 8, זענען מיר שוין געשטאַנען ביי דעם טראַמוויי, וואָס גייט קיין פּראַגע צום בריסקער וואָק־זאַל. פּונקט 10 אַ זייגער בין איך שוין געשטאַנען מיט אַ פוס אויף מיין פריינטס אַ פוס, וואָס איז געשטאַנען אויף נאָך עמיצנס אַ פוס, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם הינטערשטן טרעפּל פון טראַמוויי. מיט איין האַנט האָב איך זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם הינטערשטן קנעפל פון מיין פריינטס מאַרינאַרקע און מיט דער צווייטער געהאַלטן דאָס געלט, אָנגעגרייט אויף אַ בילעט.

12 אַ זייגער זענען מיר שוין געווען אויפן בריסקער וואָקזאַל. מיין פריינט האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַנגן „אָגאָנעק״.

— שטיי דאָ, זאָגט ער, אַ רגע און איך וועל מיך אומ־זען, אפשר וועל איך קאָנען באַקומען בילעטן אויסער דער ריי.

אין אַ שעה אַרום איז מיין פריינט צוגעקומען און געזאָגט:

— אוממעגליך. אויב מיר ווילן היינט פאָרן, מוזן מיר געבן אָט דעם באַן־טרעגער אַ פּאָר טויזנט מאַרק, וועט ער פאַר אונז באַקומען בילעטן מניה וביה.

די דאָזיקע גלענצנדע אידעע האָט אונז טאַקע געהאָלפן. אין פופצן מינוטן האָבן מיר שוין געהאַט בילעטן און מיר זע־נען געשטאַנען אין וואַגאָן.

אין דער רעכטער זייט האָט עמיצער געעגבערט מיט זיין שאַרפן עלנבויגן מיר אין זייט אַריין—נישט אַנדערש, ער וויל דאָרט מאַכן אַ לאָך; פון דער צווייטער זייט האָט מיך איינער צוגעדריקט מיט אַ שאַרפער וואַליזקע; איבער דער פּלייצע האָט עמיצער אַ פּאָר מאָל דורכגעסמאַרעט מיט זיין נאָז פון רעכטס אויף לינקס און פון לינקס אויף רעכטס.

איך האָב געפּרוווט פּראָטעסטירן.

— זייט נאָר מוחל, ווער איז דאָרט? שוין קיין אַנדער אָרט נישט געפונען אָן וואָס צו ווישן די נאָז, נאָר אָן מיין פּלייצע.

עמיצער האָט הינטן געענטפערט:

— אַ נו, זייט איר אַ בריה און קריגט ארויס אין אַזאַ ענגשאַפט דאָס נאָז־טיכל פון קעשענע?

איך האָב געזען, אַז ער האָט רעכט און האָב געשוויגן.

— נישט גאָר קיין באַקוועמע רייזע — האָב איך געזאָגט צו מיין פריינט מלך, מיט אַ קרעכץ.

— אַ ביסל נישט באַקוועם,— איז מסכּים מיין פריינט— נאָר דערפאַר וועלן מיר באַלד קומען אין פּענסיאָנאַט אַריין, וועלן מיר שוין איינמאָל אָפּרוען, אַי, רוען!

און ווירקלעך אין דריי פערטל שעה, זענען מיר אַראָפּ אויף דער געווינשטער סטאַציע.

אַן ערך אַ האַלבע שעה זענען מיר געגאַנגען איבער די זאַמ־דיקע געסלעך, געבלוטיקט זיך אַרום שטעכעדיקן דראָט און צו־

געהאַלטן זיך די נעז...

— שווער צו גיין — זאָג איך צו מיין פריינט מלך.

— האָב געדולד, באַלד וועלן מיר שוין זיין אין פענ־סיאָנאַט, וועלן מיר פאַרגעסן אָן אַלע צרות. אַ גן־עדן, זאָג איך דיר.

— נאָך ווייט?

— נישט ווייט. דו זעסט דאָרט די שילד? דאָס איז עס, דאָס געבענשטע לאַנד.

II.

פון ווייטן אָנגעצויגן אויף צוויי בויגן האָט זיך געוויסט אַ שטיקל לייוונט מיט אַן אויפשריפט:

„פענסיאָנאַט—דער רויקער גן־עדן". פרישטיק, מיטאָג און וועטשערע. געדיכטער וואַלד, זויבער ריין, לופטיקע צימערן א. אַז. וו., א. אַז. וו."

דערנענטערנדיק זיך צו דעם „רויקן גן־עדן" האָבן זיך צו אונזערע אויערן דערטראָגן מאָדנע געוואַלטן און קולות. אַ טומל, אַ שטייגער פון אַ פאָגראָם, אַ רעוואָלוציע, אַן ערד־ציטערניש, אָדער סתם אַ בירגער־קריג.

— וואָס פאַר אַ טומל,—פרעג איך—טראָגט זיך פון דאָרט? דאַכט זיך, אַז מען קוילעט דאָרט מענטשן אין די גאַסן.

— דאָס איז גאָרנישט—זאָגט מיר מיין פריינט—דאָס עסט מען איצט מיטאָג. שטענדיק צו מיטאָג איז דאָ אַזוי פריילעך, אַ פאַרגעניגן.

צוגעקומען צו דער וועראַנדע האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנטפלעקט אַ משונה־מאָדנע בילד. אַ מהומה, אַ יריד, מען קאָן זאָגן—אַ שלאַכט, אין וועלכער אַ חוץ מענער נעמען דאָ אויך אָנטייל ווייבער און קינדער. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קולות, געשרייען, בראַזגערייַ פון געשיר, לעפל, טעלער, מעסער, גלעזער.

דער גאַנצער עולם איז געווען איינגעטיילט אויף צוויי טישן.

אין טיש-מחנה האָט געשטורמט, הלמאי יענע טיש-מחנה האָט באַקומען שוין דאָס צווייטע פלייש, בשעת דער טיש האָט נאָך דאָס ערשטע פלייש נישט באַקומען, אַ דיק ווייבל האָט געהאַלטן אַ שטיק הון אויף אַ גאָפּל אויפגעהויבן אין דער הויך, און געלאָפן איז קיך מאַכן אַ סקאַנדאַל הלמאי מען קאַר-מעט איר מיט אַזאַ נבלה, נאָך אַ יידל אין אַ האַרטן קאַפּעליוש האָט געווילדעוועט אַז ער האָט נאָך נישט געגעסן קיין קאָמפּאָט און האָט דערביי געשטעלט צוויי עדות, אַז ער האָט ווירקלעך נישט געגעסן קיין קאָמפּאָט, איינע אַ ווייבל איז אַרומגעלאָפן מיט אַן איי און געגעבן אַלעמען שמעקן און געשריגן, אַז מען קאָרמעט דאָ מיט סם-המות.

אַ ווייבל האָט געהאַלטן אַ קינד, מחילה מיטן אחורל אַרויף, און גוט אַריינגעפּאַטשט דערין, הלמאי עס קאָמאַנדעוועט און לאָזט איר נישט נעמען גאָרנישט אין מויל אַריין; אַ לאַנגער בחור האָט געקלאַפּט אַ פלאַש לימאָנאַדע אָן טיש, וועלנדיק אַזוי אַרום אַרויסקלאַפּן דעם קאָרעק און עפענען די פלאַש. און אין אָט דעם גאַנצן טומל איז געשטאַנען אַ יידל מיט אַ בלינד אויג, און געשפּילט דעם „דבוק" און אַ יינגל האָט אים צוגעהאָלפן אויפן ביי-קול:

— אוי, אוי, אוי, אוי-אוי-אוי!

— זעץ זיך דאָ צו אַ ווילע-זאָגט צו מיר מיין באַקאַנ-טער—און איך וועל גיין אין קיך בעטן, מען זאָל אונז געבן עסן, ס'זענען דאָך מיינע מענטשן.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים עק טיש נעבן אַ שוואַרץ ווייבל, וואָס האָט געוויגן אַ קינד און געגעסן לאָקשן. אָפּגעגעסן די לאָקשן, האָט זי גענומען זיך שפּילן מיט דעם קינד. די שפּיל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס קינד האָט זיך געריסן מיר אין פּנים אַריין אַראָפּצורייסן די ברילן.

— רייס, רייס אַראָפּ, קאָטיק, די ברילן ביים פעטער.

— בע-בע-אַניאָ חן... שרייט דאָס קינד און רייסט זיך מיר אין פּנים אַריין.

— הערט, הערט נאָר, ס׳אַרא חכם דאָס איז—קוועלט דאָס שוואַרצע ווייבל—דאָס זאָגט עס דאָך: „פּעטער, גיב אַהער די בריל!״ א געזונט אין זיינע ביינדעלעך אריין דאָס קעצעניו!..

נאָר באַלד האָט זיך דערהערט פון קיך א געוואלטיקער געשריי פון עטלעכע מענטשן מיט אַמאָל, אַ געקוויטשעריי פון ווייבער, אַ ברעכעריי פון טעפּ און טעלער.

מיין באַקאַנטער איז צוריק אריינגעלאָפן מיט אַ פאַרפלאָמטער באַק און געווישט זיך פון דעם גרויסן שטראָם זופּ וואָס איז איבער אים געפלאָסן.

— וואָס איז דאָרט געשען?

— וואָס איז געשען? גאָרנישט געשען. די בעלי-בתים פון פּענסיאָנאַט האָבן זיך אַביסל צוזאַמפּערט מיט דעם בעל-הבית פון דער ווילע. דער בעל-הבית טענהט, אַז ער האָט זיי צו ביליג פאַרדונגען דאָס הויז פאַר אַ פּענסיאָנאַט, וויל ער אַ הוספה, ווילן זיי אים געבן אַ קרענק.

אין דערזועלבער רגע איז פון דער קיך אַרויסגעפלויגן אַ האַפּטע מענטשן גלייך אויף דער וואַרענדע, ווייבער און מענער איינגעקלעמערט איינאיינעם, ווי אַ קנויל, ווי אַ גרויס אומגעלומפּערט באַשעפעניש מיט אַ סך פיס און הענט, האָט זיך געשטופּט און געשטויסן אַהין און אַ הער און איבערגעקערט אַ טיש, אומגעוואָרפן אַ באַנק מיט געסט, עס איז אויסגעבראָכן אַ מהומה, מענער, ווייבער און קינדער האָבן געשריגן מיט קולי-קולות.

— ווייסטו, וואָס איך וויל דיר זאָגן—זאָגט צו מיר מיין באַקאַנטער—אַ כפּרה דאָס עסן מיט דעם מיטאָג, ביזט דאָך ניט געקומען אַהער עסן. אָט קום לאָמיר זיך לייגן אויפן גראָז, צווישן די בוימער און אָפּרוען אַביסל, ווילסט דאָך רוען? קום לאָמיך דיר ווייזן אַ גן-עדן.

מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם גאַנצן טומל און זיך פאַרקליבן צווישן די בוימער.

איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין ערשטן בעסטן האַמאַק און האָב שוין אָנגעהויבן איינצודרימלען. פּלוצלונג עמיצער טרייסלט מיך און רייסט מיך פון האַמאַק.

— אַראָפּ! די רגע זאָלט איר מיר אַראָפּ פון האַמאַק! וואָס איז דאָס פאַר אַ חזירײַ צו בינדן האַמאַקעס צו די בוי־מער? ווער האָט אייך געגעבן אויף דעם די ערלויבניש? איך וועל אייך ווײַזן, וואָס הייסט קאַליע מאַכן מיר די ביימער. פאַר די 60 טויזנט סמאַרקאַטשעס, וואָס איך נעם פאַרן פּענ־סיאָנאַט, וועל איך נישט לאָזן חרוב מאַכן מיר דעם וואַלד! גו, האָפּ!

און איידער איך האָב זיך אַרומגעזען, בין איך איך שוין געווען אַרויסגעטרייסלט פון האַמאַק און געלעגן אויף דער ערד מיט צעקלאַפּטע זייטן.

נאָך מיר זענען געפלויגן די איבעריקע דאַטשניקעס פון די האַמאַקעס. דער בעל־הבית פון דער ווילע איז געשטאַנען מיט אַ מעסער אין האַנט און האָט געשניטן די שטריק פון די האַמאַקעס, ווי מען שניידט די פּאָסטראָנקעס פון אַ געפאַלענעם פערד. די מענער האָבן זיך געזידלט, געוואָרפן שלאָגן, ווײַבער האָבן געקוויטשעט, געחלשט, קינדער האָבן געוויינט. אויף דעם געשריי איז אָנגעלאָפן דער אייגנטימער פון פענסיאָנאַט מיט אַ האַמער. נאָך אים איז געקומען זיין ווייב, נאָכן ווייב איז גע־פלויגן די שותּפטע, נאָך די שותּפטע איז געפלויגן דער שותּף. האָט עס דערזען דער בעל־הבית פון דער ווילע, איז ער גע־לאָפן און געכאַפּט אַ האַק, האָבן זיך אַריינגעמישט די שכנים פון די אַרומיקע דאַטשעס און די גאַנצע ווילע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שרעקלעכן מלחמה־פּלאַץ.

— קום, קום אַוועק פון דאַנען,—זאָגט צו מיר מיין פריינט מלך—דאָ וועלן מיר שוין נישט אָפּרוען, קום אַרויף אויף דער וועראַנדע דאָרט איז איצט דוקא רויק און מיר וועלן עסן „פּאָדוויעטשאָרעק".

מיין פריינט האָט מיך גענומען אונטערן האַנט און צו־האַלטנדיק זיך מיט דער אַנדערער האַנט די צושלאָגענע זייט, האָבן מיר זיך אַוועקגעשלעפּט צו דער וועראַנדע צו.

נאָר פּלוצלונג האָט עפּעס געגעבן אַ פּליוך פון אויבן, און עס האָט אונז געגעבן אַ גיס אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס

ווי אַ שטאַרקער דוש, צוגעריכט מיט נישט גאָר קיין געשמאַקן ריח.
איך בין בעצם אַ שטילער מענטש און קאָן אַלץ מקבל־באהבה זיין, ובפרט נאָך אַ דוש אין אַזאַ הייסן טאָג איז אודאי אַ גוטע זאַך, נאָר דאָך האָט עס מיר נישט געשמעקט און דער עיקר האָט מיך פאַרדראָסן דאָס, וואָס מען האָט מיר איבערגע־פירט אַ נייעם זומערדיקן אַנצוג, ערשט פון דער נאָדל, אויס־געפרעסט שיין און פיין, מיט אַן אויבער־העמד, וואָס קאָסט היינט אַזוי טייער וואַשן. פון אַלץ האָט מען מיר געמאַכט אַ תל, דאָך האָב איך געשוויגן.
מיין פריינט, אָבער, האָט עס פאַרכאַפּט ביי דער זיבעטער ריפּ, און ער האָט זיך געוואָרפן מיט אַ ווילדער רציחה.
— ווער גיסט עס פון אויבן?!—האָט ער געשריען נישט מיט זיין קול, און דאָס וואַסער טראָגט און פליסט ווי דער ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל.
לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט אַראָפּגעגאָסן די דינסט־מויד פון פענסיאָנאַט.
מיין פריינט האָט זיך אויף איר געוואָרפן און געוואָלט דורס זיין.
— דו פאַסקודנע מויד דו, ברודיקע וואַסער וועסטו פון פענסטער גיסן? אָפּגיסן מענטשן וועסטו?
די דינסט־מויד איז אָבער אויך נישט געבליבן הינטער־שטעליק:
— איר זענט אַליין אַ פאַסקודניק, גייט נישט אַרום די פענסטער, וועט מען אייך נישט אָפּגיסן. האָט איר געהערט אַביסל, מען טאָר שוין גאָרנישט גיסן פון די פענסטער. פון וואַנען דען זאָל איך דאָס ברודיקע וואַסער אַראָפּגיסן? ווי גע־פעלט אייך מיין פאַצעט?
— האַלט ס׳מויל, דו ברודיקע מויד, דו!—האָט זיך מיין פריינט נאָך מער צוכעסט—איך וועל דיר די פיסקעס צופראַשקען.
— פאַטש, נו?!
— און איך וועל פאַטשן!
— און איך וועל אייך דעם קאָפּ צושפּאַלטן.

— נאַ דיר! נאַ!—האָט מיין פּריינט זיך שוין ניט געקאָנט באַהערשן און אַריינגעפּאָרן דער מויד אַ פּאַטש. האָט די מויד געכאַפּט אַ וואַלגער-האָלץ און געוואָרפן מיין פריינט אין קאָפּ, האָב איך זיך געוואָרפן צונעמען זיי, האָבן זיי זיך בײדע איינגעקלאַמערט אין מיר און מאַכנדיק מיך פּאַר אַ מין שוץ-וואַנט, האָבן זיי בײדע איבער מיר געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף, באָמבאַרדירנדיק אין איין וועגס אויף די דאָזיקע שוץ-וואַנט. אויף אונזער געשריי איז געקומען צולויפן דער אינהאַבער פון פּענסיאָנאַט, נאָך אים זיין ווייב, נאָך דעם ווייב—די שותּפטע, נאָך דער שותּפטע—דער שותּף, נאָך זיי—כּתּם געסט, און עס איז ווידער געקומען צו אַזאַ גרויסער שלאַכט, וואָס האָט זיכער איבערגעשטיגן די שלאַכט ביי דער מאַרנאַ.

די שלאַכט איז געגאַנגען אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, ביז מען האָט פון אונז אַוועקגעריסן די מויד און אַוועקגעשלעפּט זי אין קיך אַריין.

III.

אַביסל צייט זענען מיר בײדע געשטאַנען ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָר-וואָס געראַטעוועט פון אַ גרויסער שיפס-קאַטאַסטראָפע.

— מנע — מאַכט צו מיר מיין פּריינט,—קום, לאָמיר גיין אַהין. דאָרט איז אַ ליידיק פּעלד, וועלן מיר צוהענגען אונזערע מלבושים אויף די קושאַקעס און אַליין וועלן מיר זיך צולעגן, ביז די קליידער אונזערע וועלן זיך אויסטרוקענען און אגב וועלן מיר אַביסל אָפּרוען.

— מהיכי תּיתא, זאָג איך, איך מיין אויך, אַז מיר דאַרפן זיך אַביסל אָפּרוען.

מיר גייען צו דער פּאָליאַנע, טוען אויס אונזערע מלבושים און צוהענגען אויף די נאַנטע קושאַקעס טריקענען, און אַליין

ציִען מיר זיך אויס פלאַסטאָם אויף דר׳ערד.

מענטשן גייִען פאַרביי און וווּנדערן זיך — מענטשן נעמען אַ זון־וואַנע און די זון איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען.

— איאַ, גוט צו רוען, — זאָגט צו מיר מיין פריינט מלך, ווערנדיק פאַטעטיש געשטימט — אַזעלכע פאַרנאַכטן זענען אַ גאָטס גאָב. עס פילט זיך טאַקע, אַז מיר זיצן אויף דער שויס פון דער נאַטור. די לופט איז אָנגעפילט מיט דעמערונג און סודות, אין אַזעלכע מינוטן פיל איך זיך נאָענט צו גאָט. מיר רוען, די נאַטור רוט, אַלץ רוט, קיין גערויש דערטראָגט זיך נישט אַהער, קיין שאָרך, קיין פיפס. אָ, געטלעכער פאַרנאַכט! אָ, הייליקע רו!

— מאָל זיך — זאָג איך — אַז איך הער יאָ אַ גערויש, וואָס שטערט מיר אין מיין רו.

— וועלכער גערויש?

— אַ גערויש אין מיין מאָגן. פאַרגעס נישט, אַז מיר האָבן היינט נאָך גאָרנישט געגעסן. איך בין הונגעריק ווי אַ הונט. און אין מאָגן — ווי מען וואָלט דאָרט איינגעאָרדענט אַ טריומף־קאָנצערט מיט אַ מאַסקן־באַל.

— וועלן מיר גיין עסן קאָלאַציע. דאָרט אין פענסיאָנאַט מוז מען שוין זיכער עסן קאָלאַציע.

מיר ציִען־אָן אונזערע קליידער און לאָזן זיך ווידער צו אונזער פענסיאָנאַט „דער רויִקער גן־עדן״, עסן קאָלאַציע.

צוקומענדיק צו אונזער ווילע, האָבן מיר באַמערקט אַן אומגעהויערע באַוועגונג פון אַלערליי סאָרטן לעטניקעס, יונגעלייט, בחורים און מיידלעך מיט גראָבע דאַטשע־שטעקנס און אַ גרויסע צאָל קינדער. האַרט ביי דער פורטקע איז געשטאַנען אַ טישל מיט צוויי מיידלעך, וואָס האָבן פאַרקויפט בלויע קוויטלעך און נאָך אַ היכער בחור אין אַ בייראָן העמד איז געשטאַנען און שטאַרק געקעמפט מיט דער גרויסער קאָמפּאַניע, וואָס האָט באַמבאַרדירט דעם אַריינגאַנג.

— בילעטן! — האָט דער בחור געפאָדערט, ווען מיר האָבן געוואָלט דורכגיין.

— סאַראַ בילעטן? — פרעגט מיין פריינט.

— אויפן קאָנצערט — ענטפערט דער בחור.

— מיר דאַרפן נישט קיין קאָנצערט, מיר ווילן עסן קאָלאַציע.

— אָן בילעטן קען מען נישט דורך.

מיר האָבן געקויפט בילעטן. די גאַנצע ווילע איז פול מיט מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען פון פאַרשידענע דאַטשעס כמעט פון דער גאַנצער ליניע. זיך געדרייט אין געדיכטן שטויב, פון דער וועראַנדע האָט זיך געטראָגן אַ כריפעריי פון אַ הייזעריקן גראַמאָפאָן און סילועטן פון פאָרלעך, האָבן געטאַנצט פאָקס-טראָט.

— גיי נור זיך דורך אין קיך און פרעג, צי מען וועט אונז געבן עסן קאָלאַציע.

מיין פריינט איז אַוועק און זיך גלייך אומגעקערט.

— קיין קאָלאַציע וועט היינט נישט זיין צוליב דעם קאָנצערט. היינט איז דאָ אַ קאָנצערט מיט טענץ, מיט ספּעציעלע קרעפטן אויסגעשריבן פון פאַלעניצע.

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָבן אונז אַרומגעכאַפּט צוויי מיידלעך מיט איין יונגן-מאַן און אָנגעהויבן שטעקן בלימלעך אין די לאַצן-שלייפן און געריסן געלט.

נאָך זיי זענען מיר ווידער אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ נייער האַפּטע מיידלעך און בחורים, וואָס האָבן אונז צוגעשפּילעט קוויטלעך מיט נומערן צום בוזעם, ספּעציעל פאַר דער פראַנצויזישער פּאָסט, און אויך געריסן געלט.

און ווידער אַמאָל אַ האַפּטע יונגוואַרג, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פּראָגראַמען צו פאַרקויפן און געריסן געלט.

— דו ווייסט וואָס, — זאָגט צו מיר מיין פריינט — לאָמיר גאָר אַריינגיין אינווייניק דורך אַ הינטער-טיר און זיך לייגן שלאָפן. די געסט זענען פאַרנומען מיט טאַנצן, זענען זיכער פאַראַן ליידיקע בעטן, וועלן מיר זיך שוין איינמאָל אויסרוען. דו ווילסט דאָך רוען.

— אודאי — זאָג איך — עס שאַדט נישט אַביסל אָפּרוען.

און כך-הוה. דער בעל-הבית האָט אונז ביידע געגעבן

צוויי צימערן און באַזונדערע בעטן און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפֿן.

איך ווייס ניט ווי מיין חבר דאָרט אין זיין צימער, איך האָב דאָ ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן, צוליב עטליכע מגיעות: פֿון איין זייט די קליינע באַשעפֿענישן, וואָס זענען ממונה אויפֿצועסן פֿון פּענסיאָנער דאָס, וואָס דער פּענסיאָנער עסט אָפּ אין פּענסיאָנאַט. פֿון דער אַנדערער זייט דער טומלדיקער קאָנצערטבאַל מיט די טענץ און טופּעריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן אַזש צו מיר אין צימער אַריין און על־פּי־כּולם איז אין דער קיך אויך ניט געווען רויק. דאָס האָבן זיך געקריגט די שותּפֿים פֿון פּענסיאָנאַט.

— אַ גנבטע זענט איר, ניט קיין שותּפֿטע! — שרייט אַ באַס קול — איר גנבעט צוקער און גיט אייער קיגדער.

— אַ פּגירה זאָלסטו ווערן, ממזר! — קוויטשעט אַן אייבערשטער קול — גיי קנייפּ דער דינסט מוידי!

— רוצחים! באַנדיטן! וואָס האָט איר איך אָנגעלעגט אויף מיר – שרייט נאָך אַ קול, וואָס איז אַ ספק זכר צו נקבה.

— אַ חלק האָסטו אַריינגעלייגט?

— ניין, דו האָסט אַריינגעלייגט אַ חלק.

מיטן טאָג גלייך האָב איך אָנגעהויבן איינצושלאָפֿן, נאָר באַלד האָב איך דערפֿילט, ווי עמיצער טאַרעט און וועקט מיך:

— זייט מוחל, יונגערמאַן, שטייט אויף, מען דאַרף האָבן דאָס בעטגעוואַנט.

מיט מאַטערניש האָב איך אויפֿגעריסן די אויגן. פֿאַר מיר איז געשטאַנען איינער פֿון די שותּפֿים פֿון פּענסיאָנאַט. באַלד איז אַריינגעלאָפֿן זיין ווייב און מיט אַלגעמיינע כּחות האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט דאָס בעטגעוואַנט פֿון אונטער מיר און זענען אין איין איילעניש אַוועק.

איך בין געבליבן ליגן אויף דעם אייזערנעם בעטל אָן אַן אונטערבעט און אָן אַ צודעק, בלויז מיט אַ שטעכעניש אין אַלע אברים און די ביינער האָבן מיר געבראָכן, ווי איך וואָלט נאָר וואָס געלעגן אויף אַ באַנק און אַן עדה מיט יידן וואָלטן אי־

בער מיר געשלאָגן המנען.

באַלד איז אַרײַנגעלאָפֿן דער אַנדערער שותּף. נאָך אַ ט ווידער זיין ווייב און גענומען אַראָפּשלעפּן מיך פֿון בעטל, אַראָפּגעוואָרפֿן מיך אויף דער ערד און אין גרויס איילעניש גענומען צונויפֿלייגן דאָס בעטל. געכאַפּט דאָס בעטל און אַרויסגעלאָפֿן, איבערלאָזנדיק מיך שטייענדיק אין מיטן צימער אין זייער אַ גרויסן עלנד.

מיט גרויס מי האָב איך זיך אָנגעטון און בין אַרויס אויף דער גאַס. מיין פֿריינט מלך איז שוין אויך געשטאַנען אָנגעטון אין זיין גאַנצער הלבשה צווישן אַ גאַנצער קופּע פֿון בעבעכעס און פּענסיאָנאַט-געסט, וואָס האָבן אַלע מיט אַמאָל געשריען און געליאַרעמט.

— אַ מאָדנער פּענסיאָנאַט — זאָג איך — מיט מאָדנע מנהגים. אָנשטאָט צו דערלאַנגען אין פֿרימאָרגן די געסט עפּעס אין בעט אַריין, צי טיי מיט שאָקאָלאַד, קאַקאַאָ מיט שטרודל, וועקט מען גאָר אויף מיטן טאָג גלייך און מען טרייסלט זיי אַרויס פֿון די בעטן, ווי אַ קאַלב פֿון זאַק. קיין אַנדער צייט האָבן זיי נישט, ווען צו לופֿטערן דאָס בעטגעוואַנט, ווי נאָר איצט.

— ווייסט נישט וואָס דאָ איז — זאָגט צו מיר מיין פֿריינט מלך — דאָס האָבן די בעלי-בתּים שותּפֿים אַזוי לאַנג זיך געקריגט אַ גאַנצע נאַכט, ביז עס איז ביי זיי געבליבן צוצוגיין זיך, האָט יעדער גענומען פֿאַרכאַפּן, וואָס ער קאָן פֿון די כּלי-בית.

— אויב אַזוי, זאָג איך, איז דאָך שוין אויס פּענסיאָנאַט „רויקער גן-עדן", רעכן איך, מיר זאָלן זיך לאָזן פֿאָרן צוריק אין שטאָדט אַריין אַביסל אָפּרוען. מאָנטיק איז אַפֿילו אַביסל שווערליך צו פֿאָרן, מחמת די צוגן זענען איבערפֿולט, משמעות, אַז אַלע לויפֿן דאָס צוריק אין שטאָדט אַביסל זיך אויסרוען.

מיר זענען אַוועק צו דער סטאַציע, צום דריטן צוג זענען מיר שוין געזעסן אויפֿן דאַך און געפֿאָרן, ווי די פּריצים. געקומען קיין וואַרשע, זענען מיר אין אַן ערך פֿון צוויי שעה דורכגעגאַנגען דאָס טירל, וווּ מען נעמט צו די בילעטן, אַזוי אַז צו

מיטאָג זענען מיר שוין געווען צוריק אין וואַרשע. פּונקט אַ מעת־לעת פאַרבראַכט אויפן לאַנד, אויף דער שויס פון דער געטלעכער נאַטור.

אַראָפּגייענדיק פון טראַמווײַ, האָב איך זיך אַנגעשטויסן אויף אַן אַלטן באַקאַנטן, מיט וועמען איך האָב זיך שוין ניט געזען אַ לענגערע צייט.

— אָ, אַ גאַסט, אַ גאַסט! — זאָגט ער צו מיר — אודאי פון רוסלאַנד פון דער הונגעריקער רוסלאַנד? אַנטלאָפן פון אַ פּאָגראָם? פון הונגער מסתמא? געלעגן אויף אַ טיפוס־קרענק אויך? אָוואַ!

— וואָס רוסלאַנד, וואָס מיר קרענק, וואָס פּאָגראָמען, וואָס פאַלט דיר איין?

— וואָס הייסט? איך זע דען ניט נאָך דיין פּנים, ווי דו זעסט אויס?

— ווייס איך וואָס, דאָס בין איך נאָר וואָס געקומען פון דאַטשע. געפאָרן אויסרוען זיך אַ מעת־לעת אין אַ רויקן פּאַנסיאָנאַט. ווייטער גאָרניט.

מאלינעס.

אַ פרויקדינע געשיכטע פון גלות-דאַטשע.

—אַז איך וואָלט געקאָנט פועל'ן ביי דעם רבונו של עולם, וואָלט איך איהם געבעטען איין זאַך: ער זאָל מיך מאַכען אויף דער זומערדיגער צייט, בלויז אויף דעם דאַטשע-סעזאָן, פאַר אַ פרויענצימער. איך וואָלט איהם מוחל געווען אַלע מיינע מאַנסביל-שע פריוילעגיעס: די הקפות, די עליות און ששי און שלישי און אַלע תרי"ג מצות מיט דער ברכה „שלא עשני אשה" אינאיינעם, אַבי אויף דער קורצער צייט ווערען אַ ווייב און נישט קיין מאַן.

אַזוי האָט מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַ יונגער מאַן, אַוועקזעצענדיג זיך נעבען מיר אין פאָיעזד, וואָס איז געפאָהרען פון באָברויסק צו דער דאַטשע דאַראַגאָנאָווע, נאָכדעם ווי ער, אַ פערמאַטערטער, אַ פערשוויצטער, אַ צוויצטער האָט אָבגעאָטעמט, אָבגעווישט די גרויסע טראָפען שווייס, וואָס האָבען זיך געקויקעלט פון זיין פנים אויף דער זשילעט, און איז אַ ביסעל צו זיך געקומען.

דאָס קליין קערבעלע מאַלינעס, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, האָט ער אַוועקגעשטעלט ביי דער זייט, דאָס הייסט: צווי-שען מיר און איהם.

איך בין געווען צופרידען מיט מיין שכן און איבערהויבט מיט די מאַלינעס, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט.

אין וואַגאָן איז געווען אַזוי ענג, דושנע, שטויביג. אין מויל איז געווען טרוקען, פאַסקודנע. און דורשטיג בין איך געווען, פאַרברענט צו ווערען.

„וועט זיין מיט וואָס צו קוויקען זיך אַ גאַנץ וועג” — האָב איך געטראַכט, און געוואָרפען דורשטיגע בליקען אויף דאָס קערבעלע מיט די מאַלינעס.

דער יונגער מאַן האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אַ שווערע אָנגעלאָדענע האַרץ; אַ צודרייצטער, אַ צובייזטער, האָט ער געזוכט פאַר וועמען זיין ביטער האַרץ אויסצוגיסען — און זיין גורל איז געפאַלען אויף מיר.

—קען איך פילייכט פערזוכען אַ מאַלינקע? — האָב איך איהם געפרעגט.

— אָ, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט און ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט האַרץ, מיט אימפעט, נישט בעמערקענדיג וואָס אַרום איהם טוט זיך.

—וואָרום אין גוטען מוט — האָט ער געזאָגט — איז דאָך זעהר אַ געשמאַקע זאַך, ווען אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע און דער מאַן דאַרף דינען „אויף פאַסילקעס” און אומפליהען טאָ אַהין, טאָ אַהער און שלעפען פעקלעך פאַר איהר און פאַר איהרע שכנים און פאַר איהר שכנים'ס שכנים... וואָ־ום וואָס אַרט דען איהר? אַי וואָס, דער מאַן ארבייט אַ גאַנצען טאָג ווי אַנ'עוועל אין שטאָדט און ווערט גוט פערשוואַרצט ביז וואַנען ער אַרבייט אויס די הוצאה אי פאַר דיר, אי פאַר מיר, אי פאַר די קינדער, אי אויסהאַלטען אַ דאַטשע און צאָהלען דירה-געלט אין שטאָדט — מילא, וואָס געהט עס איהר אָן? נאָר פונדעסטוועגען, אַז עס געהט נאָך בהדרגה, כשו־ה, ווייס מען, אַז אַ ווייב זיצט אויף אַ דאַטשע, דאַרף זיך דער מאַן איינשפאַנען ווי אַנ'אָקס אין סאָכע און אַקערן די ערד מיט דער נאָז.

ווי איז אָבער דער דין, אַז דער ווייב פערווילט זיך פרעגלען וואַרעניעס און דוקא פון שטאָדט און פאַר איין וועג זאָל איך איהר נאָך ברענגען די פאַן מיט דעם טאַזיק, מיט דעם דריי-

פוס, מיט פלעשער און גלעזערנע סלאָיעס אויף אַריבערצוזיגיכען די וואַרעניעס, מיט אַ הילצערנע לעפיל אויף צו אַראָנצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע, — דעמאָלט איז דאָך טאַקע רעכט, אַז דו זאָלסט פאַלען אין גאַס ווי אַ פערד, ווי אַ סקאָטינע, און קיינער וועט אויף דיר קיין רחמנות נישט האָבען, וואָרום ווער הייסט דיר זיין אַזאַ לעקיש?

כך הוה. מיין ווייב פערגלוסט זיך צו פרעגלען מאַלינע־וואַרעניעס.

—שמואל, — זאָגט זי צו מיר, — איך וואָלט וועלען, אַז דו זאָלסט מיר ברענגען פון שטאָדט אַ ביסעל מאַלינעס, וועל איך אָפּפרעגלען אַביסעל מאַלינע־וואַרעניעס. דאָ, זאָגט זי, אויפ'ן דאַטשע, איז נישט צו דערקויפען זיך, מען כאַפּט פשוט פון די הענד, אַ רענדעל אַ יאַגעדע. גאַנץ דאַטשע פרעגעלט וואַרעניעס... אַפּונט פינף מעהל־צוקער איז פאַרהאַן ביי מיר, וועסטו קויפען אַ פיר פונטלעך מאַלינעס, וועט עס קלעקען. וועלען מיר אויך פרעגלען וואַרעניעס און זיין לייטען גלייך.

אויף מאָרגען, קוים אָבגע'פטר'ט מיין אַרבייט אין שטאָדט לאָז איך מיר לויפען אויפ'ן מאַרק נאָך מאַלינעס. איך לויף און, פליה ווי אַ פער'סמ'טער, וואָרום איך דאַרף דאָך נאָך מיט די מאַלינעס פאַספּעיען צום פאָיעזד. איך קום צו לויפען—שוין נאָכ'ן מאַרק! נישטאָ— נישט קיין גוי'ע, נישט קיין מאַלינע אויף אַ רפואה. און קומען צו מיין ווייב אויפ'ן דאַטשע אָהן מאַלינעס, אין דער צייט, ווען די גאַנצע דאַטשע, פערברענט זאָל זי ווערען, פרעגעלט וואַרעניעס— איז דאָך נישט שייך! וואָרום נישט אַזוי די וואַרעניעס אליין איז מיין ווייב אויסען, ווי גאָר אַנ'אַנדער זאַך: וואָרום אַז מיין ווייב וועט זיך אַוועקשטעלען אויפ'ן הויף אין איהר טערקישען קאַפּאָט פרעגלען וואַרעניעס און וועט דאָס מיט'ן הילצערנעם לעפיל אַראָפּנעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען, די באַרבעריצע און דאָס פייער וועט צו־קנאַלען און די בעקלעך וועלען דאָס אַ ביסעל צופלאַמען, — וועלען דאָך די דאַטשניקעס און דאַטשניצעס איינגעהמען די כפרה! וואָס דען, מיינט איהר, איז זי אויסען?

לויף איך אזוי און שטויס זיך אָן אויף אברהמ'ל ביילעס פרוכט־ק־אם און דערזעה ביים שוועל שטעהט א קערביל מיט ראָזע'ע, גרויסע, ליכטיגע מאַלינעס. עס איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען.

—וויפיל, — פרעג איך—איז דאָ פאַרהאַן?

—פונקט פיר פונט,—ענטפערט מיר אברהמ'ל ביילעס.

—און וויפיל קאָסט אַ פונט?

—12 קאָפיקעס.

ס'פערשטעהט זיך, אַז איך האָב אַ קאָפיקע אָראָבגעדונגען. 11 קאָפיקעס, הייסט דאָס, און כאַפּ דעם קערבעלע מיט די מאַלינעס און לויף צום סטאַנציע. דער פאַיעזד ריהרט זיך, איך שפּרינג אַריין, אין וואַגאָן איז ענג, קיין נאָדעל נישט אַריינצושטעקען. קוים מיט צרות זיך איינגעמאָסטשעט און טרייסעל זיך, מען זאָל, ח"ו, מיינע מאַלינעס נישט צוקוועטשען, עס זאָל קיין מאַלינקע אויף דער ערד נישט פאַלען, עס זאָל קיין האָר פון זיי ניט געמינערט ווערען, און איך זאָל קענען קומען מיט מיינע מאַלינעס בשלום אויפ'ן דאַטשע צו מיין ווייב אין קינדער.

—וואו האָט איהר געקריגען אַזעלכע שענע מאַלינעס?— גיט מיך אַ פרעג אַ פול־געפּאַקטע דאַמע ביי דער זייט מיט אַ דריי־גאָרענדיגען גיידער. און איידער איך אוספּעיע צו ענטפערן, ליגע שוין עטליכע מאַלינעס ביי איהר אין מויל און זי פּאָסמאַקע־וועט זיך.

—זויערליך, נאָר עס דערקוויקט.

—אַזוי? עס קוויקט?— כאַפּט אונטער אַ צווייטע דאַמען מיט אַ פּנים ווי אַ ווייקשאַפּט מיט רויה פלייש און אַ בויך ווי אַ קעסעל־פויק—הען... דערהער איך נאָר פון אַ זויערקייט מיט אַ קוויקעניש, ווער איך אויס מענש... אַ נאַרישקייט גאָר, אָט האָב איך אָנוסטען געדאַכט זעהן, ווי מען האָט אין אַג'אָרט געגעסען געזאַלצענע פיש, בין איך שיער אין חלשות נישט געפאַלען... ביז מען האָט מיר געמוזט געבען אַ שטיקעל, אָט האָב איך זיך קָט'חיה'ט.

—נישקשה, נעהמט אַ פּאָר.— זאָגט די ערשטע דאַמע צו

איהר און זשעבערעוועט אַן אַ פֿולען הויפֿען מאַלינעס און דערלאַנגט איהר. אַ בעלת־צדקה אויף יענעמס. — נישקשה, — זאָגט זי — דער יונגערמאַן וועט גאָרנישט האָבען דאַגעגען. וואָס זאָגט איהר, יונגערמאַן?

— אָ, מיט׳ן גרעסטען פֿערגניגען! — ענטפֿער איך. און אין האַרצען טראַכט איך: הוואַי, וואָלט איהר זיך ביידע דערוואָרגען, עס זאָל זיך אייך שטעלען אין האַלז דיבאָם, נישט אַהין, נישט אַהער, עס זאָל אייך אַרויס באָקאָם. הלואי!

אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך צו מיינע מאַלינעס צוגעלאַבוניעט נאָך אַ פּאָר טראָגעדיגע ווייבער און נאָך עפּעס אַ מאַנסביל און ווידער־אַמאָל אַ ווייבעל, — ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ חורבן עס וואָלט פֿון מיינע מאַלינעס געוואָרען, ווען דער קאָנדוקטאָר זאָל ניט געוועזען בעצייטענס אויסרופֿען:

— סטאַנציע דאַראַגאַנאָווע!

ווי פֿון אַ שׂרפֿה האָב איך זיך געלאָזט לויפֿען צו די דאַטשעס. געבראַכט די מאַלינעס, אַוועקגעשטעלט, אָבגערוקט אַן אַזייט און געוואַרט אויף מיין ווייבס מבינות, ווי אַ פֿערשולדיגטער אויף דעם פּראָקוראָרס רעדע. נאָר געוויס וועט זי מיר היינטיגעס מאָל מדבא זיין מיט אַ שמייכעל: אַ שפּאַס אַזעלכע מאַלינעס, אַז גאָט און לייט מעגען זיך פֿרעהען, אַוואַגאָן מיט פּאַסאַזשירען האָבען זיך געקוויקט...

מיין ווייב האָט גענומען אַ מאַלינע, אַריינגעלעגט צווישען די ציין, פֿערקאָרטשעט אַ זויערע מינע, אויסגעשפּיגען און געזאָגט:

— נו, זאָג־זשע אַליין, קען מען זיך אויף דיר פֿערלאָזען? ביזטו נישט קיין אידיאָט? וואָס האָסטו געבראַכט, וואָס? מען קען דאָך דאָס אין מויל ניט נעהמען. איך האָב דיר געהייסען קויפֿען מאַלינעס צום פֿרעגלען: פּראָסטע, קליינע, גוי׳שקע, זיסע וואַלדמאַלינעס, געהסטו און קויפֿסט סאָד־מאַלינעס, אַ ביסעל ראָפּע, עסיג, זאַלץ־וואַסער, און דער שוואַרצער יאָהר ווייס וואָס דאָס איז! ווער קען זיך דאָס אָננעהמען צוקער צו פֿרעגלען אַזאַ סם־המות! און ווער קען דאָס גלאַט פֿרעגלען אַזעלכע סאָד־מאַלינעס, אַז ביים ערשטען זאָד ווערען זיי צוקראָכען און צופֿאַלען ווי קוואַטש!

סורים־בורים און נישט קיין וואַרעניע! אָט דאָס, וואָס מען זאָגט טאַקי: אַנ'אָלון געהט איבער די קראָמען, פרעהען זיך אַלע קרעמער.

ווי זאָגט איהר? בין איך נישט מחיוב צו זיין אַ בקי אין הלכות וואַרעניע־פרעגלעכץ?

איז וואָס־זשע בלייבט? אַרויסוואַרפען די מאַלינעס אין בלאָטע, פאַר חזרים? — ניין. עס בלייבט, אַז מען דאַרף נאָך 4 פונט צוקער און דאַריבער טאַקי מוז איך פערקעהרען די אַגלאָבליעס און מאַרש צוריק אין שטאָדט אַריין, בכדי איך זאָל קענען מאָרגען זיין מיט דעם צוקער צוריק.

אפשר איז אַ סברה, דאָס איך זאָל היינטיגע נאַכט איבערנעכטיגען דאָ אויפ'ן דאַטשע און מאָרגען פאָהרען? עס ברעכען מיר, זאָג איך, די ביינער. קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס.

גיט זי, מיין ווייב, אויף מיר אַזאַ קוק, וואָס מען דאַרף זיין אַ בעווייבטער און האָבען אַזאַ ווייב, ווי מיינע, אום צו פערשטעהן, וואָס אַזאַ קוק בעדייט. און דער קוק בעדייט, אַז אויב איך וועל היינטיגע נאַכט נעכטיגען אין שטאָדט און בעסער דאָרטען צוזוכען צוקער אויף מאָרגען, — וועט זיין געזינטער פאַר אונז ביידען, און אגב, זאָגט זי, זאָל איך פאַר איינוועגס פערכאַפּען מיט זיך די פאַן און דעם טאַזיק אין וואָס צו פרעגלען די וואַרעניעס און דעם איזערנעם דרייפוס און פלעשער אַ פּאָר און סלאָיעס גלעזערנע אויף די וואַרעניעס אַריינצוגיסען און די גרויסע הילצערנע לעפיל אויף אַראָבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען — די באַרבעריצע... איהר זענט אפשר אַ מבין, ווי אַזוי מען קען דאָס אַלץ אַריבערפיה'ען אינאיינעם: אַ פאַן, אַ טאַזיק, מיט פלעשער, מיט סלאָיעס גלעזערנע און מיט אַנ'אייזערנעם דרייפוס און מיט אַ הילצערנע לעפיל אויף אַראָבנעהמען די באַרבעריצע און ועל כולם 4 פונט מעהל־צוקער? נאָר געלויבט דער אויבערשטער, ווי עס איז אַריבערגעפּעקעלט דעם גאַנצען טאַראַראַם מיט די גאַנצע קלאַפּערגעציינג אויף דער סטאַנציע דאַראַגאַנאָווע, און לאָז זיך מיר געהן אָנגעלאָדען ווי אַ ווערעבלוד צו די דאַטשעס, ערשט פּלוצלונג — בוך! פאַלט אַרויס דער פּעקיל מעהל־צוקער; עס צורייסט זיך די פאָדעם און עס פלאַצט

דאָס פּאַפּיר און דאָס גאַנצע מעהל-צוקער צושיט זיך אויף דער ערד, ווי אַ שפּריי-רעגען.

ביטער! איך וויל זיך גאָר פאַר מיין ווייב נישט ווייזן. אַ כפרה דער וואַלד מיט דער דאַטשע מיט דאָס אויסרוהען זיך, מיט דאָס איבערנעכטיגען, מיט די לופט, און לאָז זיך מיך צוריק מיט דעם גאַנצען טאַראַראַם אויף זיך, מיט דעם פּאַק קלאַפּערגעצייג און כאַפּ דעם ערשטען בעסטען צוג, וואָס געהט אין שטאָדט אַריין, און פאָהר.

אויף מאָרגען בין איך שוין ווידער דאָ אויף דער דאַטשע מיט פרישע 4 פונט מעהל-צוקער, אָנגעלאָדען מיט דעם גאַנצען האַרמידער און קלאַפּערגעצייג און פאַל אַריין בשלום צו מיין ווייב אויפ'ן דאַטשע אַ פערמאַטערטער, אַ פערשוויצטער. און כאַפּ נאָך פון מיין ווייב אַנ'אָטפּעטשאַטאָק: אויף 2 קיילעכדיגע מעת-לעת פערפאַלען געוואָרען! וואָס? געדאַרפט קויפען 4 פונטליך מעהל-צוקער!... נאָר, מילא, אַ סוף זאָל עס שוין נעהמען, שוין אַלעס דאָ: די מאַלינעס, די צוקער, די פאַן, דער טאַזיק אין וואָס צו פּרעגלען און פלעשער און סלאָיעס, אין וואָס די וואַרעניעס אַריינצוגיסען און אַ דרייפוס און אַ גרויסע הילצערנע לעפיל צראָבצונעהמען די אויבערשטע, ווי הייסט דאָס דאָרטען—די באַרבעריצע... הכלל, אפשר איז אַ סברה, אַז מען זאָל זיך שוין נעהמען צו די וואַרעניעס? און מיין ווייב טוט זיך אָן אין איהר טערקישען קאַפּאָט און איז זיך מכין צו דער עבודה, ווי אַ פרומער יוד צום סדר. און איך מאַך מיך אויך גרייט צו זיין איהר ביי דער הצבה, וואָרום איך ווייס, אַז באַלד וועט זיך ערשט אָנהויבען אַ גאַנצע סדרה: שמואל, אַהער! שמואל, אַהין! שמואל, דערלאַנג מיר דאָס, שמואל, דערלאַנג מיר יענץ! נאָר, געלויבט דער אויבערשטער, דאָס גרעסטע העלפט אַרבייט שוין אָבגעטון. אַלץ שוין אַריבערגעבראַכט פון שטאָדט. דאַכט זיך, עס פעהלט קיין זאַך נישט. נאָך אַ שעה, נאָך 2 און די וואַרעניע וועט שוין זיין פאַרטיג. וועל איך מיר ערשט קענען אויסרוהען, אויך פערזוכען דעם טעם פון דאַטשע. און מיט אַזעלכע פרעהליכע געדאַנקען און גוטע האָפנונגען לאָז איך מיך אַרויס אויפ'ן הויף צונויפקלייבען שפּענדלעך

און אָנגעפּאַלטען אַ ביסעל קין און לעג מיר נאָכאַנדער אַ פייער אויף צו פרעגלען די וואַרעניעס. ערשט דערהער איך פון שטוב אַרויס קולות: מיין ווייב שרייט, שילט, זידעלט. וואָס איז? זי האָט זיך געכאַפּט: די גאַנצע מאַלינעס זענען ווערעמדיג געוואָרען. היי־מצל, עפּען זיך! און אַז די מאַלינע איז ווערעמדיג געוואָרען, איז ווערמענס חטא, מיינט איהר, איז דאָס? מסתמא מיינער. וואָרום ביז וואַבען — שרייט מיין ווייב — איך קעהר זיך פון דאַגען אָבער, קענען נישט נור מאַלינעס ווערעמדיג ווערען, נאָר טשוועקעס קענען אָנהויבען בליהען, חזרים קענען זיך אויסלערנען טאַנצען אַ קאָזאַצקע. נאָך׳ן מלאך־המות דאַרף מען מיך שיקען, אין דער ערד אַריין מיט׳ן קאָפּ, מיט די הענד און פיס און לייב און לעבען... הכלל, איך האָב געקראָגען, וויפיל אין מיר איז אַריין.

און דער פועל יוצא איז, אַז איך האָב געדאַרפט לויפען צוריק אין שטאָדט אַריין קויפען מאַלינעס.

און אָט איצטער, ווי איהר זעהט, פאָהר איך דאָס צוריק ריפּ׳ן דאַטשע. אַ האָפענונג — דאָס לעצטע מאָל שוין... און אָט דאָס אָ, ווי איהר זעהט, פיהר איך דאָס די מאַלינעס. די מאַלינ— — — האַ? וואָס איז דאָס? — — — — וואו איז דאָס די מאַלינעס אהינגעקומען! ? — — מיינע מאַלינעס וואו איז דאָס אהינגעקומען! ? — — מיינע מאַלינעס! מיינע מאַלינעס! — א י ה ר ה אָ ט א ו י פ ג ע ג ע ס ע ן מ יי נ ע מ אַ ל י נ ע ס ! — —

—בערוהיגט זיך—האָב איך געשטאַמעלט דערשראָקען—גאָט איז מיט אייך... איך האָב געזעהען... עס שטעהט... האָב איך בענומען צום מויל... איך האָב געמיינט, איהר האָט עס געקויפט... אריפּ׳ן וועג צו קוויקען זיך... איך האָב זיך געקוויקט... פאַסקודנע אין מויל... געקוויקט...

—געקוויקט! ? געקוויקט האָט איהר זיך? ! געקוילעט האָט איהר מיך! געקוילעט אָהן אַ מעסער!... רוצחים! גזלנים! וואָס האָט איהר צו מיר? ראַזבאָיניקעס! בלוט־זויגערס! מיינע מאַלינעס! מיין בלוט!.. בלוט!...

זיינע אויגען זענען געווען פערלאָפען מיט טרעהרען, זיינע באָזלעכער האָבען בדייט געציטערט, פון מויל האָט געשפריצט מיט

פּיענע און זיין גאַנצער פּנים האָט אויסגעדריקט ווי מען וואָלט נאָר וואָס פאַר זיינע אייגענע זיין איינציג קינד אַוועקגעקוילעט און ער וואָלט צו נעהמען נקמה... מיט זיינע טרייסלענדע הענד האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן מיינע לאַטצען, געטרייסעלט מיך און געשריגען:

—רוצח! מערדער! וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? ! מיינע מאַלינעס! מיינע מאַלינעס!...

— — — — — — — — — — — —

וואָס איז געווען דער סוף, ווילט איהר וויסען? וואָס זאָל זיין. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז מיין פאַרשוין שוין ווידער אַ מאָל געזעסען אין פּאַיעזד, וואָס געהט צוריק אין שטאָדט אַריין.

דאָס איז ער געפאָהרען אין שטאָדט קויפען מאַלינעס.

אין פענסיאָנאס.

(דערצעהלט פון א יודען מיט א בויך).

—אז מען קאָן גאָרנישט וויסען, פון וואָס מען קען אויפגעריכט ווערען, און פון וואָס דער אויבערשטער קען צושיקען די שטיקעלע פרנסה.

אזוי האָט מיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען א יוד א דיקער, א הויכער, מיט א דיקען בויך, אוועקזעצענדיג זיך נעבען מיר אויף א בענקעלע צווישען די דאַטשעס אין אָטוואָצק.

—מיין שרה גיטעל, מיין ווייב הייסט דאָס, האָט מיר שטענדיג אויפגעוואָרפען, אז איך טויג מער נישט, ווי צום פרעסען און פאַשען דעם בויך. משטיינס געזאָגט, וואָס איך פלעג זיך ביי איהר שוין איבערעסען. א שטיקעל ברויט מיט הערינג פלעג איך דאַרפען ביי איהר קליאַנטשען דריי טעג מיט א מיטוואָך, און עס שטן דאַן פלעג איך דאָס קריגען מיט קללות און חרמות. די ביינער פלעגט זי מיר פערשילטען. „הלטונו״, „פרעסער״, א קישקע אָהן א דעק, א „זולל וסובא ניק״ קיין אַנדער נאָמען האָב איך ביי איהר נישט געהאַט. און וואָס? באשר איך בין א גרויס-געוויקסיגער, אָהן עין-הרע, ווי איהר זעהט מיך, א מענש א גידול

אַ געזעצטער, מיט אַ בויך... און ווער איז אין דעם שולדיג? עס איז אַ גאָט־זאַך! איך פֿלעג שטענדיג טענה'ן צו מיינער, הייסט דאָס: שרה גיטעל, ווייסטו דען נישט, אַז נישט פֿון דיין האָרע־וואַניע איז ביי מיר דער בויך אויסגעוואַקסען. פֿון דיינע קעסט וואָלט איך שוין לאַנג געדאַרפֿט אויסציהען די פֿיס. אלא וואָס דען? עס איז ביי אונז אַזאַ „פּאַראַדע": מיין טאַטע, עליו השלום, האָט געהייסען משה דער גראָבער, מיין זיידע, מיין עלטערזיידע, אַ ליכטיגען גן־עדן זאָלען זיי האָבען, זענען אַלע געווען בייכיגע. אַ „פּאַראַדע" אַזאַ און יוצא.

האָבען זיי, הייסט דאָס, מיר איבערגעלאָזען בירושה אַ פּעמפּיק, האָב איך זיך מיט איהם וואָס צו האַלטען. אַן'אַנדערער וואָלט מיינען, אַז איך עס „מאַרצ־פּאַנעס". דער טייוועל ווייס, פֿון וואָס ער וואַקסט ביי מיר אַזוי ווי אויף הויוען. אַ פיינע ירושה האָבען זיי מיר איבערגעלאָזען. נעכיי וואָלטען זיי שוין פֿאַר איין וועגס כאָטש איבערגעלאָזען עטליכע רובל. ביי אַ נגיד אַ בויך איז אַ כבוד, אַ צירונג און ביי מיר איז דאָס גאָר אַן'אָבקומעניש, אַ פערשטערעניש, ובפרט נאָך ביי אונז אין שטעדטעל קאַפּוליעווקע, פֿערברענט זאָל זי ווערען, וואו אָהן „אַ צונעמעניש" קענען זיי נישט אויסקומען. איז איין געשעפֿט האָבען זיי: „אָט געהט דער בויך" „שלום עליכם אַ פּעמפּיק" „וואָס מאַכט אַ קעסיל־פּויק". קיין אַנדער עסק האָבען זיי נישט. און ווער רעדט, אַז איך דאַרף נאָך געהן אין מרחץ אַריין, איז דאָך נישט שייך, וואָלט איך ליבער געגאַנגען לעבעדיגערהייט אין קבר אַריין. שטאַרבען פֿאַר בזיון איז ווייניג; דאָס פּנים פֿלאַמט מיר ווי צונטער, אַלע טייטלען מיט די פֿינגער. געהערט אַ ביסעל. אָהן עין הרע, אַ מרחץ מיט יודען, דאַרע, קוואַרע, אויסגעמאָגערטע, פּינסטערע יגדען און איך איינער דרעהע מיך אַרום מיט אַ בויך. און אַ בויך האָט אין זיך אַ טבע, אַז אין מרחץ טאַרצשעט ער נאָך אַרויס העכער, בולט'ער... ווי אויף צו להכעיס. איך מוז אייך זאָגען, אַז איך בין מיין בויך געוואָרען אַ דם שונא. און נישט איין מאָל פֿלעג איך גאָט בעטען, ער זאָל מיך בעפֿרייען פֿון דאָס דאַזיגע אָנשיקעניש?

איז וואָס-זשע טהוט גאָט? ווייזט ער אַ קונץ און דוקא דורך דעם דאָזיגען בויך ווער איך אויפגעריכט און אָנשטאָט דעם בדיון, צער און יסורים, וואָס ער האָט מיר פֿערשאַפֿט, האָב איך יעצט נחת און פֿערגעניגען און וואָס דער עיקר איז—פּרנסה.

און וואָס בעשטעהט מיין פּרנסה? ווילט איהר וויסען. איך אַ פּענסיאָנאַט בין איך, דאָ הי, טאַקי אין אָטוואָצק. געפֿאָהרען קיין וואַרשאַ זוכען פּרנסה און אַריינגעפֿאַלען אַהער קיין אָטוואָצק אין אַ פּענסיאָנאַט, אין דער פֿאַבריק פֿון מענטשעשע פֿלייש און וואו מען שטאָפּט אונז ווי די גענז.

איהר פֿערשטעהט אַ ביסעל? פֿון ברויט מיט טאַראַן בין איך אַריינגעפֿאַלען אין אַ גן עדן התחתון וואו מען שטאָפּט מיך מיט פּיינקוכענס, בלינטשיקעס, האָלענדער קעז און געבראָטענס מיט „קאָנטלעטען", מיט פֿלאָדען, מיט קאַקאָ, מיט קאַווע, הכלל מיט כל טוב.

איך זאָג אייך, אַז מיין שרה גיטעל וואָלט דאָס דערזעהן ווי מען דערלאַנגט דאָס איהר שלימזל אין בעט אַריין די פֿרישע בולקע מיט פּוטער און די גוטע גלעזעל קאַווע און ווי איך ליג דאָס מיר אין בעט ווי אַ שררה און לאָז מיר וואויל געהן און גיט מיר געלד אין האַלז — וואָלט זי משוגע געוואָרען. איך אַליין וועל אייך זאָגען דעם אמת, בין אויך אין איין שרעק: צי איז דאָס נישט אָפּטער גאָר אַ חלום. אַ נאָווינע, אַז עס חלומ'ט זיך, אַז דו עסט די בעסטע פּאָטראַוועס מיט מאכלים, צום סוף כאַפּסטו זיך אויף — בלאָטע. ביזט הונגעריג ווי אַ וואָלף און אין בויך הודעלט, ווי עס וואָלטען דאָרטען אַרומגעפֿאָהרען 70 אויטאָמאָבילען מיט מוזיקע. און עס דאַכט זיך מיר, אַז אָט-אָט וועל איך זיך אויך אויפֿכאַפּען ביי מיר אין בעט און קאַפּוליעווקע —און פֿון דעם קאַווע, מיט דער בולקע מיט פּוטער, מיט די מילך, מיט די פֿעטע פֿלייש וועט זיך אויסלאָזען אַ טייך, און ביי דער זייט וועט מיר גאָר שטעהן מיין שרה גיטעל און טרענען די אָדערען, וואָס זאָל זי קאָכען מיטאָג

איז וואָס-זשע איז מיין טועכץ, פֿרעגט איהר, אין מיין פּענסיאָנאַט? און פֿאַר וועלכע מעשים טובים קומט עס מיר די

אַלע גוטע זאַכען?— וועל איך אייך דערצעהלען, נאָר בתנאי, אַז איהר זאָלט קיינעם נישט אויסזאָגען, ווייל דאָס איז אַ סוד, און אַז איהר וועט עמיצען דערצעהלען, קען עס מיר נאָך שאַדען.

מיין טועכץ איז דוקא אַ גרינגע טועכץ. איך בין אַ מוס־טער בין איך. אַ שילד אַזאַ. יעדער געשעפט האָט איהר מו טער, איהר שילד, וואָס זי שטעלט אַרויס און צייגט פאַר די קונדען. אָט אַזאַ מוסטער בין איך אין מיין פּענסיאָנאַט.

עס איז שוין ביי מיר מיט דעם בעל־הבית און בעל־הבית׳טע פון פּענסיאָנאַט אַזוי אָבגעמאַכט, אַז ווען זיי שטעהען און דינגען זיך דאַרטען מיט אַ נייעם קונד און קענען מיט איהם נישט דורכקומען אין מקח,—גיט דער בעל־הבית אַ סיגנאַל, אַ וואונק, אַ הוסט, צי אַ ניס,— דאַמאָלס געה איך אַרויס פון מיין צימער און געה זיי אַ דורך פאַרביי מיט שטייפע געזונטע טריט, מעשה־פריץ. מיין בייכעל שטעל איך מיר אויס פאָראויס „נאַ פּאַקאַו״. דאַמאָלס הער איך ווי מיינע בעלי־בתים שמועסען זיך דורך מיט׳ן קונד.

—איהר זעהט אָט דעם ידען?— זאָגט דער בעל־הבית— בלויז דריי חדשים אַז ער זיצט ביי אונז אין פּענסיאָנאַט. אָנגע־קומען אַהער אַ צרה׳דיגער, אַ קראַנקער, אַ שוואַכער.

—אַ סוכאָטניק, — פאַרבעסערט די בעל־הבית׳טע.

—קרים זיך געהאַלטען אויף די פיס, הויט און ביין.

—אַ נוטה־למות׳דיגער, אַ גוסס.

—און איצט איז ער אַ לייט!

—אַ שררה.

—אַ מאַנאַרכע!

—אַ חוץ דיין שאַדען, אויף אַלע קראַנקע געזאָגט געוואָרען.

פאַרטיג, מיין עובדה איז שוין אָבגעטון געוואָרען. דער נייער קונד בלייבט שוין אונזער גאַסט. און אַזוי אַרום האָט ער אין מיין זכות אַריינבעקומען אַ סך געסט, וואָרום אַזאַ מוסטער ווי איך, איז ווייט צו קריגען. פון מיר נעהמען זיי אַלע אַראָב אַ משל. און אַלע האַלטען מיט מיר אין איין רעדען און פונאַנדער־פרעגען זיך, ווי אַזוי איך עס, און וואָס איך עס. און ווען איך

עס. ביים טיש בין איך דער אויבען-אָן. זיי קוקען מיר אַלע אין מויל אַריין. קוקענדיג ווי איך ע ס — זאָגען זיי — דערוועקט זיך אין זיי אויך דער אַפּעטיט. אַ טשעמאָדאַנטשיק צו פּאַקען האָב איך, אַ דאַנק גאָט, נישט צו פערזינדיגען און אַפּעטיט האָב איך אויך נאָך פון דערהיים. מעהר נישט אין דערהיים האָב איך נישט געהאַט וואָס צו פּאַקען. און דאָ, אָהן עין הרע, וואַקסט ער און בליהט פון טאָג צו טאָג. און פון מיין בויך האָב איך אויך גאָר קיין עגמת נפש נישט. אדרבה, ער איז דאָ גאָר געהויבען געוואָרען. און אַלע האָבען פאַר איהם דאָ דעם גרעסטען דרך ארץ. איהר וואָלט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ אויגען אַלע קוקען דאָס דאָ אויף איהם, וויפיל געסט זענען דאָס מיר מקנא. זיי וואָלטען וועלען כאָטש אַ העלפט פון איהם אַוועקפיהרען נאָכ׳ן זומער אַהיים. ווארום מיר האָבען דאָ אין פענסיאָנאַט אַ סך נגידים, וואָס פערמאָגען די שענע קלינגערס, נאָר אַ בויך, ווי איך, האָבען זיי אַ מכה.

נו, האָט מיר אַ גוטען. איהר הערט? מען קלינגט. מען דאַרף געהן עסען.

צווישן סצילא און כאריבדא

אָדער

בין המצרים

אָדער פשוט צווישן

האַמער און קאָוואַדלע

אָדער, אַז איר ווילט גאָר פשוט, איז עס

צווישן צוויי פייערן.

עס איז געווען הייס, נישט אַריבערצוטראָגן. איך בין געזעסן אין רעסטאָראַן און געטראַכט, אַז אין אַזאַ היץ איז דער מיטאָג אַנ׳אָפּקומענישט.

פון היץ איז ביי מיר דער אַפּעטיט ווי אויסגעפרוירן און אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

האָב איך געטרונקען קאַלט וואַסער מיט אייז.

אין פענסטער דורך די פאַרטריקנטע שויבן האָט אַריינגעקוקט אַ צוהיצטער פאַרחלשטער דרויסן, ווי ער וואָלט זיך אויך געבעטן אַ קאַלטן טרונק.

צום אומגליק האָב איך געטראָגן אַ שווערן אַנצוג פון הערבסט־שטאָף מיט אַ שטייף־אָנגעקראָכמאַליעטן העמד, הגם דער קאָלנער איז געווען צעווייקט און אימפּאַטענט ווי אַ בלינטשיק.

די עטלעכע געסט, וואָס זענען געזעסן אַרום ביי די טישלעך זענען געווען צוגאָסענע און מידע פון היץ מיט פאַרלייגטע נאַ־טיכלעך הינטער די קאָלנערס, געווישט זיך מיט די פּאַפּירענע סערוועטלעך און זיך געפאָכעט מיט די שפּייז־קאַרטקעס.

עס האָט נישט געהאָלפן — נישט די קאַלטע געטראַנקען און נישט דער ווענטילאַטאָר, וואָס האָט געדרייט און געהוזשעט

איבער אונזערע קעפּ מיט אַזאַ געשווינדקייט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָפּרייסן און פּלעטן אונז אַלעמען די מוחות.

דער צופּריהעטער קעלנער איז אַ פּאָר מאָל צוגעלאָפן צו מיר:

—עסן?

—ניין. איך וויל נאָך אַ ביסל וואַרטן.

רעכטס פון מיר ביי אַ טישל איז בעזעסן אַ פּאַרשוין מיט אַ נישט־היגן פּנים, אַ געלבלעכע הויט, גרויסע ברילן—לאַמטער־נעס און אַ סך גאָלדענע ציין. משמעות, אַן אַמעריקאַנער. ער איז געזעסן מיט אַ ניכט־היגער שטאָלצקייט אָן אַ מאַרינאַרקע מיט הוילע אַרבל פון זיין זיידן העמד, געזעסן און געזופּט קאַלטע שערי־ברענד.

לינקס ביי אַ צווייט טישל איז געזעסן אַ הער מיט אַ דאַמע: ער אין אַ שוואַרצן פראַק און הויכן האַרטן קאָלנער, ווי אַ מאַנ־קעט. אויפן קאָפּ אַ שרונט פאַרקעמט און אויסגעמייסטרעוועט זאָרגפעליג, פּינקטליך אויף וויפיל עס האָט זיך געלאָזט מאַכן פון די עטליכע געציילטע פליכעוואַטע הערלעך. ביידע, אי דער הער, אי די דאַמע, זענען געזעסן און מיט אויסגעצויגענע העל־זער ווי די זשיראַפן און מיט אַ קאָנצענטרירט וואַזשנער מינע געצויגן דורך שטרויערלעך קאַלטן מאַזאַנדאַן פון הויכע קע־לישקעס.

—הייס—האָב איך זיך געווענדעט צו מיין שכן רעכטס צום אַמעריקער, ווי איך וואָלט אים מודיע זיין גאָט ווייס, וואָס פאַר אַ בשורה.

—יעס, סער!—האָט מיין שכן מיט מיר מסכים געווען, זיך אויפגעהויבן פון אָרט און צוגעגאַנגען צו מיר—און דערפאַר האָב איך אַראָפּגענומען מיין ראָק. ביי אונז אין אַמעריקאַ גייען אַלע אָן רעק. איר קאָנט אויך אַראָפּנעמען אייער ראָק, וועט אייך ווערן קילער, שור! נעמט אַראָפּ דעם ראָק... אָט ווי איך... דאַטס רייט!

איך האָב געזען, אַז ער האָט רעכט, האָב איך אַראָפּגע־נומען מיין מאַרינאַרקע, און עס איז מיר געוואָרן קילער.

—דאַטס רייט! דאַטס רייט — האָט באַווילִיקט מיין גרויסע רעוואָלוציאָנערע טהאַט און איז אַוועק צוריק צו זיין טישל, אַ גליקליכער פון זיין רעפאָרם.

נאָך באַלד איז צו מיר צוגעקומען מיין שכן פון לינקס און מיר בייז אַריינגעסיפּעט אין אויער מיט רציחה.

—מיין הער! איר פאַרגעסט זיך. איר זענט נישט ביי זיך אין שלאָף־צימער. דאָ איז אַנ׳עפנטליכער פּלאַץ, און איך וועל נישט ערלויבן אַזעלכע געמיינהייטן!... די מינוט זאָלט איר אָנטאָן אייער ראָק...

איך האָב דערזען, אַז ער האָט אויך רעכט, האָב איך צוריק אָנגעטאָן מיין מאַרינאַרקע, און ווידער גענומען שוויצן ווי אין אַ שוויץ־באָד.

האָט עס דערזען מיין שכן פון רעכטס, האָט ער אַריינגעקערט אַ פּריש גלעזל שערי־ברענד און איז צוגעלאָפן צו מיר מיט אַזאַ בייזן צאָרן, אַז די נאָלדענע ציין האָבן אים אַזש געסקריפּעט.

—מיסטער... איר זענט אַ פּחדן! איר האָט נישט קיין אַמביציע... יעס! איר קעמפט נישט פאַר אייערע באַקוועמלעכקייטן. איך זע, אַז איר אַכט יענעם דזשענטלמאַן מער פון מיר! איך וועל עס נישט דערלאָזן! איך בין אַנ׳אַמעריקאַנער. איך וועל נישט לאָזן באַליידיקן מיין לאַנד! די מינוט זאָלט איר אייער ראָק אַרונטערנעמען!

איך האָב אַראָפּגענומען מיין מאַרינאַרקע און עס איז מיר ווידער געוואָרן קילער און איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט.

דאָ איז זיך מיין שכן לינקס אויפגעשפּרונגען אַ רויט אָנגעצונדן פּנים, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט מיך דורס זיין.

—מיין הער! איך וועל נישט לאָזן מאַכן פון מיר שפּאַס! דאָ איז נישט קיין באָד... אַזוי טוט אַ כאַם, אַ גראָבער יונג! אַ דזשענטלמען טוט נישט אַזוי... די רגע זאָלט איר מיר אַרויפּציען אייער ראָק. דאָ זיצט אַ דאַמע און איך וועל נישט ערלויבן באַליידיקן מיין דאַמע! די רגע זאָלט איר אָנטאָן אייער ראָק אָדער איך רוף אייך אַרויס אויף אַ דועל. איך וועל אייך־

דערשיסן ווי אַ הונט !...

פון זיינע רייד איז מיר קאַלט געוואָרן און איך האָב צוריק אָנגעטאָן מיין מאַרינאַרקע.

מיין שכן רעכטס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון זיין טישל, אומגעוואָרפן די עטליכע ליידיקע פלעשלעך און מיט וואַקלדיקע טריט צוגעפאַלן צו מיר, קלאַפנדיק מיט די פויסטן אָן טיש — איר לאַכט פון מיר ! ? איר טוט, וואָס יענער הייסט אייך און פון מיר שפּאַסט איר ? !!.. נאַד ד—דעם !... איך בין אַן אַמ—מע־ריקאַנער !... היק !... די מינוט זאָלט איר אייער ראָק אַראָפּ־וואַרפן, אָדער קאָם אַן איי פייט ! איך וועל אייך מאַכן... היק !.. אַ פּאָר בלויע אויגן, וועט איר וויסן ! איר זעט אָט דאָס ? נאַד־דעם!

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן מיר פּזוי בּאַלכסנדיק מיט אַ פּאָר אָנגעגאָסענע אויגן. איין פוס פּאָראויס, דעם צווייטן צוריק, און געוויזן אַ פּאָר גרויסע באָקס-פויסטן, אַז מיר איז צוריק הייס געוואָרן און איך האָב אויף גיך גענומען אַראָפּ־וואַרפן מיין מאַרינאַרקע.

מיין לאַגע איז געוואָרן געפערלעך. דאָ, צווישן אַמעריקאַ און אייראָפּאַ, האָב איך געוואוסט, וועל איך נישק גוט אָפּשניידן.

בין איך בּאַלד געפאַלן אויף אַ שכל. איך האָב מיין מאַ־רינאַרקע אָנגעטאָן אויף איין אַרבל. דאָס הייסט, אַז איין רעכטע זייט, וואָס איז געווען געריכטעט צו מיין לינקן אייראָפּעאישן שכן, איז געווען אָנגעטאָן אין פולער אָרדנונג. דערפאַר צו דער זייט פון מיין אַמעריקאַנער שכן איז דער אַרבל געווען אויס־געטאָן, עכט אַמעריקאַניש.

און אָט אַ דאַנק דער דאָזיקער פשרה בין איך בּצול נע־וואָרן פון דער גרויסער סכנה, וואָס האָט געלויערט איבער מיין זינדיקן נפש פון אָט די צוויי קעמפנדע ערד־טיילן.

מלחמה'דיגס

דער משוגענער מלמד.

... כּי, כּי, כּי!..

איך, חיים־שלום דרדקי־מלמד פון באַרבירעשאָק, האָב גע־שלאָגען דאָס ווייב. געשלאָגען, אַוודאי האָב איך זי געשלאָגען. אָבער פאַרוואָס האָב איך זי געשלאָגען? ע—ע! דאָס ווייס קיינער נישט. איך האָב זי געמוזט שלאָגען, יאָ, יאָ. אַ נישט וואָלט איך אפשר משוגע געוואָרען... עס וואָלט זיך מיר איבערגעדעהט דער מוח... איצט בין איך קלאָר... קלאָר ווי אַנ׳עטאַזשערקע... שאַ... שש!..

(פּויזע)

איר האָב זיך פערטראַכט, פערטיפט אין טיפע געדאַנקען. זיבען שעה מיט 33 מינוט מיט 18 סעקונדען מוז איך טראַכטען מיינע געדאַנקען. אַזאַ טבע האָב איך: איך טראַכט וועגען דער מלחמה. וועגען דער מלחמה טראַכט איך. פאַרוואָס שלאָגט מען זיך דאָס?

אַ מאָדנע עובדה: מענשען שיסען איינע אויף די אַנדערע פון ביקסען און פון האַרמאַטען און דוקא וואו מענשען שטעהען. ווי שטעהט מען דאָס, וואו מענשען שטעהען? מען קען דאָך,

חלילה, אַרויסנעהמען איינער דעם אַנדערן אַנ'אויג, אויסזעצען אַ צאָהן, אויסשלאָגען אַ פענסטער...

זעהט איהר, האָט איהר געטראָפען אין מיין יאָסעלען. אַז איך וויל נישט, איהר זאָלט שיסען אין מיין יאָסעלען. איך וויל נישט! אָט אַזוי. איך וועל דיך נעהמען אויף די הענד, איינוויקלען מיט דער קאַפּאָטע און אַנטלויפען... וואָס־זשע פערוואַרפסטו מיט'ן קעפּעלע? יאָסעלע, זעה נאָר, האָסט פערגאָסען מיין קאַפּאָטע אין בלוט און די באָרד אין בלוט..! יאָסעלע!..

כאַ, כאַ, מען זאָגט אַז דאָס שלאָגט מען זיך צוליב ערד...

איך בין אַ בעלן צו דערגעהן דער אמת. אַנו. לאָמיר זעהן. מען דאַרף אויסמעסטען (נעהמט אומשפרייזען איבער'ן צימער מיט גרויסע טריט הין און צוריק אין דער לענג און אין דער ברייט) איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס! איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס...

„ס'איז ליגען, די ערד איז נישט גרעסער געוואָרען אויף אַ האָהר, איהר הערט וואָס מען זאָגט אייך? פון דער גאַנצער מלחמה איז די ערד נישט גרעסער געוואָרען אויף אַ האָהר!

(פאַלט אויף די קניה).

„גאָטעניו, דער גאָט פון מלחמה! מאך מיך קלוג, מאַך מיר ליכטיג מיין זינען. מאַך מיך קלאָר... איך האָב דערפיהלט, אַז איך האָב פערלוירען מיין פאָרשטעלונג וועגען דיר, וועגען דער וועלט, וועגען מענש, וועגען שכל און וועגען הכל בכל... איך האָב פערלוירען מיין פאָרשטעלונג וועגען נעכטען, וועגען מארגען, וועגען היינט. איך ווייס שוין נישט פון „אַמאָל" און „שפּעטער". איך ווייס שוין נישט, וואו איך בין און ווער איך בין און פאַרוואָס איך בין... איך האָב פאַרגעסען. און האָב פאַרגעסען וועגען דעם, וואָס איך האָב פאַרגעסען...

האַ! אין מח איז מיר ליכטיג געוואָרען. עמיצער האָט אין מיין שאַרבען אויסגעהאַקט אַ טהיר צום גאַס, עמיצער איז מיט אַ לאַמטערן אַהין אַריינגעדרונגען און מיין זינען בעלויכטען... און האָב עס! איך האָב געפונען דעם תכלית, דעם מהות, דעם

עצם פון דער מלחמה.

דאָס שלאָגט מען זיך פאַר אַ בעסער לעבען, פאַר אַ ריי־כער לעבען, פאַר אַ גליקליך לעבען.

הי, הי, הי! חכמים. זיי האָבען ביי מיר די שטריקעל צו־גענומען. איך וואָלט זיך אויפגעהאַנגען.' און ווייסט איהר צוליב וואָס? איר וועל אייך אויסזאָגען. שש... נאָר עס זאָל זיין בסוד: איך בין פערסטראַכירט אין לעבענס־פערזיכערונג־געזעלשאַפט. און אַז איך וויל מיך הענגען, וועל איך אָבנעמען די פּרעמיע. כאַ כאַ! כאַ!..

היינט האָב איך משנה השם געווען. אומגעביטען מיין נאָ־מען. אויס! פון היינט אָן הייס איך שוין נישט מעהר חיים־שלום, נאָר קאָפּעל־קיווע. עס קלינגט שענער, שטאַרקער, העלדישער. עס קלינגט כמעט אַזוי העלדיש ווי נאַפּאָלעאָן, אַלעקסאַנדר מוקדן. קאָפּעל—קי—ווע!

איהר הערט! און מיין פאַמיליע־נאָמען איז שוין נישט מעהר „איש הורוויץ", נאָר „איש מלחמה". קאָפּעל־קיווע איש מלחמה, אָדער קאָפּעל־קיווע דער מיליטאַריסט! און די גאַס, וואָס מען וועט נאָך מיר אַ נאָמען געבען, וועט אויך שענער קלינגען. „קאָ־פּעל־קיווע־גאַס". אַ שטייגער, ווי: „גיטקע־טויבעס זאַווולעק". גיטקע־טויבע איז אויך מסתמא געווען אַ מיליטאַריטקע...

אָ, איך האָב געוואוסט, אַז די גאַנצע וועלט וואַרט אויף מיר, איך זאָל ווערען אַ מיליטאַריסט, כדי עס זאָל מקוים ווערען ישעיהו הנביא׳ס נביאה: כי מלאה כל הארץ דעה — די גאַנצע וועלט איז פול מיט קלעפּ. געוויס, ישעיהו הנביא איז אויך גע־ווען אַ מיליטאַריסט, נאָר אַ כיטרער איז ער געווען, אַ דיפּלאָמאַט. כדי צו פערמאַסקירען זיין מיליטאַריזם, האָט ער געפּרעדיגט שלום, וואָרום ער האָט גוט געוואוסט, אַז פון שלום וועט קיין גוטס נישט אַרויס...

די גאַנצע וועלט איז פול מיט געשלעג. אַלע בעשעפענישען שלאָגען זיך, אין דער הויך שלאָגט מען זיך, אין וואַסער שלאָגט

מען זיך, אויף דער יבשה שלאָגט מען זיך. אין שטאָדט שלאָגט מען זיך, אין דאָרף שלאָגט מען זיך, אויף די פעלדער, אין די וועלדער. עס געהט אַ געשלעג אויף טויט און אויף לעבען. עס געהט „אַ דראַקע", אַ וועלט־דראַקע! און איך? איך, ווילט איהר, זאָל הייסען שלום דער מלמד און לעבען בשלום? אַ וועלט מיט מענשען בויקערן איינער דעם אַנדערן די ביינער, און איך — גאָר־נישט? גאָר אָהן מיר? און וואו, פרעג איך אייך, בין איך? וואָס איז עפּיס מיין נשמה פון קלאָטשע? איך דאַרף דאָך אויך עמי־צען שלאָגען? וואָס, נישט?

בין איך אַרויס אויף דער גאַס צו פיהרען מלחמה, האָב איך געטראָפען מיין פריינד דעם בן־עיר, אויך אַ היימלאָזער, שלום פרידמאַן הייסט ער, און האָב איהם אַזוי געזאָגט: ר' שלום, אייער נאָמען געפעלט מיר נישט. וואָס פאַר אַ פרידמאַן? וועלכער אַנ־שטענדיגער מענש טראָגט עס אַזאַ מאוס'ן נאָמען? איך האָב שוין מיין נאָמען אומגעביטען. איצט איז אייער צייט, איהר זאָלט אויך אייער נאָמען אומבייטען. ווער איהר ווערען מיין פערבינדעטער, איז גוט, ווען נישט, וועלען מיר זיך שלאָגען אין בלוט אַריין. ווארום אַ שרעק, ווי איך בין בלוט־דאָרשטיג. איך לעב איצט נור מיט בלוט, איך אָטעם מיט בלוט און... שפּיי מיט בלוט!

האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע קיילעכדיגע אויגען און ה׳ ; געזאָגט צו מיר: גאָט איז מיט אייך, ר' חיים־שלום? וואָס , ידערט איהר?

.טפער איך איהם: ראשית, זאָג איך, הייס איך נישט חיים־שלום, נאָר קאָפּעל־קיווע איש מלחמה; והשנית, פּלוידער איך נישט. ביי מיר איז נישטאָ קיין פּלוידעריי! איך בין נישט פאַ־ציפיסט און זיץ מיט אייך נישט אויף קיין שלום־קאָנפערענץ, און איך, אַז איך רעד, רעד איך קלאָרע דבורים. און נישט איך רעד, נאָר דאָס שווערד, און אַז דאָס שווערד רעדט, האָבען מיר אַ קימא לן שווייגט דאָס מויל... און נעהם און איך קריך איהם אַריין אין באָרד אַריין. האָט ער, דער טפּוש געמאַכט געוואַלדען, גע־וואָרען בלייך ווי קעז און איז אַנטלאָפען פון שלאַכטפעלד.

איך האָב אַנגעשטעלט אויף איהם מיין שירעם און אויסגע־

שאָסען—פּיף-פּאַף! מושמעות, אַ קויל האָט איהם געטראָפען!

נאָך האַלבען טאָג האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין בית-המדרש. אַ מין טויטע שטילקייט דאָ הערשט—איך קאָן אַזאַ שטילקייט נישט אַריבערטראָגען; ווען נישט די צוויי פליגען, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען אין אַ ווינקעל שויב, וואָלט איך זיך אפשר געריהרט פון זינען. רבונו של עולם! פון וואַנען נעהמט זיך עס אַזאַ שטילקייט? אַזאַ שלום-ושלוה? עס קלאַפּט מיר אין קאָפּ פון דער שטילקייט. עס האַקט מיר אין די שלייפען. נישט אַנדערש, עס איז דאָ אַ סבה. וואו איז די סבה, האַ? אַהאַ! די סבה שטעקט אין סדור! „שים שלום״ שטעהט דאָרט. אָט ווער עס איז שולדיג—דער שים שלום! מען מוז איהם אויסרייסען, אויספליקען, אויסראָטען!...

אין איין מינוט איז די גאַנצע שול פול געוואָרען מיט בלעטלעך, שמות, צופליקטע סדורים. איינער נאָך דעם אַנדערן זענען די „שים שלום׳ס״ געפלויגען אין דער לופטען. און באַלד איז טאַקי אָנגעלאָפען ברוך דער שמש און עס האָט זיך טאַקי אָנגעהויבען אַן׳אמת׳ע מלחמה.

אָוועגדס צו בין איך ווידער אַרויס אויף דער גאַס. די לבנה האָט געשיינט. אַזאַ גרויסע לבנה, אַ ווייסע, אַ נאַקעטע, אָהן אַ שינעל און אָהן כלי-זיין.

זעה איך, עס שטעהט אַנ׳עדה מיט יודען און איז מחדש די לבנה. ווער איך בייז.

—וואָס האָט איהר צו טהון מיט אַזאַ לבנה,—פרעג איך,—וואָס האָט אפילו קיין בלוטס-טראָפּען נישט אין זיך? קאָנט איהר דען נישט בעסער מחדש גיין די שקיעה? די גליה-רויטע זון, ווען זי פערגעהט, ווי אַ פייערדיגע קויל, און איז מרמז אויף מלחמה און בלוט?

און די יודען—לא די, וואָס זיי הערען מיך נישט, זאָגען זיי נאָך איינער דעם אַנדערן: „שלום עליכם״ און די אַנדערע ענטפערן: „עליכם שלום״... וואָס פאַר אַ שלום אויף זייערע קעפּ? חולה זייט איהר צו זאָגען: „מלחמה עליכם״, „עליכם מלחמה״... וואָס רייצט איהר זיך מיט מיר? זעהט איהר נישט, אַז אויף דער

לבנה האָט זיך בעוויזען שוין אַ בלוטס-טראָ־פען אויף דער לבנה! איך בין געוואָרען בלוט-דאָרשטיג און גע־וואָרפען זיך אין דער גאַנצער עדה אויף אַנ׳אַטאַקע—אַ הורראַ!... און באַלד איז דאָס גאַנצע געסעל פּערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלחמה-פּלאַץ.

איצט ליג איך צושלאָגען און געבונדען. אָבער דאָס גע־סעל וועט זיכער הייסען אויף מיין נאָמען: „דאָס געסעל פון קאַפּעל-קיווע דעם מיליטאַריסט".

הי, הי, הי, מען פרעגט מיך: פון וואַנען האָט זיך דאָס צו מיר גענומען פּלוצלינג אַזאַ תשוקה צו שלאָגען זיך? זיי קאָ־נען מיך פאַר אַ שטילען און רוהיגען מענשען, וואָס האָט קיינ־מאָל נישט געטשעפּעט קיין פליג אויפ׳ן וואַנד. פּראַים! זיי ווייסען גאָרנישט, אַז דער אמת׳ער שלעגער בין איך און אַז דאָס געפיהל צו שלאָגען זיך ליעגט ביי מיר אין די בלוטען. אַז זיי ווייסען גאָרנישט, אַז אין דער צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז נאָך געווען פערזונקען אין באַרבאַריזם און געלעבט בשלום, גע־ווען פינסטער און ווילד און נישט געוואוסט פון קיין ליכטיגע וועלט־מלחמות,—בין איך שוין געווען דער גרעסטער קעמפער און שלעגער.

דערמאָהנט זיך נאָר, וויפיל איך האָב אין מיין לעבען זיך געשלאָגען: איך האָב געשלאָגען כפרות, געשלאָגען המנ׳ען, געשלאָגען הושענות, געשלאָגען על-חטא, געשלאָגען מלקות, אָב־געשלאָגען די שוועלען ביי מיינע בעלי-בתים און נאָך עד-היום שלאָג איך זיך מיט דער דעה, און מענשען זאָגען נאָך, אַז איך בין חסר-דעה, טפשים! ווען איך וואָלט געווען חסר-דעה, מיט וועלכער דעה וואָלט איך זיך געשלאָגען?

טש... שאַ! מאַכט אייערע אויערען צו אַ טרייבעל און פערנעמט צו מיינע רייד! איך, קאַפּעל מיליטאַריסט, וועל אייך זאָגען נביאות.

והיה באחרית הימים—און עס וועט זיין מיט דער צייט, והיה הר ד׳—וועט זיין גאָטס באַרג דער העכסטער, אַזוי אַז מען וועט קאָנען אויף איהם אַוועקשטעלען דעם גרעסטען האַרמאַט.

והלכו עמים רבים—און עס וועלען גערן אלע פעלקער, ואמ״ו— און זיי וועלען זאגען: לכו ונעלה—לאמיר געהן מאכען א מאבילי-זאציע.

וכתתו הרבותם לאתים—און זיי וועלען צושטויסען זייערע ריב-אייזענס צו שווערדען וחנותיהם, און זייערע וואלגער-העל-צער—למזמרת—צו פיסטוילען, און די חנוכה-דריידלעך וועט מען איבערשמעלצען אויף טאנקעס און פון אלע טאבאק-פושקעס וועלען ווערען באמבעס און גראנאטען און מענשען וועלען מעהר נישט שמעקען קיין שמעק-טאבאק, נאר פולווער און גאזען.

און אין יעדער מקוה וועט שווימען א פלאט מיט אונטער-וואסער-שיפען און אלע ערוב׳ן וועלען זיין פון שטעכעדיגען דראט, ושעשע יונק על חור—און קינדער וועלען זיך שפילען אין אקאפעס. ולא ילמדו—און מען וועט שוין מעהר נישט לער-נען קיין אלף-בית, נאר סטראטעגיע און תכסיסי מלוומה...

און יעדער איינער וועט שטודירען מאפעס מיט לאנד-קארטען מיט אטלאסען, נאר דאס אלעס וועט נישט זיין גענוג, וועלען מענשען שטודירען דעם גלאבוס: יעדער איינער וועט זיך ארומטראגען מיט א גאנצען גלאבוס, ווי אין פסוק שטעהט: כי מלאה כל הארץ—די גאנצע וועלט איז פול מיט מלחמה, ניש׳קשה, די וועלט איז גרויס און קאן זיך פערגינען עטליכע מלחמות מיט אמאל.

דער קריגס-מיניסטער וועט שוין נישט מעהר זיך שלאגען איינמאל אין א שמטה, נאר שטענדיג, אייביג וועט ער פיהרען מלחמה. און נאך נייע מיניסטעריומס וועל איך איינפיהרען: מי-ניסטעריום פון אויסערליכע מלחמות, מיניסטעריום פון אינערליכע מלחמות, מיניסטעריום פון היימלאזע, מיניסטעריום פון פער-שפרייטען שנאה און קנאה, מיניסטער פון הונגער, טיפוס, כא-לערא און שרפות. ווארום ווי זאגט מיין חבר נאפאלעאן: מלחמות אהן שריפות איז פונקט ווי קאלבאס נישט צוגעפרע-געלט...

און איך, קאפל-קיווע, וועל זיין דער גרעסטער מיליטאריסט

אויף דער וועלט און וועל בעקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

אייביגע מלחמה אויף דער וועלט! די וועלט האָט שוין לאַנג אַ חזקה אויף מלחמות. וואָרום מלחמה—דאָס איז דער עיקר. דער מענש—דאָס איז בלויז אַ טפל, אַ צוגאָב צו דער מלחמה. און נישט איין מלחמה, נאָר עטליכע. ניש׳קשה, די וועלט איז גרויס און קאָן זיך פערגינען עטליכע מלחמות מיט אַמאָל!...

און קיין שלום וועט שוין קיינמאָל נישט אויסברעכען.

אַזוי זאָג איך—קאַפּעל־קיווע דער מיליטאַריסט.

אוף!... אַ הייסער טאָג היינט... אַ הייסער תמוז... אַז עס זאָל אַזוי אָנהאַלטען ביז סוף זומער, וועלען מיר קאָנען דרייסט זאָגען, אַז מיר האָבען געהאַט אַ הייסען זומער... אין אַזעלכע טעג שיסען די ביקסען פון זיך אַליין. באָמבעס רייסען זיך אויף פון זיך אַליין. הייזער צינדען זיך אָן פון זיך אַליין. און כדי די קוילען מיט די באָמבעס זאָלען נישט געהן לאבוד און מען זאָל נישט עובר זיין אויף בל־תשחית, שטעלט מען אויס אַקעגען די ביסקען מענשען... אַ שכל, ווי איך בין אַ יוד! איהר פערשטעהט? די וועלט האָט ליב אַ תכלית...

דעמאָלט איז אויך געווען אַ הייסער שבת־טאָג... און דאָס שטעדטעל האָט זיך אָנגעצונדען, און דער הימעל איז געווען רויט און מיין קאַפּאָטע איז געווען רויט...

דעמאָלט בין איך נאָך געווען חיים־שלום דער דרדקי־מלמד און בין געלאָפען. קוילען האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען, געהודזשעט און געפייפט אַרום מיר, גראַנאַטען האָבען זיך געריסען און מיך נישט געטראָפען. געגאַנגען אין ניוועץ. אַ ברכה לבטלה...

בלויז איין קויל איז אין ניוועץ נישט געגאַנגען—זי האָט מיין יאָסעלען געטראָפען.

איצט בין איך שוין קאַפּעל־קיווע דער מיליטאַריסט! היינט זוך איך שוין אַליין מלחמה!

אַנומעלט שפּעט ביינאַכט ליג איך זיך אַזוי אין בעט און עס נעהמט מיך קיין שלאָף נישט. אין די שלייפען האַמערט מיר,

ווי אין אַ קוזשניע. דער קאָפּ ברענט מיר און איך טראַכט מיר מלחמה-געדאַנקען. פלוצלונג — נאַפּאָלעאָן. „קאָפּעל-קיווע! — זאָגט ער צו מיר — דו ליגסט גאָר אין בעט, און טהוסט גאָרנישט לטובת דעם רעיון פון מלחמה — היתכן? שעמען מעגסטו זיך!” האָט עס מיר געגעבען אַ הויב פון בעט. איך האָב געכאַפּט מיין שטעקען און אַרויסגעלאָפען אויף דער גאַס. די גאַנצע שטאָט האָט גע-שלאָפען. איך האָב גענומען פּויקען אין די שילדען, קלאַפּען אין די לרדען טאַך, טאַך, טאַך-טאַ-ראַ-ראַך! טאַך, טאַך, טאַך-טאַ-ראַ-ראַך! שטעהט אויף יודעלעך, לעבודת המלחמה! שטעהט אויף יו—דע—לעך לע-בו-דת ה—מל—ח—מה!...

אויף מיין סיגנאַל זענען אָנגעלאָפען מענשען — משוגעים, פּראַים: אָנשטאָט צו פיהרען מלחמה, האָבען זיי מיך געכאַפּט און געבראַכט אַהיים צו מיין ווייב.

מיין ווייב איז געזעסען טויט, פערוויינט, די אויגען רויט, דאָס פּנים כאַקי-קאָליר. עס האָט מיר פערקוועטשט פאַר'ן האַר-צען און — איך האָב איהר אָנגעשלאָגען...

האָבען מיך די מענשען געבונדען... חכמים! ווי קאָן דען אַ געבונדענער פיהרען מלחמה!... אַזאַ זאַך איז דאָך נישט גע-הערט געוואָרען זינט די וועלט שטעהט אין דרויסען.

כאַ, כאַ, כאַ! איז אייך ווען איינגעפאַלען, אַז דער „למד” איז פונקט דער פופצעהנטער אות אין אלף-בית?

משה'ל

אַז משה'לעס טאַטע, דער וואַלד־פּריקאַשזציק, וואָס האָט געדיענט ביי דוב־בערן, איז געקומען צופאָרען אַהיים, איז ער געווען זעהר טרויריג, אָבגעלאָזען און פּערוואַקסען אַזוי, אַז קיין באַקען האָט מען שוין גאָרניט אַרויסגעזען, און די שוואַרצע באָרד האָט זיך כמעט אָנגעהויבען פון אונטער די אויגען.

אַזוי ווי ער איז נור אַריינגעקומען אין שטוב און דער פורמאַן האָט אים נאָכגעבּרענגט זיין משעמאָדאַן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אונטערגעשפּאַרט מיטן האַנד די באָרדיגע באַק און גענומען קוקען צום טשעראַטע פון טיש זעהר פערטראַכט. די מאַמע האָט זיך געזעצט אַקעגען, געקוקט אויפ'ן טאַטען מיט טרויריגע אויגען און געזיפצט.

משה'ל ג"ז, ווי זיין שטייגער, ווען דער טאַטע קומט פון אונטערוועגענס, געווען זעהר אויפגעלעגט, צוגעלאָפען צום טשעמאָדאַן אין גענומען זוכען אַ מתנה. נור דער טאַטע האָט אויף אים רוגזה'דיג אָנגעשריען מיט אַ מאָדנע שטים, גלייך, ווי אויך ז' וואָלט פאַר דער צייט פערוואַקסען געוואָרען, מיט האָר.

— וואָס זולסט דאָרטען, אַז דאָרטען איז גאָרנישט ניטאָ!

משה׳ל איז געוואָרען אַבהענדיג, פערשעמט. ער איז פּאַמעליך אָבגעטרעטען אָן אַ זייט און געהערט, ווי די מאַמע פרעגט דעם טאַטען.

— איז וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזוימט?

— וואָס האָב איך געזאָלט טון? איך האָב אַלץ געוואַרט, טאָמער וועל איך קריגען עפּיס געלט. חאָטש עטליכע רובל, מיט וואָס אַהיים צו קומען.

— און דוב־בער?

— דוב־בער איז געבליבען, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט.

— און די סחורה?

— ווייס איך.

דערנאָך איז דער טאַטע שוין מער ערגיץ ניט געפאָרען און געבליבען אַ היימיגער.

ביים עסען פלעגט דער טאַטע שווייגען. ביי־נאַכט פלעגט ער זיך וואַרפען אין בעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער און קרעכצען.

דערנאָך איז פלוצלונג געקומען אַ יוד מיט אַ גוי׳אישע שליטעל און האָט אַוועקגעפירט דעם בופעט.

באַלד איז דער סאַמאָוואַר אויך ניט געוואָרען. און אין דערפריה פלעגט די מאַמע ברענגען פון אַ שכן אַ טשייניק וואַסער — פאַר׳ן טאַטען אַ גלאָז טהיי און צו פערבריהען פאַר דאָס קינד אַ שטיקעל חלה.

ביים אָנבייסען האָט מען שוין קיינמאָל קיין בולקע ניט געזעהן, ניט מעהר איינמאָל אין אַ נאָווינע פלעגט די מאַמע געבען משה׳לען אין הדר אַריין אַ בויגעל מיט אַ טרענגען אָנזאָג.

— נאַ דיר בויגעל! נור שפּיעל זיך מיט אים, דו הערסט! עס אים ניט אויף מיטאַמאָל!

און משה׳ל פלעגט פאָלגען: שפּילען זיך מיטן בויגעל אַזוי לאַנג, ביז דער בויגעל פלעגט ווערען אַרומגעביסען צרום און אַרום פון אַלע זייטען. דאָס האָט משה׳ל פון אים געמאַכט אַזאַ ציינ־עדעל צו אַ מאשינע. דערנאָך פלעגט ער פון אים מאַכען אַנדערע מיני צאַצקעס: ווי, למשל, אַ רייף אויף אָנצושלאָגען אַ דרייזשקע,

דערנאָך — אַ רינגעלע, אַ דינינקען, דינינקען רינגעלע. דערנאָך אַרײַפגעצװיגען דאָס רינגעל אויף אַ פֿאָדעם און געגעסען עס מיט אַ קונץ. ד"ה: אָן די הענד. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דאָס רינגעלע פֿלעגט אינגאַנצען נעלם װערען.

שפּעטער אַ ביסעל' איז דער גאַנצער מין רינגעל פֿערשװאונדען געװאָרען, און צו „מיט-זיך" אין חדר איין פֿלעגט די מאַמע אים געבען אַ שטיקעל ברויט „מיט-נישט". און אַז ער פֿלעגט צום ברויט בעטען אַ שטיקעל פּוטער, אָדער אַזוי עפּיס אַ „גאַסע" זאַך, פֿלעגט די מאַמע נאָך אָנשרייען און זאָגען, אַז ער זינדיגט. ער מעג נאָך גאָט דאַנקען, װאָס עס איז דאָ ברויט. װאָס-איז? ער װייסט ניט, אַז ס'איז מלחמה צייט?

איינמאָל אין אַנ'אָװענד האָט ער דערװיסט אין דער היים דעם רבי'ן אין דער שבת'דיגער קאַפּאָטע מיט דער זעקס-קאַנטיגער זיידענער היטעל, װאָס אויבען מיט אַ קנעפּעל, פּירענדיג מיט'ן טאַטען אַ האַרבען שמועס.

— כ'מיין, ניט — איז ניט. — זאָגט דער טאַטע.

— עך-עך-כע... ברומט דער רבי, און קלייבט זיך אָװעקגען.

— מנאַ, װאָס קאָן מען העלפֿען. װעל'ען מיר איבערװאַרטען די שלעכטע צייט. — בעגלייט איהם דער טאַטע צו דער טיר.

פֿון דאַמאָלס אָן איז שוין משה'ל אין חדר מער ניט געגאַנגען.

פֿאַרװאָס אייגענטליך הייסט עס „אַ שלעכטע צייט" — פֿערשטעט ניט משה'ל. דאַכט זיך, פֿערקערט. אדרבה, גאָר אַנ'אַנמיק: אַלע זענען היינט אינדערהיים. אי דער טאַטע, אי ער, אי די מאַמע, אי יעסט זענען אָנגעפֿאָרען: דו מומע פֿון לאָדז, דער פֿעטער פֿון גראָדזינסק, גאָר װי אויף פּסח. איי װאָס די מאַמע גיט אים ברויט „מיט-נישט" און װאָס אַלע זענען אַזוי אומעטיג — דאָס איז ניט גוט. אָבער חוץ דעם, איז גאָרניט אַזוי שלעכט. און חדר דאַרף מען ניט געהן, מען איז פֿריי, פּונקט װי סוף הזמן

אַך, װיפֿיל שפּילערייען משה'ל האָט! ער שליטעלט זיך אויף אַ שייטהאָלץ, מאַכט פֿון שפּענדלעך די בעסטע גליטשערס, װאָס שניידען דעם גליטש ממש, װי אַ דימענט שניידט גלאָז. און ער גליטשט זיך מיט די שענסטע קונצען, אי שטעהענדיג, אי

ווּצענדיג... נור די בעסטע שפּיל איז אין מלחמה. קלייבט זיך צונויף מיט זיינע חברים אין צוויי מחנות, כּעו מאַכט פֿון שניי־קוילען, מען בעפֿאַלט דעם שונא און מען נעמט אים אין פּלען... ווערט אים נמאס די שפּיל אין מלחמה, נעמט משה'ל נאָכלויפֿען נאָך די יונגלעך, וואָס פּערקויפֿען טעלעגראַמעס, שרייט זיי נאָך קרימט זיי איבער. און כּדי די שפּיל זאָל זיין נאָך רעיעלער און פּינקטליכער, געפֿינט משה'ל אַנ'אַלטע איבערגעלעזטע טעלעגראַמע, וואָס עמיצער האָט אַוועקגעוואָרפֿען, לויפֿט איבער'ן גאַס און שרייט פּונקט, ווי יענע יונגלעך אויפ'ן קול:

— צ־אַ־אַ פֿרישע טעלעגראַמע! אַ־אַ־אַ לעצטע טעלעגראַמע...

דאַרף פּערלויפֿען אַ מעשה: אַ יוד געהט פֿאַרביי און קויפֿט, ביי אים די אַלטע איבערגעלעזענע טעלעגראַמע און דערלאַנגט אים צוויי קאָפּעקעס.

משה'לען האָט אַ זעץ געטון אַ געדאַנק: אויב אַזוי־אַזוי, פֿאַרוואָס זאָל ער פֿון דער דאָזיגער שפּיל ניט מאַכען קיין שטיקעל תּכלית? אפֿשר קאָן מען פּעראייניגען דאָס שפּילען מיט'ן נוצען איר איינעם, און טאַקע צוזאַמענשטעלען עס אויף רעיעלע, און אָרענטליכע יסודות!

אַ דאַנק זיינע חברים, דערשלאָגט זיך משה'ל צום ריכטיגען פּלאַץ, וואו מען דרוקט די ריכטיגע טעלעגראַמעס, און ער ווערט אַ טעלעגראַמען־פֿערקויפֿער צוגלייך מיט אַלע יונגלעך פֿון דעם פֿאַך.

זעהר גיך האָט משה'ל איבערגענומען דעם דאָזיגען מסחר מיט אַלע זיינע פּיטשעווקעס, איז אַריין אין זיין אמת'ער ראָליע. ער האָט שוין געוואוסט, ווי־וועלכע גאַסען אַפֿריער צו לויפֿען, ווי און וואָס העכער צו שרייען, און וועלכע נייעס עס נעמט אַמבעסטען אויס ביים עולם. „אַ נייער פּריזיוו" — איז אַנ'אויס־געצייכענטע נייעס. „ווילסאָן לעגט זיך אַריין אין שלום" — איז אויך ניט קיין שלעכט שטיקעל נייעס. ציט־צו קונים. איבערהויפּט ווילסאָן מיט'ן שלום, א וואוילער מענש מוז זיין אָט דער ווילסאָן פֿון אַמעריקאַ. און משה'ל קריגט אים ליב, דעם ווילסאָנ'ען, ווי עפּיס אַ הגבּען פֿעטער. וואָס העלפֿט ים נאָכען גוטע געשעפֿטען

— דאָס איז נאָך גאָרניכטס — זאָגט אים זיין קאָלעגע

מאַטעל, אַ יונגעל מיט פּערזאַטשקעטען פּנים, צופּרוירענע הענטלעך, און אַ היטעל איבער די אויערען, ווען זיי זענען געגאַנגען אַ היים נאָך אַ גוטען טאָג מסחר — דאָס איז נאָך גאָרנישט. מאָרגען וועט זיין אַ מאָבליזאַציע, וועלען מיר ערשט פאַרדינען געלד. איך וועל אפשר נעמען מאָרגען הונדערט שטיק טעלעגראַמען!

און איך וועל נעמען — זאָגט משה׳ל אפשר טויזענט שטיק!

— און איך וועל נעמען אַ מיליאָן!

— און איך וועל נעמען קאַמיליאָן!

— און איך וועל נעמען קאַמיליאָן מאָל מיליאָן

און איך וועל נעמען קאַמיליאָן מאל מיליאָן מיליאַסען!

— אויך מיר אַ העלד! — שרייט מאָטעל, וועלכע האָט שוין קיין גרעסערען ציפער ניט געקענט אויפהויבען. — ווי אַזוי וועסטו פערקויפען אַזוי פיל טעלעגראַמעס?

— איך וועל הויך שרייען, איך האָב גוטען קול!

— איך קען בעסער שרייען. איך האָב אַ בעסערן קול! מיין טאַטע איז אַ חזן!

— אַנו, פּרוב ציען אַ טאָן.

— פּרוב די ציען אַ טאָן.

און ביידע יונגעלעך צושרייען זיך הויך אויפן קול — ציען טענער.

אין אָוונט קומט משה׳ל אַ היים און גיט איבער זיין מאַמען דעם טאָג ריוח, איבערלאָזענדיג ביי זיך עטליכע קאָפּיקעס אויף מאָרגען צוקויפען פרישע סחורה. די מאַמע נעמט צו ביי איהם דאָס געלד מיט אַ טרויריג שמייכעלע און גיט אים וועטשערע—אַביסעל געקעכטס אָדער אַ שטיקעל ברויט שוין מיט קעז.

אין איינעם אַנ׳אָוונט האָט משה׳ל געטראָפען דער מאַמען געריכטענדיג דעם טאַטענס זשילעטקע. און צו-אָפט שנייצענדיג די נאָז...

אין שטוב האָט מען שוין געוואוסט פון מאָרגענדיגער מאָבליזאַציע.

דער טאַטע איז געזעסען איבער אַ שאַכטעל טאַבאַק און פּעדרעהט פּאַפּיראָסען (די לעצטע צייט קויפט שוין ניט דער מאַמע קיין פאַרטיגע פּאַפּיראָסען, נאָר ער קויפט טאַבאַק און דרעהט זיי אַליין.

משה׳לען איז ניט געפעלען, וואָס אין שטוב איז אַזאַ אומעט

אים איז אַזוי פֿרעליך, ער האָט אַזעלכע גוטע נײַעס. ער געהט צו דער מאַמען און זאָגט איר אָן די בשורה.

ווייסט מאַמע, מאָרגען וועל איך זעהן אַ סך לייזען. מאָרגען וועל איך דיר ברענגען אַ סך געלט. מאָרגען וועט זיין מאָביליזאַציע.

— זאָלען שוין מײַנע שונאים רעדען פֿאַר דיר — זאָגט די מאַמע זאָל שוין בעסער זיין שלום אויף דער וועלט.

— אָבער פֿון מאָביליזאַציע קען מען דאָך פֿערדינען אַ סך געלט.

— אַ כפרה, קינד מײַנס, דײַנע געלט. דײַנע טעלעגראַמען מיט די פּרנסות, זאָל שוין גאָט געבען, עס זאָל שוין בעסער אין גאַנצען אויפֿהערען די מלחמה. עס זאָל שוין ווערען שלום, דער טאַטע זאָל צוריק קענען פֿאָרען אויף זיין שטעלע. און דו זאָלסט שוין אָנהויבען געהן אין חדר.

„אין חדר?"—פֿערטראַכט זיך משה'ל. און ער הויבט אָן איבער צווועגען. וואָס אייגענטליך ערגער איז, צי די מלחמה, צי דער חדר, צי דער רבי, צי די מאָבליזאַציע. ער גיט אַ קוק אויפֿ'ן טאַטען און קומט גלייך צום בעשלוס, אַז שוין בעסער דער חדר, איידער די מלחמה. אַ דאַגה דאָס, אַדרבה. זאָל שוין טאַקי אויפֿהערען די מלחמה. ער וועט אָנהויבען געהן אין חדר און לערנען מיט גרויס חשק, און ער וועט דאַווענען אַזוי פֿרום אַזוי פֿרום, און זאָל טאַקי זיין שלום אויף דער וועלט.

ער נעמט לײַנען קריאת-שמע מיט גרויס כוונה און ווערט אַנטשלאָפֿען.

אין דער פֿרי האָט זיך משה'ל אויפֿגעכאַפּט פֿון דעם טאַטענס באָרד, וועלכע האָט זיך געטוליעט צו זיין פּנים און געשטאָכען. ווען ער איז שוין אינגאַנצען אויפֿגעשטאַנען איז שוין קיינער ניט געווען אין שטוב, ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע. די גאַנצע שטוב איז פול געווען מיט ליכטיגען ווינטערדיגען זון און מיט מאָדנעם אומעט און פּוסטקייט. ער איז אַרויסגעלאָפֿען אויפֿ'ן גאַס. ער האָט פֿערשמורעט די אויגעלעך פֿון זון און פֿון דעם ליכטיגען שניי, וואָס האָט געפֿינקעלט מיט אַזוי פֿיל פֿייערדיגע שפּרינקלעך. גלײַך ווי עמיצער האָט אַ גרויסע זון צושטייסען און אויסגעשאָטען עס אויפ'ן שניי, ווי מען שיט אויס געלע זאַמד אויף דער פּאַדלאָגע.

משה׳ל איז צוגעלאָפען צום דרוק.

די טעלעגראַמען האָבען זיך נאָך געדרוקט, און עס איז שוין געווען בעוואוסט, אז אַ נייע מאָבליזאַציע איז ערקלערט. אין די טעלעגראַמען ווערט דערפון שטהן. און דעריבער זענען די יונגלעך געווען זעהר פרעהלעך, געלאַכט, געשטיפט, געשטויסען איינער דעם אַנדערן אין שנײ אַריין און געשטערט די בעוועגונג אויפ׳ן טראָטואַר. און כאָטש קיין טעלעגראַמען זענען נאָך ביי קיינעם נישט געווען, האָבען זיי שוין, די יונגלעך, געשריען און אויסגערופען, אַ ביסעל כדי צו נאַרען דעם עולם און אַ ביסעל צוליב רעפּעטיציע-וועגען, אויסצושרייען די שטימען.

— אַ-אַ-אַ פרישע טעלעגראַמע! אַ-אַ-אַ נייע מאָבליזאַציע!...

— מאָבליזאַציע! — האָבען משה׳לען די חברים אַנגעזאָגט מיט שמחה, ווען יענער איז צוגעקומען. אָט וועסטו באַלד זעהן אין די טעלעגראַמען.

— איך וויים בעסער פון אייך — האָט משה׳ל געענטפערט מיט אַ מאָדנעם טרויעריגען שמייכעלע. און עס איז געווען שווער צו וויסען, צי דאָס קלייבט ער זיך וויינען, צי לאַכען.

דערווייל איז אַרויס אַ לאַנגער בחור מיט שוואַרצע אויס-געשמירטע הענד און פּנים, ווי אַ קוימענקערער און אָנגעהויבען טיילען פריש-געדרוקטע טעלעגראַמען. די גאַנצע חברה האָט זיך צעלאָזען ראַפּטאָם מיט געשרייען און געפילדער אין אַלע זייטען, ווי אַ סטאַיע פויגעל, וואָס איז פּלוצלינג איבערגעשראָקען געוואָ-רען פון אַ שמיץ פון אַ בייטש.

געצוינען פון שטראָם און פערטומעלט פון געפילדער, ווי אין אַ רויך, איז משה׳ל אויך געלאָפען מיט׳ן פּעקעל טעלעגראַ-מען און געשריען הזכער, ווי געוועהנליך! ווי ער וואָלט וועלען אין זיך עפּיס פערטויבען.—

—מאָ-בי-לי-זאַ-ציע!!!

די פיסלעך האָבען זיך געוואַקעלט אַזוי מאָדנע, און אין קאָפּ האָט געזשומעט, פּונקט ווי נאָכ׳ן לעקאַך-און-בראָנפען ביי דעם פעטער איטשען. און דאָס קול׳כעל איז אויך געווען אַזאַ מאָדנער, ווי אַנ׳אויסגעלונקענער, וואָס קאָן זיך צו יעדער רגע, פון גרויס קוראַזש, אויסברעכען אין אַ פערצווייפעלטען געוויין.

מיט דעמזועלבען טאָז און מיט דעמזועלבען קוראַזש פלעגט ער זיך אין חדר שאָקלען אין לערנען, ווען אין ערוואַרטונג אין געווען דעם רבי'נס שמיץ פאַר עמיצענס אַ מסירה.

— „טאַטע!.. מאַמע!..—האָט ווי עמיצער זיך געריסען ביי אַי אין הערציל. און עס האָט זיך געוואָלט לויפען אַהיים. און עס האָט זיך געוואָלט וויינען.

יודען האָבען אים אָבגעשטעלט, געקויפט טעלעגראַמעס און צוגעגעבען:

— אָט ווער עס מאַכט היינט די געלט:

גט לויפט זיין חבר מאָטל, לאַכט און שרייט, קליגאָט מיט זיין קעשענע געלט. משה'ל שמייכעלט אים אַנטקעגען מיט צוקרימטע ליפען, גיט אויך אַ קלונג מיט די מטבעות אין קעשענע און שרייט אויס מיט אַ קול פון אַ נאַכט=פויגעל.

— מאָבליזאַציע!

אין הערציל פערקלעמט אים, עפיס קויקעלט זיך אונטער' העלזיל און פעקוועטשט, ער פער'גנב'עט זיך הינטער אַ טויער און צעכליפעט זיך שטיל.

פרנסה.

—אַ וואַנדקאַלענדאַר,—פלעגט אברהם יצחק זאָגען,—איז נישט פון די קאַטאָוועסען, וואָרום אַרום אַ וואַנדקאַלענדאַר דאַרף מען ווי־סען ווי אַזוי אַרומצוגעהן. אַ וואַנדקאַלענדאַר דאַרף מען וויסען ווי אַזוי אויסצונוצען. אַ וואַנדקאַלענדאַר איז פיל קליגער און נוי־טיגער ווי אַ זייגער. וואָס איז אַ זייגער? אַ זייגער ווייזט נור די צייט און ווייטער גאָרנישט. אָבער אַ וואַנדקאַלענדאַר ווייזט, ראשית, דעם דאַטום, דו ווייסט אויף וואָסער וועלט דו ביסט. קאָנסט וויסען, ווען און וואו און וועלכע געשעהעניש עס איז געשעהן. ווער, וואו און ווען עס איז געבוירען געוואָרען און ווער, וואו און ווען עס איז געשטאָרבען. די שקיעה, דעם מולד, דעם וועטער, יום-טובים, חגאות, ירידען, לקוי-חמא, לקוי-לבנה, און ווער רעדט, ווען מען לייענט נאָך איבער דאָס בלעטעל אויף דער לינקער זייט, קאָן מען געוואָר ווערען גאָר שענע זאַכען: רפואות, מיטלען, עצות, המצאות, רעצעפטען, ווי צו מאַכען משקאות, שוהוואַקס, אַרויסצונעמען פלעקען פון בגדים, סם פאַר מייז, לימאָנאַדען אַלערליי... ווען אַ מענש זאָל נור מיט קאָפּ

לייענען אַלע טאָג דעם קאַלענדאַר, דאַרף ער אויף כפּרות אַלע שקאָלעס און אַקאַדעמיעס, ער קאָן שוין זיין דער גרעסטער קאָפּ-מענש, און ועל כולם—האָסטו אַ וויץ, אַ רעטעניש. מיט אַ וויץ אָדער אַ רעטעניש קאָן מען פערברענגען אין גזעולשאַפט. היינט אַ פּאָרטרעט, אַ קאַרטינע אויפ׳ן וואַנד. דאָס איז אויך עפּעס ווערט. ווילסטו, האָסטו אַ פּאָרטרעט פון אַ שרייבער, וויל-סטו, פון אַ ציוניסט און אַז דו ווילסט, האָסטו אַזוי זיך אַ בילד, מוטער רחל׳ס קבר וכדומה.

נאָך אַ שטיק פאַר ניי-יאָהר פלעגט שוין אברהם-איצע נע-מען האַנדלען אַ קאַלענדאַר, געקליבען ווי אַ פרומער יוד קלייבט אַנ׳אסרוג. געפונען דעם רעכטען קדור, פלעגט ער עס ברענגען אַהיים און בעהאַלטען איהם בחדרי חדרים, אַז קיינעמס האַנט זאָל אויף דעם נישט שולט זיין, ביז צו דער ריכטיגער מינוט, ווען מען וועט אויף דעם סאַמע אויבענאָן, אָנשטאָט דעם בלויזען קאַרטאָן-ברעטעל פון אַלטען אָבגעפליקטען קאַלענדאַר, אויפהענגען דעם נייעם.

ק־ינער אין שטוב האָט נישט געהאַט דאָס רעכט אָברייסען אַ בלעטעל פון קאַלענדאַר אויסער איהם. וואָרום אָברייסען אַ בלעטעל פון קאַלענדאַר דאַרף מען אויך קענען. אין די גוטע קאַלענדאַרען שטעהט אפילו געשריבען די מעטאָדע, ווי אַזוי מען דאַרף די בלעטלעך אָברייסען: „מען נעמט אָן ביי דעם אונטער-שטען לינקען ווינקעל פון בלעטעל און מען רייסט אַזוי פּאַוואָ-ליע פון אונטען אַרויף, פון לינקס אויף רעכטס, ביז דאָס בלע-טעל פאַלט אַראָב". און דעריבער פלעגט דער קאַלענדאַר ביי אברהם-יצחק׳ן האָבען דעם בעסטען אויסזעהן. אפילו צום ענדע יאָהר, ווען ביי לייטען זעהט דער אויבערשטער טייל פון קאַ-לענדאַר שוין אויס, ווי אַ באַרג פון מאָכרע, צודריבעלט און צו-בודעלט, איז ביי אברהם־יצחק׳ן געווען דער קאַלענדאַר אין פו-לער אָרדנונג: די בלעטלעך גלייך און שאַרף אָבגעריסען ביים סאַמע שטעפ.

—אַ קאַלענדאַר האָט ליב, מען זאָל די בלעטלעך אָברייסען אין אַ בעשטימטער צייט, צו אַ בעשטימטער מינוט. פונקט ווי

אַ זייגער האָט ליב, מען זאָל איהם צו אַ בעשטימטער צייט אָנ־דרעהען און אָנציהען,—פלעגט אברהם־יצחק זאָגען.

דאָס איבערגעריסענע בלעטעל פלעגט אברהם־יצחק איבער־לייענען פון אָנהויב ביז'ן סוף. די וויכטיגסטע שטעלען פלעגט ער איבערלייענען הויך פאַר דאָס גאַנצע הויז־געזינד. און הגם זיין ווייב האָט קיינמאָל נישט געקאָכט לויט דעם מעניו פון קאַלענדאַר, פונדעסטוועגען פלעגט ער דעם מעניו אויך איבער־לייענען אינגאַנצען: לאָמיך וויסען וואָס לייט עסען און וואָס פאַר אַ מאכלים עס איז דאָ אויף דער וועלט. פון אַ סך וויסען טוט דער קאָפּ נישט וועה.

די אָבגעריסענע בלעטלעך געהען נישט לאבוד. זיי ווערען געקליבען און ליגען אין שאַפע מיט אַ סדר. אַזעלכע זאַכען וואַרפט מען נישט אַוועק.

אברהם־יצחק האָט זיך קיינמאָל נישט פערגונען כאַפּען אַ קוק טאָן אַ בלעטעל שפּעטער. דאָס וואָלט געווען ווי קוקען ווי כהנים דוכענען אָדער פערזוכען דעם טעם פון מצה ערב פּסח פאַר'ן סדר. אברהם־איצע האָט געדולד. עס וועט קומען די צייט, וועט ער אָברייסען דאָס בלעטעל און וועט זיך לייענען וויפיל זיין האַרץ געלוסט...

מיט דעם ווייב פלעגט אָפטמאָל צוליב'ן קאַלענדאַר אַרויס־קומען מחלוקת. גאַנץ אָפט פלעגט אברהם־יצחק פערטיפען זיך אין קאַלענדאַר. אין אַ קאַלענדאַר טרעפען אַמאָל זעהר שאַרפע און טיפע ענינים. אפילו אַ וויץ פאָדערט אויך, מען זאָל זיך אין איהם אַריינטראַכטען. פלעגט דאָס ווייב צו איהם האָבען טענות.

—שוין ווידער פערנומען זיך מיט'ן קאַלענדאַר?

נאָר אברהם־יצחק פלעגט נישט ענטפערן.

וואָס פערשטעהט אַ יודענע.

אויסגעבראָכען די מלחמה, איז אברהם־איצע פערוואַלגערט געוואָרען אַלס בעזשענעץ אַזש קיין מאָסקווע. פון די נויטיגסטע חפצים, וואָס ער האָט פערכאַפּט מיט זיך, איז, פערשטעהט זיך, געווען דער וואַנדקאַלענדער.

אַזאַ גליק, ווי ער האָט נאָר געפינען אַ שטיקעלע דירה

פאַר זיך, האָט שוין אויפ'ן שענסטען און בעסטען אויבענאָן פון וואַנד געריהט דער קאַלענדאַר.

ביטערע צייטען זענען געקומען פאַר אברהם-יצחק'ן. שווער צו געפינען אַ שטיקעלע חיונה אין אַזאַ גרויסער פרעמדער שטאָדט. דאָס ביסעלע גוטס איז שוין אינגאַנצען פער'משכנ'ט געוואָרען, פון די גאַנצע חפצים און כלי-בית איז איהם כמעט געבליבען נור דער איינציגער קאַלענדאַר...

און דאָ איז אַ נס געשעהן, ערשט איצט איז געקומען די צייט, דער קאַלענדאַר זאָל ווייזען, וואָס ער קען.

אין יענעם יאָהר איז געווען אַ גרויסער דוחק אויף קאַ-לענדאַרען. וואַרשא און ווילנא האָט שוין מעהר קיין יודישע קאַ-לענדאַרען נישט געקאָנט צושטעלען, און רוסלאַנד האָט נישט בעוויזען דידאָזיגע סחורה צו שאַפען, און אַזוי איז אַ יודישער קאַלענדאַר געווען אַ יקר-המציאות.

אין אַ שענעם פריהמאָרגען, ווען אברהם-יצחק איז געזע-סען פערזאָרגט מיט זיין ווייב און קינדער און געבראָכען זיך דעם קאָפּ: וואָס הויבט מען אָן צו טאָן, עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין אַ ווילד-פרעמדער פאַרשוין.

—ענטשולדיגט,—האָט דער פאַרשוין געזאָגט,—איך האָב גע-הערט, אַז ביי אייך געפינט זיך אַ יודישער קאַלענדאַר, קאָן מען, פילייכט אין איהם אַריינקוקען?

—אָך, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד,—האָט זיך אברהם-יצחק אויפגעכאַפּט אַ לעבעדיגער.

—שוין דריי טאָג, אַז איך זוך אַ יודישען קאַלענדאַר,—האָט זיך דער פאַרשוין געקלאָגט.—אויסגעלאָפען די גאַנצע שטאָדט. האָט מען מיר אָנגעוויזען, אַז ביי אייך איז פאַרהאַן אַ קאַ-לענדאַר.

—פאַרהאַן, פאַרהאַן. איהר האָט זעהר געטראָפען. איז וואָס אַזוי ווילט איהר געוואָר ווערען פון קאַלענדאַר? אין קאַלענדאַר איז פאַרהאַן זעהר פיל זאַכען, זעהר פיל. אַ קאַלענדאַר—דאָס איז דאָך אַ תהום.

—איך האָב געוואָלט אויסגעפינען, ווען האָבען מיר דעם

יודישען שבעה עשר בתמוז. אַ סוחר שרייבט מיר, אַז איך זאָל זיך מיט איהם טרעפען שבעה עשר בתמוז. קאָנט איהר מיר נישט זאָגען וועלכע „טשיסלאָ" דאָס פאַלט אויס.

—באַלד, באַלד, איין רגע׳לע.

און אברהם-איצע האָט גענומען בלעטערן דעם קאַלענדאַר מיט אַזויפיל אימפּעט און בקיאות, פּונקט ווי אַנ׳ערפינדער וואָלט דעמאָנסטרירען אַ זעהר קלוגע מאַשין פאַר אַ רייכען מעצענאַט.

דער פאַרשוין האָט מיט גרויס העפליכקייט אָבגעדאַנקט און איז אַוועקגעגאַנגען.

נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך בעוויזען נאָך אַ פאַרשוין. ווידעראַמאָל דאָסזעלבע: ער האָט געהערט, אַז עס איז דאָ אַ יודישער קאַלענדאַר. צי קאָן מען אויספרעגען, ווען קומט אויס תשעה באב? מחמת תשעה באב האַלט ער אַ פּרינציפּ צו פאַסטען.

דער שם פון קאַלענדאַר האָט זיך פערשפּרייט, ווי אַ בליץ.

צומאָרגענס איז די אַהָל בעזוכער געוואַקסען. איבערמאָרגען איז זי שוין פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פולשטענדיגע קליענטור.

איינער, קענטיג אַ רייכער סוחר, האָט פאַר אַ ספּראַווקע אין קאַלענדאַר געפּרובט אַרויסלַיגען אַ דרייערעל, נאָך איינער אַ פינפערעל.

לכתחילה איז אברהם-יצחק׳ן געווען אַ ביסעל פריקרע צו נעהמען דערפאַר געלד. אין די גוטע יאָהרען וואָלט ער עס נישט געטאָן. נאָר אין אַזאַ צייט איז אפשר קיין עולה נישט.

עלעהיי זאָל דוכטען, אַז עס איז אַ טעלעפאָן, „אַן אַדרע-סני סטאָל". נעהמט מען נישט קיין געלד אויף אַ דאַטשע-טע-לעפאָן פאַר רעדען אַ פּאָר מינוט? נעמט דען נישט קיין אַדוואָ-קאַט פאַר אַ „ספּראַווקע" קיין געלד? און וואָס? ער גיט דאָרט אַ קוק אין זיינע ביכער. מיט וואָס איז אַ קאַלענדאַר ערגער פון יענע ביכער. „זאַקאָנעס"? אַז מען וויל שטאַרק, איז אין קאַלענ-דאַר פאַרהאַן נאָך אפשר בעסערע זאַקאָנעס, ווי ביי זיי אין די ביכער.

מען איז געגאַנגען ווי צו אַ גוטען יודען. צופוס, אויף דראָזשקעס, אין קאַרעטען. איינמאָל האָט מען ביים טויער פון זיין דירה שוין געזעהן שטעהענדיג אַן אויטאָמאָביל. דאָס איז אַ רייכער מאָסקווער סוחר געקומען אויסצוגעפינען אין קאַלענדאַר די ריכטיגע צייט פון זיין פאָטערס יאָהרצייט און געלאָזען אַ גאַנצען פינפאונצוואַנציגער.

נאָך אַ גרויסער גביר איז געקומען אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען דאַטום: ווען עס פאַלט יום-כפור, און ווידער געלאָזען אַ גרויסע מטבעה.

דעמאָלט האָט אברהם-יצחק אָנגעטאָן זיין שבת׳דיגע קאַפּאָטע, אַוועקגעשטעלט אַ בענקעל נעבען קאַלענדאַר און אַוועקגעזעצט זיך צו דער אַרבייט מיט גרויס ערנסט און כונה.

—אַ געשעפט, האָט ער געזאָגט, אַ געשעפט ווי אַלע געשעפטען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום איז די קליענטור אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז מען האָט געמוזט איינאָרדנען אַן אָטשערעד און בעשטימען געוויסע פּרייזען.

הויך איבער׳ן קאַלענדאַר איז שוין געהאַנגען אַ פּלאַקאַט מיט געדרוקטע אותיות:

אויפמערקזאַם!!!

1) מעהר ווי צוויי מינוט דעם קאַלענדאַר נישט צו פערנעמען! העכער פון די צוויי מינוט קאָסט אַ מינוט 10 קאָפּ.

2) אַ ספּראַווקע וועגען אַ געוועהנליכען דאַטום 30 ק.

3) אַ ספּראַווקע וועגען אַ תענית — — — 50 „

4) וועגען ליכט-בענשען — — — — 60 „

5) וועגען אַ יום-טוב — — — — — 70 „

6) וועגען יום-כפור — — — — — 75 „

7) וועגען הזכרת נשמות — — — — 80 „

8) פּאַר צוויי ספּראַווקעס האָט דער קליענט דאָס רעכט צו לייענען פינף וויצען אויף די לינקע זייטען.

מיט אַכטונג „דירעקציאָן פון דער ספּראַוואָטשנע ביוראָ״

אברהם יצחק עט קאָמפּ.

ווער איז די „קאָמפּאַניע״ האָט ער אַליין נישט געוואוסט, נאָר אַזוי פּאַסט עס צום עסק. נישט דאָס ווייב, נישט די קינ־דער קאָנען, ליידער, זיך אין געשעפט נישט מישען. אין אַ קאַ־לענדאַר דאַרף מען פערשטעהן, אַליין דאַרף מען אַרבייטען, אַלץ אַליין.

נישט לאַנג האָט אברהם־יצחק׳ס גליק געדויערט.

אין איינעם פון די דעקאַבער־טעג, ווען אברהם־יצחק האָט דורכגעקוקט די צייטונג, איז ער פּלוצלונג געבליבען זיצען גע־פּלעפט, טויט, ווי פון אַ דונער געטראָפען.

ווער ווייס, ווי לאַנג ער וואָלט אַזוי געזעסען, ווען נישט דאָס ווייב וואָלט איהם אויפגעמונטערט:

—אברהם־יצחק! אברהם־יצחק! וואָס זיצסטו אַ טויטער?!

דאָ ערשט איז ער צו זיך געקומען און אַ וויז געטאָן מיט׳ן פינגער אויף דער צייטונג.

—וואָס איז? וואָס איז געשעהן? אברהם־יצחק! זאָג גיכער! איז עמיצער געשטאָרבען, חלילה, פון אונזערע? עמיצער גע׳הרג׳עט געוואָרען? אַ טראַמוויי איבערגעפאָהרען?... זאָג, איך חלש...

—ניין.

ער האָט אָנגעוויזען אויף דער מודעה:

אַ יודישער וואַנדקאַלענדאַר אויף 1917.

נאָר־וואָס ערשינען.

גרויסער אויסוואַהל.

זיך ווענדען אין פערלאַג

„דער יודישער מאַטריץ״.

—איך פערשטעה נישט,—האָט דאָס ווייב איבערגעפרעגט, קוקענדיג אויפ׳ן מאַן מיט אַ פּאָר צושראָקענע אויגען.

—דו פערשטעהסט נישט. איך פערשטעה שוין גוט. אויס געשעפט, אויס פּרנסה, אויס שפע... די גאַנצע וועלט וועט ערשט פערפלייצט ווערען מיט קאַלענדאַרען... מיר מעגען שוין פערמאַכען דאָס קרעמעלע.

דאָס ווייב האָט פערבראָכען די הענט.

—מיר פערלירען דאָס שטיקעל ברויט, אברהם־יצחק!

אברהם-יצחק איז געזעסען און געקוקט אויפ'ן מאָגערען קאַלענדאַר, ווי אויף אַ קינד, וואָס האַלט אין אויסגעהן. אָנגענומען די לעצטע עטליכע בלעטלעך צווישען די פינגער און געטאַפּט, געמאָסטען די דיקקייט פון זיי, ווי מען טאַפּט אַ דופּק פון אַ גוסס און ביטער געזיפצט:

—געצעהלטע טעג... עס שטאַרבט...

מאַן און ווייב זענען געבליבען זיצען אין גרויס טרויער.

איך ווער אַ שפּעקוליאַנט.

באמת גערעדט, בין איך אַ גאַנץ לייטישער-מענש, הגם ציי־טענווייז גיב איך זיך אָב מיט שרייבעריי. איך שרייב לידער, פּאָעזיע און נאָך אַזוינע זאַכען, און דאָס קאָן מיר די וועלט נישט מוחל. זיין.

און אויב אין שלום-צייט, ווען די שפּעקולאַציע אויף דער וועלט האָט האָט נישט פערנומען אַזאַ בכבוד׳יגען אָרט, בין איך, לא עליכם, געווען דער לא יוצלח און דער שלים-מזל, אַ פּשיטאַ שוין איצט, ווען די וועלט קנאַקט מיט שפּעקולאַנטען. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ פּנים און וואָס פאַר אַנ׳אויסזעהן איך האָב

בעזונדער שלעכט האָב איך זיך דערפיהלט, זינט מיין בעקאַנטער, יואליק דער שטאָדט-נאַר, וואָס האָט געמאַכט אין אַ קורצע צייט אַ האַלב מיליאָן אויף לעדער, מאָנפאַסיע און דזעגאַכץ, האָט מיר אָבגעשטעלט און אַ פרעג געטון:

—זאָג מיר, האָסט שוין געמאַכט דיינע ריש אַלפים קערבע־לעך, אָדער דו ביזט אַנ׳אידיאָט?

אַזאַ בעליידיגונג האָב איך שוין ניט געקאָנט אַריבערטראָגען און האָב בעשלאָסען צו ווערען אַ שפּעקולאַנט. אויס! זאָל מיר נישט פלאַמען דאָס פּנים פאַר דער וועלט און פאַר לייטען. און דער עיקר — פאַר מיינע קינדער. וואָרום, באמת, וואָס וועל איך ענטפערן מיינע כשרע עהרליכע קינדער, ווען יענע וועלען אויף

דער עלטער מיך אַ פֿרעג טון: טאַטע, וואָס האָסטו געטון אין דער צייט פֿון דער שרעקליכער וועלט-מלחמה? גער, זאָג זיי, אַז איך האָב ניט געשפּילט אויף דער בערזע און האָב נישט שפּעקולירט.

—לעבעדיגערהייד וועל איך זיך דאַרפֿען בעגראָבען פֿאַר חרפּה. לאָמיר בעסער ערפילען דעם הייליגען חוב און מיט שטאָלץ זאָל איך קאָנען אָנקוקען מיינע קינדער אין די אויגען און ענטפֿערן: יאָ, קינדערלעך, אייער טאַטע איז געווען אַ שפּעקולאַנט און מאַראָדער!

האָב איך אַראָבגעוואָרפען פֿון זיך מיינע ברילען, אָבגעשוירען מיינע לאַנגע האָר, אַרונטערגענומען מיין ליטעראַרישען קראַוואַט, און אַוועק צו „סעטאַדעני'ן" אויף דער בערזע.

געקומען צו סעטאַדעני'ן, לויפט-צו איינער אַ פּאַרשוין און דערלאַנגט אַ פרעג ראַפּטאָם:

—האָט איהר מאַליאַס?

—וואָס?

—מאַליאַס? פערציג באָמען?

—ניין!

לויפט צו אַ צווייטער און טוט אַ קלאַפּ-אָב גיך ווי אַ רוח:

—האָט איהר אפשר אַ וואַגאָן „מעטאַרמאָפּאָזע"?

ענטפער איך ווייטער:

— ניין!

און אַזוי כסדר: צי האָב איך סערע 98, צי האָב איך קראָבען, מאַרלע, מאָנפּאַסיע, אַלבאָם-פּאַפּיר, מאַשטש פֿאַר רעדער, זייף, טשוועקעס, פּאָדקאָוועס, צי האָב איך טשעקען און ווי טייער האַלט אין מיינע מקומות אַ פֿונט קערענקעס.

קוק איך איחם אָן מסתמא ווי אַ משוגע'נעם: אַ השגה פֿון אַ מענשען, צו פֿרעגען, אריב איך האָב נישט קערענקעס אויפ'ן פֿונט! אַז בסך-הכל בעשטעהט מיין קאַפּיטאַל פֿון אַ קופּאָן „וונוטרעניע" פֿאַר 2 ר. 75, אַ קופּאָן „סוואָבאָדנע" פֿאַר 12 ר. 75. און פֿון אַ פֿינף שאַגעס און חוץ מזה האָב איך נאָך אַנ'עטיקעטעל פֿון לימאָנאַדע, וואָס עמיצער האָט מיר אַריינגעשפּאַרט אָנשטאָט אַ קערענקע — היינט, גער, פערקויף איהם קערענקעס אויפ'ן פֿונט

זעהט ער, ווי איך קוק אויף איהם אַזוי, ווערט ער שוין בייז און שרייט-אויס:

—וואָס-זשע דען האָט איהר? און וואָס דאַרפט איהר?

— וואָס זאָל איך האָבען? — זאָג איך — איך האָב געדיכטען פּאָמען, סאָבאַטען, און דאַרפען דאַרף איך אַ גראַם צו קאַפּעליוש.

ווערט אַ בהלה אַרום מיר:

— געדיכטען? מיר קויפען! גראַם — זאָגט איהר? וויפיל גראַם? סאַלטי-מעריפעריקום אָדער קוואַטי-סאַבאַטאַריקום? געדיכטען זאָגט איהר, אפער האָט איהר שיטערן? און וואָס פאַר אַ מאַרקע?

אין איין מינוט לויפט-צו אַצווייטער און טראַסקעט-אָב מיט איין אָטעם:

— איהר האָט, דאַכט זיך, דערמאָהנט קאַפּעליושען — וועלכע קאַפּעליושען? גאַליציאַנער אָדער דייטשע? האַרטע אָדער שטרויענע? יודען, ס'איז דאָ קאַפּעליושען! האַרטע קאַפּעליושען! שטרויענע קאַפּעליושען! איך קויף! איך נעהם! גיט אַנ'אָרדער ביז מאָרגען!

— איהר האָט טעות!— זאָג איך — דאָס איז נישט קיין אמת'ע קאַפּעליושען. ס'איז אַ וואָרט אַזאַ, וואָס איך קאָן צו איהם נישט געפינען קיין גראַם. איך האָב מורא, אַז איך וועל מיין געדיכטע מוזען מאַכען אָהן גראַמען, נאָר אין ווייסע פערזען.

— וואָס-זשע דרעהט איהר אַ ספּאָדעק? זאָגט-זשע, אַז איהר האָט פערזען, וועלען מיר שמועסען וועגען פערזען.

די גאַנצע בערזע ווערט אויפגעקאָכט, ווי אַ קעסעל: ווייסע פערזען, בעסטער סאָרט, יודען, פערזען! גרינע פערזען, שוואַרצע פערזען! אַ וואַגאָן פערזען! צוויי וואַגאָנען פערזען!

— וואָס, נאַליטשנע? — רוימט שוין איינער מיר אין אויער אַריין — נו, און אַ דובליקאַט? — ס'איז נויטיג צו וויסען. אַהער אייער פערזען! וועלכע פערזען?

—אַלערליי פערזען — זאָג איך — יאַמב, כאָריי, מיט ריימען און אָהן ריימען.

— ווייזט פראָבעס! איך קויף צוויי פוד יאַמב, צוויי זעק כאָריי. אַהער דעם דובליקאַט!

— איך האָב נישט קיין דובליקאַט — זאָג איך — איך האָב אַ מאַנוסקריפּט, אַ פראַגמענט פון אַ גאַנצן ציקעל.

— הערסט אַ מעשה! אַ מענש האָט אַן אוצר מיט סחורה און שווייגט — זאָל זיין מאַנוסקריפּט! ווי טייער אַ פונט מאַנו־סקריפּט? ווי טייער אַ פראַגמענט? שטעהט נור: איהר זאָגט ציגעל — טאָ רעדט-זשע דבורים: וואָסער ציגעל, ווייסע אָדער רויטע, געברענטע אָדער נישט קיין געברענטע?

— יודען, ס'איז דאָ ציגעל! ציגעל!

—ס'איז נישט קיין ציגעל —זאָג איך — דאָס איז אַ ציקעל, אַ סעריע, הייסט דאָס.

— אַ סעריע! וועלכע סעריע? שטאָדטישע, זעמעלנע, וונוטרענע. וואָיענע, קראַטקאָסראָטשנע?

— לאָזט מיך געמאַך! דאָס איז ניט קיין שטאָדטישע און נישט קיין זעמעלנע. דאָס איז פּאָעזיע, ליריק, איהר פערשטעהט? ליריק, שטימונגען, אימפּרעסיעס, טריאָלעטען, אַקאָרדען...

— ליריק איז ליריק! מיר קויפען אַלץ! וויפיעל ליריק?

— דריי וואַגאָן אימפּרעסיע!

— פינף קאַסטען טריאָלעטען!

— טריאָלעטען!

— טואַלעטען-זייף!

— איך האָב אַ קונה! איך גיב, איך קויף, פּאָדאַדקע, אָרדער, דובליקאַט, זאַדאַטעק...

דער עולם האָט מיך שוין נישט געהערט, די גאַנצע בערזע האָט געקאָכט מיט נייע סחורות: פראַגמענט, ליריק, אימפּרעסיעס, יאַמב, ווייסע פערזען, קאַפּעליושען, טריאָלעטען, טואַלעטען-זייף.

רער עולם האָט געפלאַמט, געהושעט, ווי די ביהנען. מקחים זענען געשטויגען ווי אויף הייוען. ס'איז געמאַכט געוואָרען צעהנדליגער „סדעלקעס“. מעקלערס האָבען זיך געריסען מכּח דער מעקלעריי.

דער עולם האָט מיך שיער נישט צוריסען. ווער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געווען געענדיגט! אַ נס, גאָט האָט געהאָלפען, אַן עסקאַדראָן סאָלדאַטען האָבען אַרומגערינגעלט די בערזע און מיך מיט דער גאַנצער כאָפּטע שפּעקולאַנטען אָבגעפיהרט אין מיליציע אַריין.

אַ גלעזל טיי.*)

מיין באַקאַנטער, דער העלד פון דער דאָזיקער הומאָ־רעסקע, הייסט דוד פּאַלומ־שאָק און זיין איז ער זייער אַ קאַרגער.

דאָס שטיקל בייזע לשון הרע מוז איך אייך אויסבערענגען, כדי אין מיין הומאָרעסקע זאָל זיין מער קאָמיזם און עס זאָל מאַכן דעם אמתן רושם.

און וואָס טוט נישט אַ הומאָריסט צוליב אַ וויץ?

בקיצור — ער איז געווען אַ קאַרגער. פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַ צייט פון ברענענדיקן יקרות, ווען די פרייזן וואַקסן פון רגע צו רגע, איז אונזער העלד נישט שוה בשוה און עס קומט ביי אים צו טרויעריקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאָמפּליקאַציעס.

איינע פון די דאָזיקע קאָמפּליקאַציעס וויל איך אייך דאָ באַשרייבן.

שטייט אַזוי אונזער העלד אין אַ שיינעם נאָך־מיטאָג אויפן טעאַטער־פּלאַץ, צווישן די צוויי צוקערניעס „סעמאַדעני״ און „צענטראַלנאַ״ און טראַכט וועגן אַ גלאָז טיי.

הייגט צו מיטאָג האָט ער געגעסן געהאַקטע הערינג און עס דאָרשט אים און עס ברענט אים אויפן האַרצן סכנות נפשות.

שטייט ער אַזוי און טראַכט:

ביי „סעמאַדעני״ האָט שוין הייגט אין דער פרי געקאָסט אַ גלאָז טיי 200 מאַרק, וועל איך גיין אין „צענטראַלני״.

ער קומט אַהין אַריין און פרעגט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט ביים קעלנער: וויפיל ס׳קאָסט אַ גלאָז טיי (אין אַזאַ צייט איז

*) דער מחבר נעמט פון זיך אראָפּ די אחריות, אויב די פרייזן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער דאָזיקער הומאָרעסקע, זענען שוין שטאַרק געענדערט.

דוד פּאַלומעשאָק נאָכמער אויסגערעכנט, פּאָרזיכטיק און פּרעגט צוערשט, אויף יעדער זאַך דעם ריכטיקן מקח).

לאָזט זיך אויס, אַז אַ גלאָז טיי קאָסט שוין דאָ 250 מ.

לאָזט ער זיך אַרויס פון דאָרט און לויפט צוריק צו „סעמאַדעני". זאָגט אים דער קעלנער אָן די בשורה, אַז אַ גלאָז טיי קאָסט שוין 300 מאַרק.

לויפט ער ווידער אַרויס און בלייבט שטיין אין מיטן טעאַטער-פּלאַץ צווישן די צוקערגיעס און ווייס נישט וואָס צו טון.

טראַכט ער און פּאַלט אויף אַ פּלאַן: אויף גזשיבאָוו וווינט אַ ייִד אַ סוחר, זייער אַ באַקאַנטער מאָטע פּשעפּיורקע. ער איז זייער אַ גאַסטפֿריינטלעכער ייִד און דאָס ווייב זיינס, מאַדאַם פּשעפּיורקע, איז אויך אַ גאַסטפֿריינטלעכע און האָט זייער ליב אינטעליגענטן, קאָן מען דאָרט איצט כאַפּן דאָס אמתע גלעזל וואַרעמס, און נאָך מיט אַ צוקערל אויך דערצו. דוד איז דאָרט אָן אָפּטער אַריינגייער און ווייס, אַז איצט איז די צייט פון טיי.

דאַרף מען אָבער אַהין פאָרן מיטן טראַמוואַי, און אַ טראַמוואַי-בילעט קאָסט שוין היינט 200 מאַרק. מען קאָן אַפילו גיין צופוס אויך, נאָר די זויקן קאָסטן היינט טייערער ווי הונ-דערט טראַמוואַי-בילעטן און אַגב ביז וואַנען ער וועט אַהינקומען צופוס, וועט שוין דאָרט זיין נאָכן טיי.

כאַפּט ער אַ טראַמוואַי און פאָרט.

זיצט ער אין טראַמוואַי, דורשטיק און צעשטרייט און קייט דעם טראַמוואַי-בילעט און זיין פאַנטאַזיע טראָגט אים און ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער זיצט דאָס אין דער פריינטלעכער ציכ-טיקער וואַרעמער שטוב ביי זיין פריינט פּשעפּיורקע און די מאַדאַם איז אים מכבד און ער טרינקט דאָס שיינע גלאָז טיי און פאַרבייסט מיט צוקערלעך. און שלינגט צוקערלעך — און שלינגט אַראָפּ דעם טראַמוואַי-בילעט.

קומט אַ קאָנטראָלער: בילעט! נישטאָ קיין בילעט. הייסט דער קאָנטראָליער צאָלן 4 מאָל אַזוי פיל, דינגט ער זיך, העלפט

פּאַנישט, צאָלט ער אָפּ 800 מאַרק און ער טראַכט: „איך וועל דערפאַר טרינקן צוויי גלאָז טיי און מיט אַ סך קאָנפיטורן און מיט אַ סך צוקערלעך. ווען מיר זאָלן רעכנען צו דריי הונדערט מאַרק אַ גלאָז טיי און 1000 מאַרק די קאָנפיטורן וועל איך נאָך אַלץ צו דעם עסק נישט צולייגן.

אַריינקומענדיק צו פּשעפּיורקען אין שטוב, קומט אים אַנט־קעגן די מאַדאַם פּשעפּיורקע אין מאַנטל און הוט, אָנטועגדיק די הענטשקע.

— אַך, פּאַניע פּאַלומישאָק! גאָט האָט אייך געבראַכט. קומט, וועט איר מיך אָפּפירן אויף אַ זיצונג, איך האָב היינט אַן עקסטרא־זיצונג פון אונזער געזעלשאַפט „אָרעמע קינפּעטאָ־רינס". אַגב וועל איך ביי אייך כאַפּן די נויטיקע נדבה. אַ נו לייגט זיך אַרויס מיטן בייטל! מיר דאַרפן אַזוי פיל געלט! אַזוי פיל געלט!

פּאַלומישאָק דינגט זיך. די מאַדאַם וויל טויזנט מאַרק, ער גיט בלויז פינף הונדערט. ענדלעך גייט מען איין אויף אַכט הונדערט און מען פאָרט אויף דער זיצונג.

די מאַדאַם פּשעפּיורקע וויל אַ דראָזשקע. פּאַלומישאָק איז אַ דזשענטעלמען, קאָן ער נישט אָפּזאָגן, רופט ער צו אַ דראָזשקע. קריכט די מאַדאַם אַרויף אויף דער דראָזשקע און ער שטעלט זיך דינגען. עס האַלט שוין דערביי, די מאַדאַם זאָל אַראָפּ פון דער דראָזשקע, נאָר מחמת ער איז אַ דזשענטעלמען ווערט ער מושוה 9000 מאַרק און מען פאָרט.

זיצט ער אין דראָזשקע זייער פאַרזאָרגט און מאַכט אַ חשבון־הנפש: 200 מאַרק אַ בילעט, 800 מאַרק שטראָף־געלט, 800 מאַרק אַ נדבה, 9000 מאַרק אַ דראָזשקע און קיין איין גלאָז טיי האָב איך נישט געטרינקן.

— וועגן וואָס טראַכט איר אַזוי פאַרזאָרגט, פּאַניע פּאַלו־מישאָק?—פרעגט אים די דאַמע.

— אָט, שטימונג... די לעצטע צייט באַהערשט מיך אָפּט אַן אומבאַוווּסטע אומעט־שטימונג.

— איך שעץ זייער אַ מענטש מיט שטימונגען—איז מודה

די מאַדאַם פשעפיורקע.

געקומען צו פאָרן, באַגלייט ער די דאַמע צו דער טיר און אַליין בלייבט ער שטיין אויף דער גאַס און דער מח ברענט אַן אמתער גיהנום. טראַכט ער:

„איך האָב נאָך אַ באַקאַנטן און טאַקע אין דער געגנט. יענער איז גאָר אַ ייִד אַן עושר נאָכן פּענדערזאָן. דאָרט גיט מען טיי מיט ראָם און מיט קאָניאַק, און טאָרט, און טשאַסטעס מיט קרעם. ווען איך כאַפּ זיך אַריין אַהין און טרינק אויס אַזוינע דריי גלאָז טיי מיט ראָם און עס אויף עטלעכע שטיק טאָרט מיט אַ פּאָר טשאַסטקעס, בין איך שוין באַלד אַרויס מיטן קרן".

ער קומט צו זיין באַקאַנטן גביר. יענער וואוינט הויך אַזש אויפן 5-טן שטאָק. נאָר ס'איז דאָ אַ ווינדע. ער זעצט זיך אַריין אין ווינדע, און פּלוצלונג—סטאָפּ! צווישן דעם דריטן און פערטן שטאָק בלייבט די ווינדע שטיין נישט אַהין, נישט אַהער, די עלעקטרי ווערט אויסגעלאָשן, שטאָק פינסטער... הויבט ער אָן טאַפּן אין דער פינסטער, פּאַרלירט ער די בריל און צו-ברעכט אַ גלעזל; הויבט ער אָן רופן צו-הילף ווערט אַ מהומה איבערן גאַנצן קאָרידאָר: קומט צו לויפן דער סטרוזש, לויפט ער און ברענגט דעם זשאַנדצע לויפט דער זשאַנדצע און ברענגט אַ מעכאַניקער און מען שלעפּט מיט גרויס מי אַראָפּ די ווינדע צוזאַמען מיט אינזער העלד אין קעלער אַריין.

בעט דער זשאַנדצע 2000 מאַרק, בעט דער מעכאַניקער פאַר זיין טרחה—3000 מאַרק און דער סטרוזש — 1000 מאַרק. נאָר פּאָלומישאַק דינגט זיך, גייט מען איין אויף 5000 פאַר אַלעמען און גע'פּטרט אַן עסק.

אָפּגעצאָלט די 5000 מאַרק און ער טראַכט:

— איצט וועל איך אויסטרינקען פיר גלאָז טיי: איינס מיט ראָם, איינס מיט מילך, איינס מיט קאָניאַק און איינס מיט ליקער. און טאָרט וועל איך עסן, און טשאַסטקעס מיט קרעם וועל איך עסן. איך וועל נאָך בלייבן דאָרט אויף וועטשערע אויך.

ער לאָזט זיך גיין אַרויף צו זיין באַקאַנטן גביר אויפן

פֿינפֿטן שטאָק.

אויף דעם דריטן שטאָק קומען אים אַנטקעגן דער הערר און פֿרוי פֿענכערזאָן, פֿריינטלעך יום־טובדיק אויסגעפּוצט ווי אַסימילאַטאָרישע אַריסטאָקראַטן, ווען זיי גייען אין סינאַגאָגע.

— אָ, פּאַניע פּאָלומישעק וואָס טוט איר דאָ אין אונזער געגנט? איר גייט אודאי צו אונז... מיר גייען אין טעאַטער אַ שאָד, אַ שאָד...

— ס'שאַדט נישט, ס'שאַדט... שטערט זיך נישט... איך האָב דאָ אַ שטיקל עסק, טאַקי דאָ אויפֿן פֿערטן שטאָק דאַרף איך זיך זען מיט אַ מענטשן—האָט פּאָלומישאָק אָפּגעבראָקט אַ ליגן־עקספּראָמט.

די מאַדאַם האָט פֿאַרדעכטיק אַ שמייכל געטון און דער גביר האָט געזאָגט:

— נו, אויב אַזוי טאָ אויף ווידערזען פּאַניע פּאָלומישאָק. קומט אַמאָל אַריין...

זיי זענען אַראָפּ אונטן און ער איז אַוועק אַרויף אויבן, זיך אַוועקגעשטעלט ביי אַ פֿרעמדער טיר פֿון פֿערטן שטאָק. געליינט און געטאַפּט די מעשענע אויפֿשריפֿט: „דזשייקאָב בלאָף, דאָקטאָר פֿון געהיימע קראַנקהייטן. נעמט אָן פֿון 2—4 און פֿון 6—8".

„אָט פֿאַרוואָס די מאַדאַם האָט געשמייכלט... צו אַלדע רוחות!... איך וועל שוין נישט קענען דאָרטן מער ווייזן די אויגן אַ סוף מיט דעם שיינעם טיי מיט ראָם לעולם ועד.

און נאָך האָט ער געטראַכט:

רבונו של עולם, וואָס טו איך דאָ ביי אַ פֿרעמדער טיר ערגעץ ביי אַ דאָקטאָר פֿון געהיימע קראַנקהייטן?!...

ווען די טריט פֿון הערשאַפֿט פֿענכערזאָן זענען שוין געווען אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן, איז פּאָלומישאָק אַראָפּגעגאַנגען און אַוועק אין הויף אַריין. זיך אומגעקוקט אויף דעם פֿרעמדן קאַסטן הייזער, באַמערקט דעם הויף־פּלומפּ, זיך אונטערגערוקט, אונטערגעבויגן דעם קאָפּ מיטן מויל אַרויף און אָנגעטרונקען זיך מיט קאַלט וואַסער.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס. דער דאָרשט איז געווען געלאָשן, נאָר אַן אומעט, אַ שטילער אומעט האָט גענאָגט ביים האַרצן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דריי טעג אַרום איז פּאָלומישאָק געלעגן מיט אַ פענכער אייז אויפן קאָפּ מיט אַ טערמאָמעטער אונטערן פּאַכווע און מיט אַ לונגען-ענטצינדונג. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אים געקומען פון אַ קאַלטן טרינק.

צו דער סעודה.

(הומאָרעסקע).

וועלוועל באַס, דער מיידעל-לעהרער, האָט שוין פון יאָהרען לאַנג געהאַט אַ חזקה צו זיין צו דער סעודה ביי תּנחום דעם סרסר.

די לעצטע צייט איז וועלוועל אַוועק אויף דער מלחמה, געווען אין פלען, און געקומען נישט לאַנג צוריק אַהיים.

און ווי יענע יאָהרען, פון פאַר דער מלחמה, איז ער אויך היינטיגען פורים געקומען צו זיין אַמאָליגען פריינד תּנחום דעם סרסר צו דער סעודה.

אין שטוב איז אַ חוץ תּנחום'ען קיינער נישט געווען. נישט קיין פרויען, נישט קיין קינדער. וועלוועלען איז די זאַך שטאַרק קשה געוואָרען, נאָר ער איז געזעסען ביים טיש שטיל, חתנ'דיג, מיט אַנ'אָראָבגעלאָזענעם קאָפּ, מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם גרויסען אָבגעריבענעם קאַפּעליוש אויף די אויערן, די שפּיצען פון וועל-כע האָבען אונטער דער משא פון שווערען קאַפּעליוש זיך אַראָב-געבויגען און געטאָרטשעט איןביידע זייטען, ווי אויערלעך פון אַ סאַמאָוואַר. די דאַרע, נישט געראַזירטע באַקען זענען געווען

אַזוי איינגעפאַלען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, זיי זענען אי־נעווייניג צונויפגעקלעבט מיט גומיאַראַביקע.

פון דערפריה אָן האָט ער נאָך גאָרנישט געגעסען, גריי־טענדיג זיך צו דער גוטער סעודה מיט דער רייכער וועטשערע, וואָס ערוואַרטעט איהם היינט אָוועגד אין דעם אַלט-בעקאַנטען הויז. ער געדענקט נאָך די טייערע סעודות פון אַמאָל.

דער בעל־הבית אַליין, תנחום, אַ נידעריג, פול געפּאַקט יודעל, מיט אַ קיילעכדיג פּנים, אַרומגעצוימט מיט אַ רויט בער־דעל, איז אַמאָל געווען אַ נגיד אַ בעל-הבית. די לעצטע צייט, נעבעך, איז ער געוואָרען אַ יורד, זיין שטייף געפּאַקטער גופ׳ל איז אויך לויזער געוואָרען און אָבגעלאָזען, און אַז ער געהט, טרייסלען זיך איהם די באַקען.

ער איז אומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, געזוכט אין די שופלאָדען, אין די שאַפעס אַ ביסעל טאַבאַק צו פערדרויכערן, און פון צייט צו צייט צוגעוואָרפען דעם גאַסט אַ ווערטעל:

—געווען אויף דער מלחמה, הייסט עס, האַ? האָסט מסתמא אַ סך מעשות צו דערצעהלען פון דער מלחמה?

וועלוועל האָט דוקא נישט געהאַט קיין גרויסען חשק צו רעדען איצט וועגען מלחמה. איהם האָט אַלץ געעגבערט אין מוח: וואו איז די בעל־הבית׳טע? און פאַרוואָס איז דער טיש נישט געגרייט? איהם איז אייגעפאַלען, אפשר איז היינט גאָר־נישט פּורים? אפשר איז עס נעכטען געווען. נאָר דאַכט זיך, אַז פאָרט היינט. היינט האָט מען געלייענט די מגילה. נאָר־וואָס האָט ער געזעהן טראָגען שלח-מנות. און אפשר איז עס געווען נעכטען. מעגליך, אַז צוליב זיין גרויסען הונגער שטעהט איהם אַ נעבעל אין קאָפּ און מען פערלירט דעם חשבון אין צייט.

און ער זאָגט אַזוי זיך, לשם אינפאָרמאַציע וועגען:

—אַ וואַרימער פּורים היינט. ווי מיינט איהר, ר׳ תנחום?

—אַ וואַרימער, אַ וואַרימער. זעהר אַ שענער פּורים היינט,— האָט דער בעל-הבית געענטפערט, צוזעצענדיג זיך נאָהנט צו זיין גאַסט.—ס׳ווייב מיט די קינדער אַוועק שפּאַצירען. פון דאָרטען וועלען זיי געהן צו איהר ברודער אויף דער סעודה. דו קענסט

איהר ברודער, מיין שוואָגער, מענדעל האַלצהענדלער. אַריין אין די פעדערן! אָנגעשפּעקולירט זיך ווי אַ גוטער חזיר! איך האָב איהם פיינט. אַנומעלט זיך צעווערטעלט. פון דאַמאָלס אָן איז מיין „זוואַניע״ ביי איהם נישטאָ. האָסט געלד—איז דיר גוט. מיט מיר אָבער ביסטו קיין מחותן נישט. איך בין מיר אַן׳אָרי-מאַן, נאָר איך שפּיי אויף דיר מיט דיין געלד אינאיינעם.

ער האָט אַ האַסטיגען שפּיי געטון אַזש צו דער טיר און ווייטער געזאָגט:

—זיי האָבען געוואָלט, איך זאָל מיט זיי אויך מיטגעהן, נאָר ווי לאַנג קרענקט ער, אַז איך זאָל געהן צו איהם אויף דער סעודה. איך קאָן מיר בעשטעהן צו זיצען אינדערהיים אָהן אַ סעודה.

וועלוולען האָט זיך פון די לעצטע ווערטער אַ ביסעל פער-דרעהט דער קאָפּ, עפּיס האָט זיך ביי איהם ווי אינווייניג אָב-געריסען.

—אַ סעודה! אַ מכה וועט דער אויפגעקומענער חזיר אַזוי פּראַווען אַ סעודה, ווי איך האָב געפּראַוועט פאַר דער מלחמה. געדענקסט, וועלוועל, מיינע אַ פּורים-סעודה? אַ סעודה כסעודת שלמה. די פלעגסט דאָך זיין ביי מיר יעדען פּורים. ווייסט דאָך, עה, הע, הע! געדענקסט אונזערע האָמאָנטאַשען. אונזערס אַ האָ-מאָנטאַש האָט דאָך גע׳שמ׳ט אויף דער גאַנצער שטאָדט. דו, וועלוועל, פלעגסט דאָס זיך אַוועקזעצען ווי אַ שררה און מיין ווייב פלעגט עס דיר דערלאַנגען דעם גרויסען פרישען שמעקע-דיגען, אויסגעבאַקענעם, פערברוינטען האָמאָנטאַש, מיט די סך מאָן אין דער מיט. און וועלוועל פלעגט דאָס קנייפּען דעם האָ-מאָנטאַש און פּאַקען אין פּיסק אַריין, מיין מאָן פלעגט זיך דאָס שיטען! זיסער, זאַפטיגער מאָן. אויפ׳ן טישטוך מאָן, אויף די ליפּען מאָן, נישטאָ וואו זיך אַהינצוטון פון דעם מאָן! דערנאָך די פיש! די געפּעפּערטע פיש מיט רייז און זאַפערן! די דינסט, געדענקסט דאָך זי, סטאַניסלאַווא, נישטאָ זי שוין היינט. שוין אַ האַלב יאָהר, אַז איך זיץ אָהן אַ דינסט. די דינסט פלעגט דאָס אַרויפטראָגען דעם גרויסען אָפּלומעשאָק געפילטע פיש, „וועלווע-

לע, אַ וועלכן חלק ווילסטו?״ וועלוועל וויל אַ מיטעל-שטיקעל. זאָל זיין אַ מיטעל-שטיקעל. וועלוועל וויל מיט רויג, זאָל זיין מיט רויג, מען זשאַלעוועט דיר דען? הע, הע, הע, וועלוועל פּאַקט עס דעם פרישען האָמאָנטאַש מיט די גוטע פיש, אַז אַ רויך געהט!..—שאַ! און דעם שנאַפּס האָסטו פערגעסען? די וואוילע קאַפּעטשקע. אַ גלעזעלע קאָניאַק, ווישניק, נאַסטאָיקע. ביין, וועלוועל האָט פיינט די צערעמאָניעס. וועלוועל וויל אַ ריין ביסעל ספּירטעס. נאַ, אָט האָסטו, פאַרהאַן ברוך השם, פלאַשען ווי די ראָטעס סאָלדאַטען. אַ כוסה נאָך אַ כוסה: פאַר די פיש, צווישען די פיש, און נאָך די פיש. ביי וועלוועלען פינקלען די אויגלעך. ע, ע! אַי, גנב!.. איצט טראָגט מען די קרעפּלעך. עס באַקט. די קרעפּלעך צופּאַלען אין מויל, עס בריהט. האַ, האַ, האַ!... און דאָס פלייש? דאָס ווייב פרעגט: וועלוועל, וועלכע פלייש געבען אייך? רינד-פלייש צי הון? וועלוועל פּיעסצשעט זיך ווי אַ בן-יחיד. וועלוועל איז דאָך אַ גאַסט. וועלוועל זאָגט: איהם איז אַלץ איינס, ער וויל ביידע. אַי, גנב!

וועלוועל ציהט אויס דעם האַלז, מאַכט אַ מאָדנע מינע און שלינגט אַראָב דאָס שפּייעכץ. די הענד ציטערן איהם. ביי דעם בעל-הבית צושפּילען זיך די אויגלעך די בעקלעך פלאַמען און גיסען זיך צוזאַמען מיט׳ן רויטען בערדעל. און ער רעדט ווייטער:

—דערנאָך דאָס גלעזעלע וויין מיט דעם טייערן מערען-צימעס, מיט דעם עפּעלע, מיט דעם פּאָמעראַנצעל. געדענקסט די פּאָמעראַנצען? אויפ׳ן קויש פלעגען מיר זיי קויפען, ווי קאַרטאָפעל, הלואי האָבען מיר היינט אַזויפיל קאַרטאָפעל... עך, עך, עך, פערזינדיגט. און וועלוועל איז נישט קיין נאַר, ער לאָזט זיך נישט בעטען. שיילט די פּאָמעראַנצען און שלינגט זיי ווי קניידלעך. שלינג דיר געזונטערהייד, מען זשאַלעוועט דען דיר?.. און ווידער אַמאָל אַ ביסעל וויין, דער אמת׳ער ווימאַראָזעק און פערביסען מיט אַ שטיקעל געפּילטען טאָרט פון עמיצענס אַ שלח-מונת. עס קוויקט, עס צוגעהט אין אַלע אברים.

בײַ װעלװלען װערט פּלוצלונג װײַס דער שפּיץ נאָז. די אונטערשטע פּערטריקענטע ליפּ פֿאַלט אַרונטער. ער גיט זיך אַ װאַקעל און פֿאַלט אַנידער. אין אַ מינוט אַרום איז װעלװעל געלעגען אויף דער קאַנאַפּע און דער בעל-הבית האָט אים געמינטערט און געשפּריצט אויף אים מיט קאַלטען װאַסער פֿון מויל.

רעטעכלעך מיט סמעטענע.

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

דאָס איז געווען אין די ערשטע צייטן פון מיין אָנקומען קיין פוילן. די פוילישע שפראַך האָב איך נאָך דעמאָלט באַהערשט זייער שוואַך. ס'הייסט, מען קאָן נישט זאָגן זייער שוואַך. אַ ביסל האָב איך שוין גערעדט, פאַרשטאַנען, נאָר אַזוי, למשל, באַהערשן די שפראַך ווי עס האָט באַהערשט, אַ שטייגער, מיצקעוויטש אָדער וויספּיאַנסקי — האָב איך נישט געקאָנט בשום אופן.

עס איז אויך געווען אין פרילינג־צייט. דאַן, ווען עס בליען פאַזשיאָמקעס מיט סמעטענע, נייע דורכזיכטיקע קאַרטאָפעלעך מיט זויער־מילך, פרישינקע אוגערקעלעך און קיילעכדיקע רויטינקע רעטעכלעך.

צו די לעצטע האָב איך שטענדיק געפילט אַ באַזונדער סימפּאַטיע. און אויב עמיצער האָט גערעדט אויפן פרילינג, האָב איך אויף אים געוואַרט בלויז צו ליב אָט דעם דאָזיקן טייערן מאכל — רעטעכלעך מיט סמעטענע.

מיין פּאָעטישע נשמה.

שטיי איך אַזוי דעמאָלט נעבן אַ מילכיקס־רעסטאָראַציע און טראַכט אַ טיפע מחשבה.

„אַ יושר אַהער אַריינצוגיין און אויפעסן אַ גאַנצע פּאָרציע רעטעכלעך מיט סמעטענע. איז אָבער אַ צרה, איך ווייס נישט, ווי אַזוי הייסן זיי, אָט די רעטעכלעך, אויף פּויליש.

געשעט אַ נס און עס גייט פאַרביי מיינער אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, וואָס איז שוין לאַנג אין פוילן און רעדט שוין פּוילִיש ווי אַ וואַסער. גיב איך אים אַ שטעל אָפּ:

—גוטער ברודער, טייערער פריינד! דער אויבערשטער האָט

דיך געבראַכט אַהער! צי ווייסטו נישט, ווי הייסן זיי, אָט די קליינע רויטינקע רעטעכלעך אויף פּוליש?

—איך ווייס, פאַרוואָס זאָל איך נישט וויסן – ענטפערט ער— זיי הייסן „רזשאָטקעווקי“. אַזוי הייסן זיי.

—רזשאָטווי?

—רזשאָטקעווקי, רזשאָטקעווקי.

—רזשאָטקעווקי? אַ שווער וואָרט, ווי זאָל איך עס געדענקען? מען דאַרף האָבן אַ סימן, אַ ראשי תבות, אַ גמטריה. רזשאָט — קעוו — קי, שטיי נאָר צו־וואָס פאַר אַ וואָרט איז עס ענדלעך? דאַכט זיך, איך האָב עס!... מאַראַן אַ פּסוק אַזאַ, אַ ליד ביי פּושקינען: „טשטאָ טי רזשאָש, מאָי קאָן רעטיווי, טשטאָ טי שעיו אָפּוסטיל?“ וואָס הירזשעסטו מיין היציק פערדל, וואָס האָסטו דעם האַלז אַראָפּגעלאָזט? „רזשאָש“ — דו הירזשעסט, בלשון נוכח, „רזשאָט“ — ער הירזשעט בלשון נסתר. רזשאָש, רזשאָט, רזשאָטקעווק... אויסגעצייכנט! איך וועל שוין געדענקען, אַ דאַנק. אַ גרויסן דאַנק דיר.

און בין אַריין אין רעסטאָראַציע. שפּרינגט אונטער אַ קעלנער:

—פּראָשען?

—פּראָשען — זאָג איך — דאַט מניע ע—ע... סמעטאַנאַ ז... ז... אַרויסגעלאָפן דאָס וואָרט פון קאָפּ און ואיננו. און דער פּסוק? וועלער פּסוק, וועלן פּסוק? אַרויסגעפלויגן פון מח. אַלץ מיט אַנ׳אַנדער.

ז׳פּאָזשיאָמקאָמי! — בראָק איך אַרויס ראַפּטום, אַבי פּטור צו ווערן פון קעלנער, וואָס שטייט איבער מיין קאָפּ. זאָל זיין מיט פּאָזשיאָמקעס. מילא.

זיץ איך און האָב פּאַראיבל אויף זיך אַליין. היתכן? אַ מענטש זאָל נישט געדענקען קיין וואָרט? נאָר־וואָס געוואוסט, איז פּלוצלונג אויס, ווי אויסגעפּרוירן. איצט וועל איך דאַרפן עסן פּאָזשיאָמקעס מיט סמעטענע אָנשטאָט רעטעכלעך מיט סמעטענע, פּאָזשיאָמקעס איז אויך אַ גוטער מאכל, אָבער צו רעטעכלעך קומט עס נישט... שטיי־זשע, ווי־זשע פּאָרט הייסן זיי די רעטעכלעך אויף פּוליש? כּדאי צו דערמאָנען זיך, עפּעס האָב איך

דאָך געהאַט אַ פּסוק אַזאַ פון פּושקינען. אַהאַ!... „טשטאָ טי דזשאָש, מאָי קאָן רעטיווי"... וואָס הירזשעסטו מיין היציק פערד. „רזשאָש–דו הירזשעסט בלשון נוכח. „רזשאָט" - ער הירזשעט בלשון נסתר, רזשאָט „רזשאָט", – רזשאָטקעווקי. אַזוי הייסט עס: „רזשאָטקעווקי". דאַרף מען הייסט עס גוט איינחזרן: רזשאָטקעווקי, רזשאָטקעווקי, רזשאָטקעווקי....

לויפט אָן דער קעלנער מיט אַ טעלער פּאָזשיאָמקעס מיט סמעטענע און איז מיר מבלבל מיינע רעיונות.

מאַך איך זיך אַ תּמעוואַטע מינע און האָב נאָך צו אים טענות:

–איך האָב נישט געבעטן קיין פּאָזשיאָמקעס מיט סמעטענע, נאָר ע – ע... „סמעטאַנאַ" מיט... מיט...

ווידער אַרויסגעפלויגן דאָס וואָרט פון קאָפּ. פאַרגעסן און שריי חי וקים.

און דער קעלנער שטייט איבער מיין קאָפּ און וואַרט.

–זשאָגורקאַמי! פּראָשען פּאַנאַ. איך האָב געבעטן מיט אוגערקעס. – שיס איך אויס ראַפּטום, און דער קעלנער קוקט מיך אָן, ווי אַ בייז וואונדער און קנייטשט מיט די פּלייצעס.

–טאַק, טאַק, פּראָשען פּאַנאַ, זשאָגורקאַמי. – מיט אוגערקעס. – זאָג איך.

דער קעלנער גיט זיך האַסטיק אַ דריי אויס און פאַרשווינדט און איך בלייב ווידער זיצן און מאַך זיך אַליין אויסצודרייען: אַ מענטש זאָל נישט קאָנען געדענקען פון דאַנען אַהין. אַ קעצישער מוח! אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ! נישט געדענקען אַ פּשוט וואָרט. און נאָך מיט אַ פּסוק דערצו, שטיי נאָר, וואָס פאַר אַ פּסוק? אַהאַ, איך געדענק שוין: „טשטאָ טי רזשאָש, מאָי קאָן רעטיווי". וואָס הירזשעסטו, מיין טייער פערד?! רזשאָש איז דער טייטש „דו הירזשעסט" – בלשון נוכח, בלשון נסתר וועט זיין „רזשאָט" – ער הירזשעט, רזשאָש – רזשאָט – רזשאָטקעווקי...

איך פאַרמאַך די אויגן מיט די פינגער ווי אַ פרומער ייד צו „אחד" און צושאָקל זיך מיט גרויס עמקות און חזר פאַרזיך:– רזשאָש – רזשאָט – רזשאָטקעווקי! רזשאָש – רזשאָט – רזשאָטקעווקי.

דער קעלנער איז ווידער דאָ מיט אַ טעלער אוגערקעס מיט סמעטענע.

„ניין — טראַכט איך — אַז איך ווייס שוין אַזוי גוט!" דאָס וואָרט ווי רעטעכלעך הייסן אויף פויליש, וועל איך קיין אוגערקעס נישט עסן. האָט איר געהערט אַ ביסל אַ מאכל אוגערקעס מיט סמעטענע. און איך שטעל אָן אויף מיין קעלנער אַ פאַרדראָסלעך פּנים און זאָג מיט אַ טאָן פון אַ באַליידיקטן,

—ניע, כּראָשען פּאַננאַ. דער פּאַן האָט שוין ווידער געהאַט אַ טעות. איך האָב דען געבעטן אוגערקעס? איך האָב דאָך ע — ע... געבעטן „סמעטאַנאַ מיט... מיט...

דאָס וואָרט איז ווידער נעלם געוואָרן, כאָטש נעם און טו זיך אָן אַ מעשה.

—ז'קאַרטאָפּלאַמי! — שיס איך אויס ווי אַ ביקס. אַבי אַ סוף זאָל עס נעמען — טאַק, טאַק! יאַ פּראָשילעם ז'קאַרטאָפּלאַמי, א פּאַן מניע דאַיע ז'אָגורקאַמי. כע, כע, כע... דער פּאַן קעלנער איז זייער אַ צושטרייטער.

דער קעלנער ווערט שוין בייזלעך, גיט אויף מיר אַ פאַרדעכטיקן קוק און פאַרשווינד.

איך זיץ און נעם זיך אַליין דאָס לעבער: לא יוצלח, וואָס דו ביסט! שלים־מזל! פערדישער קאָפּ! אייזל! אַ פּשוט וואָרט קאָן מען דיר נישט אַריינדאַלבן אין קאָפּ אַריין. נו, איצט וועסטו עסן קאַרטאָפל און נישט קיין רעטעכלעך! און אַלץ, ווייל דו ביסט אַ חמור מיט אַ קעצעשן זכרון... ווי־זשע איז עס פאָרט דאָס וואָרט!? שטיי נאָר ווי איז דער פּסוק? אַהאַ! „טשטאָ טי רזשאָש, מאָי קאָן רעטיווי!" וואָס הירזשעסטו, מיין טייער פערד! רזשאָש — דו הירזשעסט, רזשאָט — ער הירזשעט. רזשאָש — רזשאָט — רזשאָטקעווקי...

און איך צושאָקל זיך מיט גרויס התמדה און חזר כּמעט אויפן קול:

—רזשאָש- רזשאָט — רזשאָטקעווקי, רזשאָש— רזשאָט — רזשאָטקעווקי.

אַ פּאָר געסט, וואָס זיצן נעבן מיר, רוקן זיך אָפּ אין שרעק

און זעצן זיך איבער אויף אַנ'אַנדער טישל. דער עולם אַרום קוקט מיך אָן אונרואיק און מורמולט עפּעס.

דער קעלנער קומט אָן מיט אַ טעלער סמעטעטע מיט קאַרטאָפלעס.

איך וואַרף בלומרשט אַ זער פאַרוואונדערטן בליק אויפן טעלער קאַרטאָפל, דערנאָך אויפן קעלנער און זאָג מיט פאָרוואורף:

—פּראָשען פּאַנאַ! וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ רעסטאָראַן? שוין דאָס דריטע מאָל, אַז איר גיט מיר נישט דאָס, וואָס איך באַשטעל. איר גיט מיר פּאָזשיאָמקעס, קאַרטאָפל, אוגערקעס און נישט וואָס איך וויל, אַז איך בעט גאָר ע—ע יענס... און איר גיט מיר — קאַפּויר... איך האָב געבעטן... ווי הייסט עס... צו אַלדע רוחות!... יאָ... איך האָב אייך געבעטן אויסדריקליך... הירזש! הירזש האָב איך געבעטן! מיין איך... יאָ, „טשטאָ טי רזשאָש, מאָי קאָן רעטיווי!” רזשאָש — דו הירזשעסט, רזשאָט ער הירזשעט. רושאָט, רזשאָטקעווקי. טאַק! טאַק! רזשאָטקעווקי! רזשאָטקעווקי!

איך האָב אַזש אָנגעהויבן טאַנצן פאַר שמחה:

—רזשאָטקעווקי! רזשאָטקעווקי! —

—פּאַן יעסט וואַריאַט! — האָט דער קעלנער אַרויסגעשריען. — ווינאַסשיען פּאַן! — ס'הייסט, איך זאָל זיך אָפּטראָגן.

רינגלען מיך אַרום אַלע קעלנער מיט אַ טומל:

—אַ וואַריאַט! אַ וואַריאַט!

קומט צו דער בעל־הבית און הייסט מיך אַרויסוואַרפן. ווערט אַ סומאַטאָכע.

שטויסט מען מיך אַרויס אויף דער גאַס אַרויס, ווערט אַ רעדל, קינדער שרייען:

—אַ משוגענער! אַ משוגענער!

אַ נס איז געווען, אַ מיליציאַנט האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון עולם און מיך אָפּגעפירט אין צירקל אַריין. ווער ווייסט אין וועלכן משוגעים־הויז איך וואָלט שוין געווען יעצט אָנגעשפּאַרט.

פון דאַן אָן פיל איך אַ שנאה צו רעטעכלעך מיט סמיטענע.

אַ מעשה מיט דאָלאַרן.

אין אַ ביליגן קאַפע-הויז האָב איך אים באַגעגנט. אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט אַ לאַנגן ניש--געראַזירטן פּנים, פון וואָס די איינגעפאַלענע באַקן זענען געווען שוואַרץ ווי ביי אַ טאָטער. ער איז געזעסן אין צולעכערטן אַלטן קאַפּעליושל און אָפּגעטראָגענעם מאַנטל און מיט לאַנגזאַמע קליינע זופּעלעך געטרונקען טיי.

פון אונטער דעם אויפגעשטעלטן אָפּגעריבענעם מאַנטל-קאָלנער האָט אַרויסגעקוקט אַ דאַר העלזל מיט אַ שפּיציקן גאָרגל און אַ ברודיקן קאָלנער, אָן אַ קראַוואַט.

און ווי לאַנגזאַם ער האָט דעם טיי נישט געטרונקען, האָט זיך דער טיי אין גלאָז דאָך געענדיקט, און דער יונגערמאַן איז געבליבן זיצן זייער באַטריבט, מיט קיילעכדיקע טרויריקע אויגן, ווי ביי אַן אבל.

פון צייט צו צייט האָט ער שווער אָפּגעזיפצט, אָפּט געכאַפּט זיך מיטן האַנט צום ברוסט און געקרעכצט.

איך האָב באַשלאָסן אים אַ פרעג צוטאָן.

—ענטשולדיקט, יונגערמאַן — זאָג איך — עס איז נאַטירלעך נישט מיין געשעפט צו קריכן יעגעם אין דער נשמה אַריין, נאָר איך קען נישט צוזען אייער צער. איך זע, אַז איר האָט עפּעס אַ גרויסן עגמת-נפש. קענט איר מיר נישט זאָגן וואָס דאָס איז? איך ווייס, אפשר קען איך אייך מיט עפּעס באַהילפיק זיין.

צוערשט האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט חשד. נאָר געפינענדיק, אַז איך בין מיט מיין פראַגע האַרציק און אויפריכטיק, האָט ער זיין שטול צוגערוקט נאָענט צו מיר. אַרומקוקנדיק זיך מיט גרויס פאָרזיכטיקייט אין אַלע זייטן, האָט ער זיך אָנגערופן.

—איך וועל אייך דערציילן דעם גאַנצן אמת. איך זע, אַז איר זענט אַן ערלעכער מאַן. איר האָט געפונען מיין צוטרוי און

כ׳וועל זיך פאַר אייך אויך פאַרטרויען. איך האָף אָבער, אַז דאָס וועט בלייבן בסוד צווישן אונז ביידען, און אגב וועל איך אפשר ביי אייך געפינען די ריכטיקע עצה אין מיין צרה.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך — וועל איך אייך זען דינען, ווי ווייט איך וועל נאָר קענען.

— יאָ, מיין פריינד, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ דערשלאָ-גענער שטימע, — איך האָב, נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ גרויסן עגמת נפש.

— געשטאָרבן ביי אייך עמיצער, חלילה, זאָג איך — אַ קינד, צי ווער?

— ניין. איך האָב נאָך קיין ווייב נישט און קיין קינדער נישט.

— איר האָט, מסתמא, פאַרלוירן אַ שטעלע, אַרבעטסלאָזיקייט — וויל איך טרעפן

— ניין.

— עפּעס אַ קראַנקהייט?

— אויך נישט.

— וואָס דען זשע?

— צוליב דאָלאַרן.

— עס פעלט אייך אויס אַ פּאָר דאָלער?

— ניין, אדרבא, מיינע צרות נעמען זיך דערפון, וואָס איך האָב דאָלאַרן.

— ווייל איר האָט דאָלאַרן?

— יאָ, ווייל איך האָב דאָלאַרן.

איך האָב שטילערהייט געכאַפּט אַ קוק אַרום, צי זענען דאָ נאָך געסט אין קאַפע-הויז, מחמת, ווער ווייסט, צי האָב איך נישט צו טאָן מיט עפּעס איינעם, וואָס איז נישט אינגאַנצן ביי די קלאָרע געדאַנקען און וועט מיך באַלד כאַפּן ווערגן.

דער יונגערמאַן האָט אָנגעהויבן צו דערציילן:

— מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך געקומען אַהער קיין וואַרשע. געקומען פון אַ קליין שטעדטל, אָן פריינד און אָן אַ גראָשן אין קעשענע. וואָס איך בין דאָ אויסגעשטאַנען, איז איבעריק צו דערציילן. נישט געהאַט ממש אויף קיין שטיקל ברויט.

אומגעשלעפּט זיך איבער די גאַסן אָן אַרבעט. נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ צוצושפּאַרן, די איינציקע שטיקל קענטעניש, וואָס איך האָב געבראַכט פון דער היים איז געווען לשון קודש, נאָר גיי זוך לעקציעס אויף העברעאיש אין אַ שטאָט, וואו קיינער קען דיך נישט, און קיינער ווייסט דיך נישט.

און פּלוצלונג דאָ נישט לאַנג קומט מיר אָן פון מיינעם אַ קרוב אין אַמעריקע גאַנצע 5 דאָלאַר! גאַנצע 5 דאָלאַר! און דאָ הויבן זיך אָן מיינע יסורים.

ער האָט אַרויסגענומען אַ קאָלירטע נאָז־טיכל, אָפּגעווישט דעם שווייס, אויסגעזופּט דאָס לעצט ביסל קאַלטע טיי פון גלאָז און ווייטער גערעדט.

— ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאָלאַר, האָב איך גלייך אויס־געביטן אויף פּוילישע מאַרקן און לעב דערמיט עד היום. און די איבעריקע פיר דאָלאַר זענען ביי מיר געבליבן. האָב איך גענומען טראַכטן וואו טוט מען זיך אַהין דערמיט. עס איז דאָך עפּעס נישט אַבי־וואָס פאַר אַ געלט, נאָר דאָלאַרן. אמתע דאָלאַרן!

וואו באַהאַלט מען עס? אויף קיין דעפּאָזיט נעמט עס קיין שום באַנק נישט אָן. און דאָ קומען אַלע ווילדע נייע גזירות. דאָ מעג מען האַלטן דאָלאַרן און דאָ טאָר מען נישט האַלטן קיין דאָלאַרן. היינט מעג מען, מאָרגן נישט. מאָרגן מעג מען, איבערמאָרגן — נישט. היינט כשר, מאָרגן טריף. היינט אָבלאַוועס, מאָרגן אַרעסטן; מען כאַפּט דיך און מען באַזוכט דיך און מען נעמט ביי דיר צו די עטלעכע דאָלאַר, אַז קיין האָן גיט נישט קיין קריי. און אַז מען מעג שוין האַלטן ביי זיך דאָלאַרן מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַ גוטע זאַך? איר האָט עפּעס ליב צו טראָגן געלט אין קעשענע? ביי מיר איז עס אַן אָפּקומעניש, אַ גיהנום, אַ לאָך אין האַרצן. ס'איז גלייך, ווי איך זאָל מיך אַרומטראָגן מיט אַ שלאַנג אין קעשענע, מיט אַ באָמבע, וואָס דאַרף באַלד אויפרייסן... אַלע ווילע מוז איך זיך כאַפּן צום בוזעם־קעשענע. און זאָל איך צום מאָמענט נישט אָנטאַפּן דאָס געלט, פאַלט מיר דאָס האַרץ איין. עס גיט מיר אַזאַ טיאָכק אין האַרצן, אַז איך חלש שיער אויפן אָרט. איך ווייסט נישט

ווי ביי לייטן, נאָר מיר דוכט, אַז עס איז קיין ערגערע זאַך נישטאָ אויף דער וועלט, ווי אַרומטראָגן זיך מיט געלט, בפרט נאָך מיט דאָלאַרן! מען זאָגט, אַז עס זענען דאָ מענטשן, וואָס טראָגן זיך אָרום מיט צענדליגער דאָלאַרן. אסור אויב איך ווייס ווי אַזוי זיי קענען דאָס אויסהאַלטן. נישט אַנדערש זיי מוזן האָבן הערצער ווי שטיינער, גזלנישע הערצער.

מאָלט אייך, אַז איך האָב די פיר דאָלאַר ביי מיר גוט איינגענייט אין מלבוש. טאַקי פשוט איינגענייט מיט אַ נאָדל באַוול, נו, איז מען שוין דען זיכער, מיינט איר, מיטן קאַפּי־טאַל? קען מען דען נישט אויסשניידן? פאַראַן ביי אונז אַזעלכע בייטל־שניידער וואָס געפינען אויס, וואו איר האַלט דאָס געלט פאַרנעמט און שניידן עס אויס מיט אַ בריטווע. כיק — און פאַר־טיק... בפרט נאָך דאָלאַרן וועלן זיי אודאי אויסגעפינען. איך בין זיכער אַז מען שפּירט מיר נאָך...

— קענט איר נישט געפינען — זאָג איך — עפּעס אַ באַקאַנטן, אַ פריינד, וואָס האָט אַן אייזערנעם שראַנק, אַ קאַסע אַזאַ אַן אייזערנע, וואו איר זאָלט קענען אייער געלט האַלטן?

— וואָס רעדט איר? מיט אַן אייזערנע קאַסע איז דען היינט זיכער? ביי אונז זענען דאָ אַזעלכע ספּעציאַליסטן, וואָס שניידן אייזערנע קאַסעס ווי פּאַפּיר און ברעכן פייער־שראַנקען ווי שערבלעך. וועל איך אָנטרויען מיינע פיר דאָלאַר אַן אייזערנע קאַסע? אַזוי ווייט משוגע בין איך נאָך נישט.

— אפשר — גיב איך אים ווידער אַן עצה — אפשר איז אַ סברה, אַז איר זאָלט אָפּזוכן עפּעס אַ באַקאַנטן סוחר, אַ גביר, אַן ערלעכן מאַן, און איר זאָלט אים אָפּגעבן אייערע פיר דאָ־לאַר אַלס הלוואה. איר וועט נאָך באַקומען פּראָצענט אויך.

— איר וואָלט אָנגעטרויט? — מאַכט ער מיט אַ מינע פון פאַראיבל — מילא, זענט איר אַ העלד, „אַ סמעליאַק”! איך וואָלט אסור עמיצן אָנגעטרויט, אָן עין הרע, אַזאַ סומע. ווייל ס'איז נישטאָ היינט וועמען צו טרויען. די גאַנצע וועלט איז גנבֿ. פול מיט רציחה, מיט גניבה, מיט גזילה און מיט אָנזעצער... מנע, — גיט ער צו מיט אַ טאָן פון גרויס פאַרצווייפלונג, — ס'איז אַזוי

שלעכט און אַזוי שלעכט... ביטער ווי דער טויט. נישט אומ־זיסט גיי איך ארום חושך ווי די ערד...

— איז ווי זשע וועט זיין? פרעג איך.

— איז טאַקי נישט גוט, — ענטפערט ער און כאַפּט זיך ביים האַרצן, — אַז עס איז באַשערט עמיצן פאַרשוואַרצט צו ווערן איז דאָך נישט שייך.

— ווי איך זע — זאָג איך — האָט איר עפּעס אַ ווייטאָק, אַ חלאַת, אָ האַרץ־פעלער, מחמת אַלע ווײַלע כאַפּט איר זיך ביים האַרצן.

חס וחלילה? וואָלט איך אַזוי נישט געהאַט קיין דאגה וואו אַהינצוטאָן מיינע פיר דאָלאַר, ווי איך האָב קיין קרענק נישט. פשוט דאָס כאַפּ איך זיך אַלע ווײַלע צום בוזעם־קעשענע צו זען, צי מיינע פיר דאָלאַר ליגן נאָך דאָרטן גאַנץ. עס איז שוין ביי מיר אַזאַ געוואוינהייט געוואָרן... אַלע ווײַלע כאַפּ איך זיך צום בוזעם-קעשענע. דאָרט איז ביי מיר פאַרנייט מיינע פיר דאָלאַר און מען מוז אַלע ווײַלע אָנטאַפּן. ווייל מען קען אַ פּנים וויסן מיט וועמען מען זיצט היינט? אָט זעט איר זיך אָן פאַר אַן ערלעכן מענטשן. איר זיצט, איר רעדט, איר גיט עצות, און דער גוטער יאָר ווייס אייך... עס איז דאָך עפּעס וואַרשאַצקע, אַ שטאָט פול מיט באַנדיטן, בייטל־שניידער, מעסער־שטעכער, אַלע ווײַלע אָנפאַלן. אַפילו אויף די באַנען איז מען דאָך נישט זיכער... ביינאַכט האָב איך שוין לאַנג אויפגעהערט צו גיין אין גאַס און אַז איך גיי, גיי איך נאָר דורך דער „גלאַוונער" גאַס. אקאָרשט אָוונט פלי איך שוין אַהיים און פאַר־שפּאַר זיך אין מיין צימער. אַז איך לייג מיר שלאָפן, לייג איך מיין זשילעטקע מיט דעם איינגענייטן געלט אונטערן קישן, צו־קאָפּנס... פאַרריגל די טיר אויף זיבן ריגלען און פונדעסטוועגן בין איך שטענדיק אין שרעק. איך שלאָף און שלאָף נישט... יעדע מינוט כאַפּ איך זיך אויף ווי אין אַ קאָנוואולסיע און טאַפּ אונטערן קישן... גלויבט מיר, עס קאָסט מיר געזונט, נאָר וואָס קען מען העלפן, אַז מען פאַרמאָגט אַזאַ קאַפּיטאַל מוז מען ליידן. דאָס איז דאָך עפּעס דאָלאַרן... מנע, ווי איך זע וועל איך שוין

פון אייך קיין רעכטע עצה נישט האָבן. טאָ בעט איך אייך, איר זאָלס כאָטש פאַר קיינעם זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, אַז איר האָט געזען אַ יידן, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ מאַטניאַ מיט דאָלאַרן! וואָרים עס איז דאָך עפּעס וואַרשע. אַ שטאָט מיט גנבים, באַנדיטן, בייטל־שניידער, מעסער־שטעכער... נו, האָס מיר אַ גוטן. עס ווערט שוין שפּעטלעך. מען מוז פליען אַהיים. אַ גוטע נאַכט.

סתם־זאַכען

וואָלט געווען אַ קאַפּעטשקע, וואָלט ער גענומען צום מויל,—אַלאַ נישט, איז נישט.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ „גיכטערן").

— יאָגן זיך נאָכן ביסל בראָנפּן, זוכן, פּאַרען, איינלייגן די וועלט, אַקערן די ערד—דאָס איז ביי מיר נישטאָ. איז פאַראַן דאָס קאַפּעטשקע—נעמט מען צום מויל, אַלאַ נישט—איז גוט אָן דעם. פון מיינעטיוועגן האָט דער גאַנצער מין בראָנפּן נישט גע-מעגט באַשאַפן ווערן.

אָט וועל איך אייך דערציילן, וועט איר הערן.

דאָ אַנומלט בין איך געקומען אַ היים אַביסל שפּעטלעך, שוין געווען נאָך איינס. דאָס ווייב, די קינדער, די שטוב-גויע — אַלע שוין געשלאָפן, ווי געהרגעטע. האָב איך מיך אַריינ-געגנבעט אין שטוב אַריין, ווי אַ גנב, דאָס ווייב זאָל, חלילה, זיך נישט אויפכאַפּן. וואָרום מיין ווייב, דאַרפט איהר וויסן זיין, איז אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער. שאַ-שטיל טו איך מיך אויס און לייג מיך אין בעט אַריין.

ליג איך אַזוי און טראַכט און טראַכט. וועגן וואָס טראַכט איך? איך טראַכט: אַז ווען עס וואָלט געווען אַ טראָפּן שנאַפּס, וואָלט איך גענומען צום מויל, אַלאַ נישט — דאַרף מען נישט. דערמאָן איך זיך, אַז פאַרן אַוועקגיין פון שטוב האָב איך אי-בערגעלאָזט אויפן טיש אַ האַלב פלעשל. בין איך טשיקאַווע צו וויסן, וואָס איז דערמיט געוואָרן. האָב איך מיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, זיך אָנגעטון, אַרויס פון שלאָף-צימער און גענומען זוכן אַ שטיקל ליכט מיט אַ שוועבעלע.

גענומען טאַפּן, נישטערן, ביז איך האָב אַראָפּגעוואָרפן די וואַזע. נאָר אַ נס, וואָס דאָס ווייב האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט. וואָלט זי זיך אויפגעכאַפּט, וואָלט געווען ביטער. וואָרום מיין ווייב איז אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער. מיט צרות אויסגעזוכט אַ ליכט מיט אַ שוועבעלע. אָנגעצונדן דאָס ליכט, נאָר אויפן טיש איז קיין פלעשל נישטאָ. וווּ זשע איז עס? אין שאַפע. שטייט זי זיך דאָרט די ממזרטע הינטערן גלאָז-טירל און ווינקט צו מיר מיט אַן אויגעלע, ווי איינער זאָגט: אָט בין איך! נאָר די שאַפע איז פאַרשלאָסן. צו אַלדע רוחות! און די שליסעלעך זענען ביים ווייב. און מיין ווייב איז אַ פרוי מיט אַ כאַראַקטער. מאַך עפּעס.

מילא, איז נישט געפידלט. וואָלט די שאַפע געווען אָפן, וואָלט איך גענומען אַ קאַפּעטשקע, אלא נישט, בין איך אויך נישט בדלות.

נעם איך און גיי מיר צוריק, אין טו זיך אויס און לייג זיך צוריק אין בעט אַריין. איך טראַכט וועגן דעם האַלבן פלעשל. און דערמאָן זיך, אַז ווען איך קריג, למשל, אַ דרעטל, מאַך איך דערפון אַ „וויטרע" און עפן אַזוי-אַרום אויף די שאַפע און באַקום אַרויס דאָס האַלבע פלעשל.

שטיי איך ווידער אויף, גנבע ביי מיין ווייב פון טישל אַ האָר-שפּילקע, בויג עס אויס, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און פרוּוו דערמיט עפענען די שאַפע, דריי איך אַזוי מיטן דרעטל אַהין און אַהער, ביז איך האָב איבערגעדרייט דאָס שלעסל.

מילא, נישט—איז נישט. וואָלט איך צוגעקומען צום פלעשל, וואָלט איך גענומען צום מויל, אלא נישט, איז נישט.

הויב איך אָן אַרומצוקוקן די שאַפע פון אַלע זייטן, באַטראַכטן און באַטאַפּן זי און דערזע, אַז מען קאָן יאָ צוקומען אינווייניק אַריין. דהינו: מען זאָל די שאַפע אָפּרוקן פון וואַנט, אַרויסנעמען פון דעם הינטערשטן ווענטל אַ ברעטל, דעמאָלט וועט מען קאָנען אַרויסקריגן דאָס האַלבע פלעשל אַזוי גרינג, ממש ווי אַ ביסן ברויט אויפצועסן.

האָב איך גענומען רוקן די שאַפע—בוך! די גאַנצע שאַפע

פֿאַלט אום מיט אַזאַ בראַזשג און דונער, ווי דאָס גאַנצע הויף וואָלט איינגעפֿאַלן פֿון אַן ערדציטערניש. די שויבן צופֿליגן אויף ברעקלעך, דאָס גאַנצע גלאָזוואַרג, צוזאַמען מיטן האַלבן פֿלעשל, ווי איז מיר, צומישט, צובראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך. אַ מהומה, אַ ליאַרם. דאָס ווייב מיט די קינדער — אַלע זיך אויפֿגעכאַפּט, נישט טויט, נישט לעבעדיק.

— וואָס איז, געשען?!... וואָס קריכסטו דאָ אַרום? אין מיטן נאַכט ווער האָט עס אומגעוואָרפֿן די שאַפֿע?!

דאָס ווייב שרייט געוואַלטן, די קינדער צושראָקן אויף טויט און איך פֿאַרענטפֿער זיך: „וואָס בין איך שולדיק? געגאַנגען פֿאַרביי, פֿאַרטשעפּעט זיך און אומגעוואָרפֿן”.

— אומגעוואָרפֿן! ליימענער גולם! אומגעלומפּערטע בריאה!—און די אַלע שערבלעך און שברי־כּלים פֿליִען מיר אין קאָפּ אַריין.

נאָר מילא, פֿאַרפֿאַלן. צובראָכן—צובראָכן. גאַנץ וועט עס שוין נישט ווערן. די מהומה האָט זיך איינגעשטילט. זיך באַרויִקט, דער עולם איז געגאַנגען שלאָפֿן.

דערלעבט, אַז דאָס ווייב איז איינגעשלאָפֿן, בין איך מיר ווידעראַמאָל אויפֿגעשטאַנען און אַוועק אין קיך, צו דער שטוב־גויע. צו וואָס באַדאַרף איך די אַלטע גויע? גאָרנישט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אונטן ביי נפתּלי דעם שענקער קאָן מען קריגן דאָס ביסעלע שנאַפּס. ווייל איך זי, די שטוב גויע, אַהין שיקן.

הויב איך אָן וועקן די שטוב־גויע, שלאָפֿט זי ווי אַ גע־הרגעטע. אַ פּעפּערין אַ גויע. נישט געהערט אַפֿילו די גאַנצע מהומה מיט דער שאַפֿע. מסתּמא זיך גוט אָנגעהאָרעוועט פֿאַר אַ גאַנצן טאָג. סוף כּל סוף זי דערוועקט.

— זאָל סטעפֿאַ אַראָפּגיין צו נפֿתּלי דעם שיינקער און ברענגען אַ פלעשעלע, איך וועל שוין וויסן ווי סטעפֿאַן צו באַדאַנקן...

און נעם און דערלאַנג איר אַ פּעטע מטבע.

איז די שטוב־גויע אויפֿגעשטאַנען, זיך אָנגעטון און אַראָפּ געגאַנגען צו נפתּלי דעם שיינקער.

אראפגעגאנגען, ארויפגעקומען — געארגישט. נישטא קיין בראנפן. באשר, מען שלאפט שוין ביי נפתלי דעם שיינקער.

— עך, סטעפא, סטעפא! — זאג איך צו דער גויע און מאך דערביי אזא רחמנות־פנים, אז אפילו די גויע איז געווארן גע־רירט, איך וואלט שווערן, אז מיר זענען געשטאנען טרערן אין די אויגן — און אז מען שלאפט איז וואס? קלאפט מען אן. א קליין קלעפעלע אין לאדן און יוצא. ער וועט שוין אויפשטיין, דער שיינקער און ער וועט געבן. דער עיקר, זאל סטעפא זען, קיין פאליציי זאל נישט זיין דערביי, מחמת, מען קאן נאך מאכן א פראטאקאל. און נעם און דערלאנג איר אריין נאך א גרע־סערע מטבע אין האנט.

די אלטיטשקע קרימט זיך, ווארטשעט: „נישט קיין טאג, נישט קיין נאכט". זי גייט פונדעסטוועגן אראפ און קומט ווידער צוריק מיט געארגישט. אויפגעוועקט, נישטא קיין בראנפן, נישטא.

מילא, נישטא איז נישטא. וואלט געווען א קאפעטשקע, וואלט איך גענומען צום מויל, נישט — דארף מען נישט.

נאר שיקן די גויע צו וואלענטי דעם סטרוזש פון מאנא־פאל־ברייזל אין אזא וועטער איז נישט כדאי. ס'איז דאך א צער בעל־חיים, אפילו א הונט ארויסצולאזן אין אזא וועטער אויף דער גאס. הגם ביי וואלענטי דעם סטרוזש פון מאנאפאל־ברייזל מוז זיך געפינען א געשמוגלט פלעשל, אבער גיי שיק א מענטש אזא מהלך אזש הינטער דער ראגאטקע.

האב איך גענומען דעם שירם מיט די טיפע קאלאשן און זיך געלאזט אליין גיין. אין א גוט וועטער דויערט אזא שטיק וועג דריי פערטל שעה. איצט אבער, אין אזא שליכאטע און אין אזא חשכות, וועט עס דויערן מסתמא א שעה מיט א האלבע.

ארויסגעגנבעט זיך פון שטוב קיינער זאל נישט הערן און געלאזט אפן די טיר הינטער זיך.

געווען אביסל שווערלעך צו גיין. מחמת אנשטאט צו גיין מיטן שליאך בין איך פארקראכן צום ציגל־זאוואד און האב געמוזט גיין דורך די גריבער. און די גריבער זענען פול מיט

וואַסער און לײַם. קוים מיטן לעבן אַרויס, אָבער איך האָב גוב׳ געװען דעם שווערן וועג און בין צוגעקומען צום מאַנאָפּאָל, צו וואַלענטיס כאַטע. ערשט ברעכט דאָרט פּלוצלונג אויס אַ געבײ־לעריי פון הינט, אַזש אַ שרעק! אפשר אַ טשאַטע פון הונדערט הינט־רוצחים האָט זיך אַ לאָז געטון צו מיר גרייט מיך צוצורייס, אויף פּיצלעך. גיי ווער זיך בלויז מיט איין שירם, האָב איך גענומען פּאָכען מיטן שירם, האָט ער זיך, דער שירם, אויסגע־דרייט אויף דער לינקער זייט. האָב איך זיך געלאָזט לויפן צוריק און דאָ איז פינסטער חושך, טאַקע ווי מ׳זאָגט: ווי ביי אַ יעגער אין בויך צוועלף אַ זייגער בײַנאַכט סוף חודש, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ טאָפּ שוואַרצע ציקאָריע.

בין איך אַזוי געלאָפן, ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אָן אַ פּלויט. אַריבערגעכאַפּט זיך איבערן פּלויט און אָפּגעריסן זיך אַ פּאָלע. איך האָב זיך אָבער דערפילט שוין אַביסל זיכערער. איך האָב אַרויסגעריסן פון פּלויט אַ דראָנג און זיך געלאָזט אַנטקייגן די הינט. האָב איך אַזוי לאַנג געקעמפט מיט די כּלבים, מיט מסירת נפש ביז איך בין צוגעקומען צום סאַמע וואַלענטיס הייזל.

אָנגעקלאַפּט — מען שלאָפט. קלאַפּ איך שטאַרקער: פּאַניע וואַלענטי! פּאַניע וואַלענטי! וואַלענטי שלאָפט ווי אַ געהרגעטער. קלאַפּ איך נאָך שטאַרקער. מען הערט נישט. הויב אויף מיין דראָנג, וואָס איך האָב אַרויסגעריסן פון פּלויט און מיט וועלכן איך האָב מנצח געווען די הינט און דערלאַנג מיט אים אַ קליין זעצל אין לאָדן. הערט מען אַלץ נישט. ווער איך אין כּעס און דערלאַנג אַזאַ זעץ מיטן דראָנג ביז עס דערלאַנגט אַ קראַך און אַ בראַזשג און דאָס גאַנצע פענסטער צושפּרינגט אויף ברעקלעך און עס לויפט אַרויס וואַלענטי מיט זיין גאַנץ הויזגעזינט מיט אַ געוואַלט:

— עס ברענט! עס ברענט!!

— פּאַניע וואַלענטי—זאָג איך—עס ברענט נישט, נאָר איך בין געקומען צו אייך, איר זאָלט רחמנות האָבן און מיר אָפּלאָזן אַ פלעשעלע פון דעם ביטערן טראָפּן. איר האָט זיכער ביי זיך

אַזאַ איינס... איין פלעשעלע... כאַטש אַ האַלבס... הגם איך קען אויסקומען אָן דעם. פון מיינעטוועגן האָט דער גאַנצער מין בראָנפן געמעגט נישט זיין אויף דער וועלט.

ווערט ער, וואַלענטי, אָנגעצונדן און לויפט און כאַפט אַ האַק, ער וויל מיך ממיתן אויפן אָרט, האָב איך זיך געלאָזט לויפן. איך לויף און די הינט נאָך מיר.

אַ צובלוטיקטער, אַ צושעדיקטער בין איך געקומען מיטן פרימאָרגן גלייך אַ היים. און דאָ האָב איך אָנגעטראָפן ווידער אַ מהומה. דאָס ווייב האָט געשריגן און געבראָכן די הענט. די קינדער האָבן געוויינט. שכנים האָבן געטומלט. מען האָט אונז באַגנבעט. איך האָב געלאָזט אָפן די טיר, האָט מען אונז באַגנבעט.

איך בין נישט להוט נאָכן ביטערן טראָפן. איז פאַראַן אַ קאַפעטשקע, נעם איך צום מויל, אלא נישט — איז איך נישט קיין אומגליק. נכע!

פּעטש!...

גיז וואָס? איהר וואונדערט זיך, ווער האָט דאָס מיך אַזוי צושלאָגען? וואָס איך בין זוי פֿערבאַנדאַזשירט און אַרומגעבונדען ווי נאָך אַ פּאָגראָם? כ'מיין, גאָר גאָרנישט. דאָס וועט זיי קיינעם ניט געשענקט ווערען, איך וועל מיך מיט זיי שוין רעכענען אויף דער וועלט. וואָס דען? פֿערשווייגען זיי? אָ ניין, דאָס טו איך נים. איך בין ניט קיין פֿערשווייגער. איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ ספּיצליווער. ביי מיר, אַז מען ריהרט מיר אָן מיין הינער —איז פּעטש און ווייטער גאָרנישט! אויף חיים דעם פּאַפּיראָסניק האָב איך שוין אָנגעגעבען אַ פּאַפּיר און שמואל ליאָטע, דער געמאַראַנירטער הערינג, וועט שוין ביי מיר אויך פֿערשוואַרצט ווערען אין די הויכע פּלעקער און אָרען דעם הימעלקוקער וועל איך גלאַט געבען פּעטש, פּשוט פּעטש, אַז די אויגען וועלען איהם פֿליהען פֿון קאָפּ. זאָל איך נאָר אַ ביסעל צו־זיך קומען און אראָבוואַרפֿען פֿון זיך דעם גאַנצען כאַלאַמיד.ר באַנדאַזשען מיט די פּלאַסטער...

ווען האָט מען מיך צושלאָגען, פֿרעגט איהר? וואָס הייסט ווען? און וואָס הייסט־מען האָט מיך געשלגען? און

וואו בין א י ך געוועזן? איך האָב געשוויגען? „אי מאָי קולאַק ניע דוראַק"! וואָרום איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ יוד אַ כעסן, אַ ספּיצליווע.ר און האָב פּיינט פערשווייגען. ביי מיר, אַז מען טרעט מיר אָן מיין כּבוד, מיין האָנער—איז פּעטש! און ווייטער גאָרנישט!

דעם בייל אויפ׳ן שטערען ווער האָט מיר געמאַכט? הע, זיך דערמאָנט. דאָס האָב איך געקריגען נאָך דעם אַנדערען טאָג ראש־השנה אין שול, איבער׳ן מפטיר.

דעם אַנדערען טאָג ראש־השנה איז מ י י ן מפטיר, מיין חזקה. דאָס ווייסט, דאַכט זיך, די גאַנצע וועלט. אַי וואָס? מיר האָבען אַ פּאַרך אַ גבאי, וואָס וויל דווקא פערקויפען דעם מפטיר? כען דאַרף, זאָגט ער די שוהל אַרומצועהען; עס געהט צו ווינטער און הינ׳לץ דאַרף מען קויפען,— איז מילא, אַז מען דאַרף, דאַרף מען, און אַז מען פערקויפט, בין איך אויך אַ קונה. און אַז מען באָט, באָט איך אויך, און שטייג—10 גילדיין, 15 גילדיין, 20 גילדיין, 40 גילדיין, 50 גילדיין. דאַכט זיך, געבונג? שאַ, עמיץ האָט שוין אריינגעשמיסען אין אַ מאה אַריין. ציגעבאָמקעט, צוגעקלאַפּט, פערקויפט. ווער איז? היים לאָטוסניק! ווער איך אַנ׳אויפגעקאָכטער און עס צינדט זיך מיר אָן דער כּח הדם און איך גיב אַ זאָג צום גבאי: „ר׳ טוביה, איהר זענט אַ פּאַרך! חיימקע דער גנב קען מעהר נישט ווי אָנבאָטען, אָבער אַז עס קומט צו צאָהלען, גיט ער אייך אָט אַ דאָס! אַ סך קאָסט איהם די שוהל? פּעטש זענט איהר ווערט, פּעטש!..." ווערט דאָך מסתמא אַ מהומה און עס הויבען אָן פליהען פּעטש און עס פליהען מחזורים איבער די קעפּ. כאַפּט חיים און שלעפּט אַ שטיקעל פּאַרענץ פון בימה, כאַפּ איך אַ פיסעל פון אַ בענקעל. כאַפּט ער און שלעפּט ביי מיר אַרויס דאָס פיסעל און גיט מיר איבער׳ן קאָפּ. אַ חכם! מיט אַהילצערנע פיסעל שלאָגען זיך! דיין מזל, אַניט וואָלט ער זיך פון מיר שוין נישט געגאָרט! איך וואָלט איהם ווייזען, ווער איך בין! וואָס דען? שווייגען וועל איך? אָ, ניין! גיט אַזאַ מענש בין איך! איך בין אַ מענש מיט האָנאָר און אַז מען ריהרט מיר אָן דעם האָנאָר—איז פּעטש, פּעטש און ווייטער גאָר נישט!

און צוּ די באָק, וואָס איז אָנגעשוואָלען, און די שטיקעל באָרד, וואָס פעהלט, דאָס איז „נאַפּליעוואַט“. דאָס האָב איך געכאַפּט דעם אנדערן טאָג סוכּות, פון מיין שכן, שלום דעם מיסאָנזשניק. מאָלט אייך, ער האָט ביי מיר אויך געכאַפּט די גוטע פּעטש. אַ פאַרך קען: פערנעהמען די סוכּה טאָג אין טאָג ביז אין אָוונט אריין און איך מיט מיין „סעמייסטווע“ זאָל דאַרפען הונגערן, הונגערן אַ גאַנצען יום-טוב!

וואָס בין איך וואָס? אַנ׳איינגעבעטענער גאַסט? דאַכט זיך, אַז אויף דער סוכּה האָב איך געהאָרעוועט פּונקט ווי דו און פאַר די סכך האָב א י ך בעצאָהלט, ניט דו!

איז וואָס-זשע טו איך? דאַווען איך אָב ותיקין און פערנעהם די סוכּה און זאָל ער שוין איצט וואַרטען מיט זיין צקר ביז׳ן אָוועגד אַריין. וואָס-זשע טוט ער? שיקט ער אַרויס זיין בן-יחיד, ער זאָל שפּייען אין סוכּה, ווען איך זיץ און עס, וואַרפען שטיינער, קלאַפּען אין וואַנט... וואָס-זשע טו איך? לויף איך מסתמא אַרויס און כאַפּ זיין בן-יחיד און דרעה איהם מסתמא גוט אָן פאַר׳ן אויער, כאַפּט ער מיר, דער ממזר, פאַר׳ן באָרד און פליקט מיר אויס אַ האַלבע באָרד. לאָז איך איהם אַראָב אַ פּאַטש, איינעם און דעם אַנדערן. דערהערט דאָס זיין טאַטקע, און פליהט צוּרויס מיט אַ רציחה און גיט מיר אַ זעץ מיט׳ן קולאַק אָט דאָ, גלייך אונטער׳ן אויער; וויל איך דאָך מסתמא איהם אַראָבלאָזען דעם גוטען פּאָטש, לויפט ער צוריק אין סוכּה אריין, און כאַפּט אַ גאָפּעל און וויל מיך פשוט שטעכען. אַנדערש ניט, נאָר שטעכען! אַ נס, דער הויף האָט זיך אַריינגעכּישט און מען האָט אונז פונאַנדערגענומען; זיין טריפה׳נער מזל! אַ-יט, וואָלט ער שוין פון מיר געכאַפּט די אמת׳ע פּעטש, וואָרום איך בין אַ יוד, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ כּ־ס׳ן, אַ ספּיליציוועה און אַז מען ט־עט מיר אָן כּיין האָנאָר, איז פּעטש און ווייטער גאָר נישט!

און אָט דעם בלויען צייכען אונטער׳ן אויג? דאָס האָב איך געקראָגען צו ה פּ׳ת.

ווי רעכענט איהר? אַ יוד, וואָס האָט „אַ שטאָדט“ אין שוהל און די שוהל קאָסט מיר אָב בלוט און אייטער, טאַקי ווי דעם

שענסטען בעל־הבית: דן צו די קערות, הן פּנר עליות הן, אזוי אַ וואָכער, בעדאַרף איך האָבען אַנ'הקפה, צי ניין? מילא, אתה הראית — ווי אַתה הראית, אָבער אַנ'הקפה! ניין! איך וואַרט די ערשטע הקפה, די צווייטע, די דריטע, די פערטע, — עס זידט אין מיר דאָס בלוט, עס קאָכט אין מיר ווי אין אַ קעסעל: מען איז, אַפּניט, בעלנים אָבצולעגען מיין הקפה אויף מאָרגען פריה. עס כל הנערים. ע־ע! ביי מיר געהען אַזעלכע שטוקעס ניט אָן. איך דאַרף פיינט שוויגען, וואָרום איך בין, דאַרפט איהר וויסען זיין, אַ יוד מיט האָנאָר, און אַז מען פערטשעפּעט מיר מיין האָנאָר, פליהען שוין פעטש ווי האָלץ!

ווייטער, אָט אָ דעם סיניאַק אויפ'ן באַק האָב איך געכאַפּט שמחת־תורה ביי טאָג... גלאַט מענשען שלאָגען זיך מיט פלעקער און מיט העלצערנע איבער'ן קאָפּ. וואָס איז מיין קאָפּ פון שטיין, פון אייזען? מאָלט אייך, מיין שוואָגעריק האָט פון מיר אויך געכאַפּט דעם אמת'ן פּאַטש, אַז די ציינער זענען איהם פון מויל געפלויגען; אָבער גלאַט, קומען מיט אַ חברה קצבים און אָנפאַלען אויף איינעם!

פאַרוואָס? ווייל איך האָב איהם מיט מיין שוועסטער, זיין ווייב, הייסט דאָס אַרויסגעזעצט פון אונזער ירושה־שטיבעלע, קלייבט ער, מיין שוואָגעריק, הייסט דאָס, אויף מיר האַרץ.

שוין יאָהרען לאַנג, אַז מיר סודיען זיך; אַלע ווילע, ווי איהר זעהט, געשלעג, פּאַפּירען, משפּטים. ס'איז אויף דעם געסיל פּ׳עהליך מיט אונזער ירושה. מסתמא האָב איך אויסגעפיהרט, וואָרום דער זאַקאָן איז אויף מיין זייט, דאָס וועט אייך אפילו זאָגען לוי־יצחק דער אַדוואָקאַט אויך, און אַז איהר וועט זעהן די צוואה, וועט איהר אויך זעהן, אַז איך בין גערעכט.

בין איך מסתמא געקומען דאָ פאַר יום־טוב מיט דעם „סודעבנעם פּריסטאַוו" און האָב זיי אַרויסגעזעצט... ניש'קשה, פאַר דעם פּריסטאַוו אין די אויגען וועסטו מיר גאָרנישט טון. אַזאַס! וואָס דען — שמחת־תורה איז ער דאָס, מיין שוואָגעריק, געקומען אָברעכענען זיך מיט מיר. חכמים, אַלע אויף מיר איינעם. זאָל ער אָ־אָרשט, מיין שוואָגעריק, פּרובען איינער אַליין, וואָלט איך איהם שוין

ווייזען, וואָס הייסט שלאָגען זיך. ער וואָלט געכאַפּט אַזעלכע פּעטש, אַז פונקען וואָלטען געפלויגען, אויף טויט וואָלט איך איהם צופּאַטשט. וואָרום אַזאַ מענש בין איך. און אַז מען ריהרט מיך אָן, פליהען שוין פּעטש ווי שפּענער, און ווייטער גאָרנישט.

נאָר אָט דעם רעכטען קלאַפּ איז נאָך האָב איך געכאַפּט היינטיגען שבת בראשית, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די טאָרגעס פון הכנסת התורה, הוצאת התורה, הגבהה און גלילה, שטעהן מיט'ן „טייטעל" וכדומה.

גאָרנישט, ס'איז הפקר-פּעטרישע געווען, וואָס מען האָט געוואָלט, האָט מען געטון! און וואו בין א י ך? איך האָב עפּעס אַ דעה, צי ניט? נאָר אַז מענשען שלאָגען זיך מיט שטענדערס, איז דאָך ניט שייך... נאָר גאָרנישט, איך וועל זיך שוין מיט זיי אָפּרעכענען, זאָל איך נאָר אַ ביסעל צו-זיך קומען. אַי וואָס, מען האָט די שול פער'חתמ'עט? — איז מילא. וועלען מיר זיך טרעפען ערגעץ אַנדערש-וואו. איהר וועט נאָך זעהן, סאַראַ פּעטש עס וועלען פליהען! די אמת'ע, פייערדיגע כפול-שמונה'דיגע פּעטש, אַז באַק-ציינער וועלען טר עשצען! אָט וואָס!

גע֫מאַכט ס'געשעפֿט.

אין וואַגאָן.

אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן מיט אַן אונטערגעשוירן, עטוואָס גרוילעך בערדל, אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, קענטיק—אַ סוחר, צי סתם אַזוי אַ ייִד, וואָס דרייט זיך אַרום מסחר, איז געזעסן און האָט איינגעטענהט און איינגעקנעלט מיט עפּעס אַ יונגנמאַן, אַביסל יונגער, דאַרער, אויך אין אַ קאַפּעלוש, נאָר אַ ווייכן, אַ קאָרטענעם מיט אַראָפּגעלאָזטע ברעגן פֿון פאָרנט און פֿאַרריסן פֿון הינטן; אין פּענסנע אויף אַ דאַרער נאָז, אָנגעבינדן אויף אַ שוואַרצער ברייטער טאַשמע, וואָס האָט זיך געבאָמבלט איבער זיין פּנים און פֿאַרדעקט אַ האַלבע באַק.

דער יונגערמאַן האָט זיך איינגעהערט מיט קאָפּ, וואָס דער ייִד האָט אין אים אַריינגערעדט, בעת מעשה געהאַלטן אַ באָטיךביכל אין האַנט און מיט גרויס נייגעריקייט אַהין אַריינגעשריבן און פֿאַרצייכנט.

— איר פֿאַרשטייט?—האָט דער ערשטער ייִד גערעדט מיט היץ, געמאַכט מיט די הענט און מיט אַלע רמ"ח אברים, געשלעפּט דעם יונגנמאַן ביי די קנעפּלעך און געריסן ביי די לאַצן — איר פֿאַרשטייט? אַ מסחר צו אַ מסחר איז נישט גלייך. נאָר דאָס איז אַ מסחר פֿון מסחר=לאַנד, אַ גאָלדן געשעפֿטל, אַ פּרימאַ! אמת, נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס עס שיינט, עס קאָן זיין — אַ פליך. נאָר דאָסמאָל איז עס טאַקע גאָלד ממש! איך וועל אייך זאָגן: איך בין נישט קיין אין להעשיר. איך האָב ניט ליב צו גיין גיך און רייסן שיך. נאָר דאָסמאָל מוז מען זיך אַ קוועטש טון, אָנגורטן די לענדן און אַריינכאַפּן דאָס געשעפֿטל, ווארום כאַפּן מיר נישט אַריין באַצייטנס, איז—ביום ההוא אבדר

„שטאַנייסאַוו״, קאָן מען בלייבן אָן אונטערהויזן, מחילה. בפרט נאָך, אַז איך האָב שוין דעם פּאַרטיקן בעל־דבר, וואָס וועט עס ביי אונז פּאַרצוקערן, און וועט אָפּסילוקן דעם אמתן ריוח 80 טויזנט מאַרק במזומנים. איר ווייסט, אפנים, וואָס הייסט ענגלישע זאַוויעסעס? געפּאָלירטע? אָנהויבנדיק פון 98־ער ביז 65־ער, דאָס איז דאָך פּימפּער לגפן!... און צו די קעלבערנע מאַגנס וועלן מיר אויך די באָבעס ירושה נישט דערלייגן: געפּאַקט, פראַנקאָ וואַרשע. 75 פּראָצענט פּרנסה מיד לידו!... און קויפן קאָן מען עס פאַר חי סערעבראָם... דערפאַר זאָג איך: צוגעבאָמקעט צוגע־פּאַטשט און אַ גוטן טאָג מיט דער נאַקרישקע. ווי זאָגט איר: חצי שלי וחצי שלך אין געמאַכט אַן עסק! אַ יאָ, געמאַכט?

— וואָס געמאַכט? — פרעגט דער יונגערמאַן, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון נאָטיץ־ביכל און אויסשטעלנדיק אויף דעם ייִדן אַ פּאָר אויגן־גלעזער.

— וואָס הייסט? ס׳געשעפט געמאַכט!

— וואָסער געשעפט? — ווונדערט זיך דער יונגערמאַן, פאַר־ריכטנדיק די פּענסנע אויף דער דאַרער נאָז.

— אָט דאָס געשעפט מיט די ענגלישע זאַוויעסעס און די קעלבערנע מאַגנס.

— וואָס האָב איך צו טון מיט ענגלישע זאַוויעסעס און קעלבערנע מאַגנס? — ווונדערט זיך דער יונגערמאַן און פאַרריכט ווידער די פּענסנע אויף דער דאַרער נאָז.

— וואָס דען האָט איר פאַרשריבן אין אייער ביכל אַריין? איר האָט דאָך עפּעס פאַרשריבן, פאַרצייכנט, וואָס האָט איר דאָרט פאַרשריבן?

— וואָס הייסט, וואָס איך האָב פאַרשריבן? איך האָב פאַרשריבן ווערטלעך. אייערע ווערטלעך האָב איך פאַרשריבן.

— וואָס פאַר אַ ווערטלעך האָט איר פאַרשריבן? וועלכע ווערטלעך?

— אייערע ווערטלעך, אייער סאָרט רעדן, אייער רעדנס־אַרט.

— טאָ צו וואָס דאַרף מען עס פאַרשרייבן? און אויפן

וואָרט גלויבט איר מיר נישט. איך בין שוין ב״ה אַן אַלטער סוחר יעדער וועט אייך זאָגן, אַז מיינס אַ וואָרט איז אַ חאָרט און אַ הבטחה איז אַן הבטחה און אַז איך זאָג, אַז די ענגלישע זאַוויעסעס מיט די קעלבערנע מאָגנס איז אַ סחורה און מען קאָן דערביי נתעשר ווערן, ווייס איך וואָס איך זאָג און איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— ווייס איך וואָס, אַז איך רעד גאָרנישט וועגן די ענגלישע זאַוויעסעס און די קעלבערנע מאָגנס. עס האַנדלט זיך גאָר נישט אום דעם. עס האַנדלט זיך אום אייערע ווערטלעך, איר פאַרשטייט?

— וואָס פאַר אַ ווערטלעך? רבונו של עולם, וועלכע ווערטלעך?!

— אָט טאַקע אייערע ווערטלעך, פון אייער רעדעכץ. איר רעדט, אָן עין הרע אַזוי שיין, אַזוי זאַפטיק, אַזוי בילדלעך, אַז עס איז אַ מחיה צו הערן. היינט אייערע גלייכווערטלעך, וואָס איר וואַרפט דורך. דאָס איז דאָך גאָלד מיט זילבער.

— האָט איר געהערט אַביסל? ווערטלעך גאָר? וואָס פאַר ווערטלעך און וואָס פאַר אַ זאַפט און וואָס פאַר אַ בילדער? איך רעד אים וועגן זאַוויעסעס און קעלבערנע מאָגנס און ער רעדט מיר מיט זאַפט און בילדער. איך רעד אים געשעפט און ער וועגן גלייכווערטלעך. וואָס איז דאָס עפּעס? איר נעמט אַן עלטערן ייִדן אַ סוחר און מאַכט פון אים חוזק! איר נעמט מיך אויף דער העצקע!

— אָט—אָט! איין רגע, איך וועל פאַרשרייבן דאָס לעצטע וואָרט, ווי האָט איר געזאָגט? „נעמען אויף דער העצקע”. וואָס איז דאָס, אַ ליטווישער אויסדרוק, צי אַ וואָלינער... אַ פּראַכטפולער אויסדרוק!

דער ייִד פון די זאַוויעסעס מיט די קעלבערנע מאָגנס גיבט אַ פאָר גרויסע קיילעכדיקע אויגן, פאָכעט מיט די נאָזלעכער און וויל שיער אויסברעכן אין אַ ירגזון, נאָר דער יונגערמאַן באַרויִקט אים:

— איך וועל אייך ערקלערן. איך בין פאַרשטייט איר מיך,

אַ ייִד, וואָס גיט זיך אָפּ מיט פֿאָלקלאָר. דאָס איז מיין באַ־שעפֿטיקונג. דערמיט פֿאַרנעם איך מיך.

— אַזוי? הייסט עס, אַז איר האַנדלט נישט מיט קיין ענגלישע זאַוויעסעס און נישט מיט קיין קעלבערנע מאַגנס, נאָר מיט—ווי הייסט עס ביי אייך?

— פֿאָלקלאָר!

— פֿאָלקלאָר. איז וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מסחר, אָט דער דאָזיקער פֿאָלקלאָר און מיט וואָס עסט מען עס? אדרבא, דער־ציילט מיר אויך, איך האָב דאָך וועגן מיינע סחורות אייך דערציילט, טאָ מאַכט מיר אויך קלאָר, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין סחורה אַזאַ אָט דאָס — ווי זאָגט איר?

— פֿאָלקלאָר.

— פֿאָלקלאָר. ציִ איז דאָס אַ מלחמה־סחורה אַזאַ? מחמת פֿאַר דער מלחמה האָב איך עפּעס וועגן דער דאָזיקער סחורה גאָרנישט געהערט. און ציִ קאָן מען בכלל פֿון דעם כאַפּן אַ פֿאַרדינסטל, ביי דער דאָזיקער סחורה? אדרבא, פֿריִער האָב איך אייך דערציילט, איצט דערציילט איר מיר, לאָמיר הערן.

דער סוחרישער ייִד מאַכט זיך גרייט איינצוהערן און דער יונגערמאַן דערקלערט.

— פֿאַרשטייט איר מיך, פֿאָלקלאָר, דאָס איז נישט קיין סחורה. דאָס הייסט, אַז מען וויל — איז עס ווי אַ סחורה, נאָך אפֿשר אַ העכערע סחורה פֿון אַלע סחורות, נאָר דאָך איז עס נישט פֿון דעם מין סחורה, וואָס איר מיינט. פֿאָלקלאָר — דאָס איז אַזאַ מין שטודיום, אַזאַ מין פֿאָרשעניש, אַ זוכעניש און אַ זאַמלעניש. אַ זאַמלעניש פֿון די פֿאָלקסטימלעכקייטן, פֿון די טיפֿענישן פֿון די אוצרות פֿון פֿאָלק. האָט איר פֿאַרשטאַנען.

— זאָל איך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע, אויב איך פֿאַרשטיי אַ האַלב וואָרט, וואָס איר רעדט. רעדט דבורים! ט׳איר געהערט אַ לשון.

— טאָ וועל איך אייך ערקלערן גענויער: אָט בין איך, למשל, אַ פֿאָלקלאָריסט, איך גיב זיך אָן מיט זאַמלענישן, איך זאַמל, איך קלויב, איך זאַמל לידלעך, ווערטלעך, שפּריכווערטער,

אַלערליי רעדנס־אַרטן, פֿאָלקסטימלעכע אויסדריקן, שפּראַך־ווענ־דונגען... אָט איר, למשל, אַז איר רעדט, רעדט איר זייער בילדלעך, זאַפֿטיק. איר וואַרפֿט דורך מיט אַלערליי ווערטלעך, זאָלצט־צו מיט שפּריכווערטלעך און באַפֿעפֿערט עס מיט אַזעלכע פֿאָלקסטימלעכע פֿאַרגלייכונגען, אַז עס איז ממש אַן אוצר פֿון אייך צו שעפּן ממש ווי פֿון אַ פֿאָלקס־ווּל. איר רעדט און איך קלויב אויס אָט די אַלע דאָזיקע ווערטלעך און פֿאַרצייכן עס אין מיין נאָטיץ־ביכל.

— הייסט עס, אַז איר האָט גאָר נישט פֿאַרשריבן די ענגלישע זאַוויעסעס מיט די קעלבערנע מאָגנס, מיט די מקחים, נאָר גאָר עפּעס אַנדערש?

— אָט־אָט־אָט!

— מיין רעדעכץ איז פֿול, זאָגט איר, מיט אַלערליי אַנ־טיקלעך. און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, ס׳אַראַ אוצרות עס ליגן אין מיין רעדעכץ. אָוואַ!

— געוויס. גאָלע פּערל! אָט גיט נאָר אויף טשיקאַוועס אַ קוק אָט דאָ אין ביכל אַריין, וועט איר זען. אָט שטייט פֿאַר־שריבן אייער „פּימפּער לגפֿן", אַ גלענצנד וואָרט. און אָט איז אייערס: „אַ גוטן טאָג מיט דער נאַקרישקע" און אָט האָט איר: „ביום ההוא עבדו שטאַנייסאָוו". דאָס אַלץ איז גאָלע אַנטיקן.

— איז וואָס, אַ שטייגער, מאַכט איר מיט די דאָזיקע אַנטיקן?

— איך קלייב דאָס צוזאַמען און לאָז עס אָפּדרוקן אין אַ ביכל.

— וועט איר דעם „פּימפּער לגפֿן" אויך אָפּדרוקן?

— יאָ.

— און דעם: „אַ גוטן טאָג מיט דער נאַקרישקע"?

— אויך.

— און פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס קויפֿן דאָס דאָזיקע ביכל?

— פֿאַראַן, פֿאַראַן אַזעלכע.

— אָוואַ! הייסט עס, אַז עס איז דאָך אַ געשעפֿט. טאָ בעט איך אייך, פֿאַרגעסט נישט אָן מיר. עפּעס האָב איך דאָך

אין דעם אויף אַ חלק. וואָס נישט? ס'איז דאָך מיין סחורה. בעט איך אייך, איר זאָלט מיך נישט אָפּפרייערן. וואָרום איך וועל מיך נישט לאָזן. איך בין נישט מחויב צו ליפערן אייך סחורה אומזיסט! איר הערט און איר זאָלט זען די סחורה נישט פֿאַרמאַכליעווען תיכף ומיד. אַזוי גלייך, ווי איר וועט פֿון דער דאָזיקער סחורה עפּעס אויסלייזן, זאָלט איר מיר גלייך צושיקן מיין חלק ריוח. געמאַכט?

— געמאַכט.

— נו, טאָ נאַט אייך מיין אַדרעס און האָט מיר אַ גוטן שוין מיין סטאַנציע. דאָ מוז איך אַראָפּ.

ווי אזוי מען האָט מיך דערקענט.

אַנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט — בילדער, פאָטאָגראַפיעס, פאָרטרעטן וכדומה.

איך רעד וועגן אונזערע יידישע בילדער רעד איך, וועגן די בילדער פון גרויסע מענטשן, שרייבער און כלל־טוער, וואָס ווערן געדרוקט און אַרויסגעגעבן פון אונזערע פאַרלעגער אין אַלערליי ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן, אַלבאָמען, אַלמאַנאַכן און פאָסט־קאַרטן, וואָס זענען ממש צו באַוואונדערן מיט זייער ענלעכקייט און פינקטלעכקייט.

אָט נעמט, למשל, מיך. איך האָב שוין אויך זוכה געווען, אַז איך זאָל זיין אָפּגעפּאָרטרעטלט אין אַ נייעם בוך — אַזאַ מין כרעסטאָמאַטיע, פון די גרעסטע שאַפונגען מיט די בילדער פון די גרעסטע שריפטשטעלער, דענקער און דיכטער, ווי, למשל, יונה פון פינטשעוו מיט זיין באַריִמט ליד „דער עירב תבשילין", וואָס איז געווען געדרוקט אין פינטשעווער וואָכנבלאַט „דער פינטשעווער ווידער־קול". דאָרט געפינט איר אויך דאָס באַריִמטע בילד פון חאַצקל ביטערזאַלץ פון סלאָנים מיט זיין ליד, וואָס ער האָט געשריבן ספּעציעל לכבוד „צום גדליהו", דאָס ליד הייסט: „איך וויל נישט עסן!" ווייטער געפינט איר דאָרט דאָס בילד פון שמש פון חברה „זוקף כפופים" משה־אליה דער בדחן, דער סופליער פון זאַגלעמביער טרופּע און נאָך און נאָך אַזעלכע בילדער, ובתוכם בין איך אויך, איך אייער קנעכט. עכט און פינקטלעך, ממש, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

אויף וויפיל איך בין ענלעך צו מיין בילד און אויף וויפיל דאָס בילד איז ענלעך צו מיר, גיי איך אייך דאָ דערציילן אַ קליינעם פאַקט, אַרויסגעכאַפּט פון סאַמע לעבן.

ויהי היום באַקום איך אַ בריוו פון ק"ק שמאַראָווידלאָוויטש פון דער „חברה צו שטיצן די אומגליקלעכע מענער, וואָס די ווייבער האָבן זיי אַוועקגעוואָרפן מיט עופהלעך אויף די הענט". מען שרייבט מיר אַז הות ווי דאָס שטעטל מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, מיט דער אינטעליגענץ האָבן זיך פאַרבענקט נאָך מיין „גייסטיגע שפייזע", מיט וועלכער איך שפייז אַלע שטעדט און שטעדטלעך, די גאַנצע מענטשנהייט און אַפילו די פראָווינץ, זאָל איך מוחל זיין קומען אַהין מיט מיין גייסטיקער שפייז און געבן זיי אויך אַביסל פון מיין „גייסטיקע שפייזע".

הכלל, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אונטערהאַנדלונגען, מיט אַ דינגעניש, ביז מיר זענען מושווה געוואָרן און איך האָב מיט מזל איינגעשטימט צו קומען מיט מיין „גייסטיקער שפייזע" קיין שמאַראָווידלאָווקע צו געבן אַ פאָרלעזונג לטובת דער „חברה צו שטיצן די אומגליקלעכע מענער, וואָס זענען פאַרלאָזן פון זייערע ווייבער מיט קליינע קינדער אויף די הענט".

און דאָס איז ידוע, אַז עס קומט „אַ קראַפט" אין אַ שטאָדט אויף אַ קאָנצערט אָדער אויף אַ פאָרלעזונג וכדומה, לטובת אַ וועלכער עס איז געזעלשאַפט, איז מער ווי אַ יושר, אַז די פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפט אָדער די אָרגאַניזירער פון אָוונט זאָלן פאָרן מיט אַ דעפּוטאַציע צום וואָקזאַל, באַגעגענען דעם גרויסן גאַסט.

און דאָ זענען די אָרגאַניזירער געקומען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט.

וואָרום נישט קוקנדיק אויף מיין גרויסער באַרימטקייט און פּאָפּולאַריטעט אויף דער גאַנצער וועלט און אפילו אין דער פראָווינץ, ווייסט דאָך קיין איין לעבעדיקער ילוד אשה פון דער שטאָדט שמאַראָווידלאָוויטש ווי אַזוי איך זע אויס און וואָס פאַר אַ פּרצוף איך האָב. טאָ ווי אַזוי, אַ שטייגער, וועלן זיי וויסן וועמען צו באַגעגענען אויפן וואָקזאַל און וועמען „אָפּצוהאָלן"?

האָבן די אונטערנעמער געמאַכט אַן אויסעראָרדנטלעכע

זיצונג זיך צו באַראַטן, וואָס צו טון און ווי אַזוי זיך צו געבן אַן עצה אין דער דאָזיקער פּאַרוויקלטער פּראַגע.

האָט מען געטראַכט און געטראַכט ביז מען האָט געפונען אַן עצה.

היות, ווי עס איז באַוואוסט, אַז עס איז נישט לאַנג אַרויס אַ געוויסע כרעסטאָמאַטיע פון יידישע גדולים, דענקער און דיכטער מיט פּאָרטרעטן און בילדער און מיין פּאָרטרעט איז אויך בתוכם, לכן זאָל מען אויסשרייבן די דאָזיקע כרעסטאָמאַטיע, און מען זאָל זעצן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך גוט איינקוקן אין מיין בילד און געננוי אויסשטודירן מיין פּנים מיט מיין גאַנצן אויסזען און אַזוי־אַרום וועט מען מיך תיכף דערקענען ביי מיין אָנקומען אויף דער סטאַציע שמאַראָווידלאָוויטש און מען וועט וויסן וועמען „אָפּצוהאַלטן".

האָט מען אַזוי געטון. מען האָט געזעצט אַ קאָמיסיע פון עטלעכע פּאַרשוין סאַמע פּאַלקענער, וואָס האָבן אַ ידיעה אין חכמת הפּרצוף. קודם־כל דעם פאָטאָגראַף פון שטעדטל, וואָס האָט דאָס מענטשלעכע פּנים אַזוי אויסגעשטודירט, אַז ער וועט אייך לויט די געזיכטס־ליניען גלייך זאָגן דעם כאַראַקטער און דעם מהות פון דעם גאַנצן מענטשן. דער צווייטער פּאַרשוין איז געווען דער קאַליגראַף הער פּאָטשעראַק, וואָס האָט אַ שטאַרקע ידיעה אין גראַפאָלאָגיע (וואָס פּאַר אַ שייכות גראַפאָלאָגיע האָט צו דעם ענין—איז באַוואוסט בלויז די מיטגלידער פון דער באַראַטונג), דערנאָך איז אין דער קאָמיסיע אויך אַריין דער באַוווסטער טרעפער און כיוראָמאַנט פון שטאָט ה׳ גימפּל, וואָס פאַרשטייט זיך זייער גוט אויף חכמת היד און חכמת הפּרצוף. מיט איין וואָרט, אַלץ אַזעלכע פאַך־מענטשן, וואָס זענען זייער נוצלעך אין דעם דאָזיקן ענין.

איז די דאָזיקע קאָמיסיע געזעסן דריי טעג מיט דריי נעכט און געשטודירט מיין פּאָרטרעט אין דער דאָזיקער כרעסטאָמאַטיע. און אַז מען האָט גוט און גרונדלעך אויסגעשטודירט מיין פּרצוף מיט אַלע זיינע געזיכטסצוגן און כאַראַקטער־שטריכן, מימיק און אויסדרוק, האָט זיך די קאָמיסיע אין דער באַ־

שטימטער צייט געלאָזט פאָרן צו דער סטאַציע מיך צו באַגעגענען.

איך בין געקומען צופאָרן אויף דער סטאַציע סמאַראָווידי־לאָוויטש, אַראָפּ אויפן פּעראָן און געבליבן שטיין מיט מיין וואַליזקע, אין וועלכער איך פיר מיט זיך מיין סורדוט מיט דעם ווייסן קאָלנער מיט די כּתבים, געשטאַנען און שטאַרק אַרויסגע־קוקט אויף אַ דעפּוטאַציע מיט אַ פייערלעכער באַגעגעניש. נאָר קיין שום דעפּוטאַציע האָב איך נישט באַגעגנט. איך האָב בלויז געזען, ווי דריי פאַרשוינען זענען הענדום־פענדום געלאָפן צום לאָקאָמאָטיוו צו און מיט גרויס שמחה און פרייד גערופן צום הייצער:

— פאַניע טונקעלער, פאַניע טונקעלער—האָבן זיי געשריען— מיר האָבן אייך דערקענט. ברוך הבא! ברוך הבא! דאָס זענט איר דאָך אונזער „קראַפּט", וואָס דאַרף ביי אונז היינט אַרויס־טרעטן. מיר זענען געקומען אייך באַגעגענען! מיר האָבן דעם כּבוד, מיר האָבן די ערע!

דער הייצער, אַ גוי מיט אַ ברייט שוואַרץ־באַוואַקסן פּנים, ענלעך צו אַ באַרשט וואָס מען פראָטירט פּאָדלאָגעס האָט וואַר־שיינלעך געמיינט, אַז די חבֿרה מאַכט פון אים חוזק, האָט ער גענומען אין אַרויסגעלאָזן אויף זיי די גאַנצע פּאַרע, וואָס איז געווען אין קעסל פון לאָקאָמאָטיוו מיט אַזאַ ירגזון און שיפעריי, אַז די חבֿרה דעפּוטאַטן האָבן זיך דערשראָקן אימת־מות און זיך געלאָזן לויפן צוריק.

לויפנדיק פאַרביי אַ שוואַרצן וואַגאָן מיט גראַטעס, אויף די פענסטער, אין וועלכן מען האָט געפירט שווערע אַרעסטאַנטן, זענען די יונגעלייט צוגעפאַלן צו אַ פענסטערל, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט אַ האַלב־אָפּגעגאָלטער קאָפּ מיט אַ פּנים, וואָס דערמאָנט שטאַרק דאָראָשעוויטשעס קאַטאָרגע־טיפּן אָדער לאָמבראָזאָס פאַרברעכער־רעצידיוויסטן: אַ קורצער פאַרוואַקסענער שטערן, שפּיציק גרינע אויגעלעך, רימענע יוכט־באַקן, גראָבע ליפּן און קרומע ציין.

אויך צו דעם פאַרשוין זענען די יונגעלייט צוגעפאַלן מיט דעמזעלבן נוסח.

— אַך, פאַניע טונקעלער, פאַניע טונקעלער! מען האָט אונז געשיקט נאָך אייך פון אונזער געזעלשאַפט. מיר זענען

געקומען אייך צו באַגעגענען. קומט מיט אונז! מיר האָבן שוין באַשטעלט אַ דראָזשקע.

די סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַוואַכט דעם וואַגאָן, האָבן אַ פּנים געמיינט, אַז דאָס איז אַן איבערפאַל, און אַז די יונגע־לייט האָבן בדעה צו באַפרייען די אַרעסטאַנטן פון געפאַנצערטן וואַגאָן, האָבן זיי גענומען שיסן און זיך געוואָרפן אויף זיי מיט די קאָלבעס. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה.

אַ נס, די באַן־זשאַנדאַרמעריע האָט זיך באַצייטנס אַריינ־געמישט און עס איז נישט געקומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג.

ווען דער צוג איז אַוועק און עס האָט זיך אַביסל באַרויקט, בין איך צוגעגאַנגען צו די מבולבלדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן, און זיך געווענדעט צו זיי כּהי לשנא:

— דאָס בין איך, די „קראַפט", וואָס דאַרף ביי אייך היינט אַרויסטרעטן אויפן אָוונט מיט גייסטיקע „שפּייזע". איך, און נישט קיין אַנדערער. איר קאָנט מיך פירן אין שטאָט אַריין.

די יונגעלייט האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרלאָרן און מיט גרויס חשד. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן בשתיקה אַרויסגענו־מען אַ בוך און אַהין אַריינגעקוקט. דאָס האָבן זיי געהאַלטן די כרעסטאָמאַטיע און זיך איינגעקוקט אויף מיין בילד. דערנאָך האָבן זיי ווידער געקוקט אויף מיר, און אַזוי עטלעכע מאָל: אַ קוק אויף מיר און אַ קוק אין בוך, אַ קוק אין בוך און אַ קוק אויף מיר, ביז זיי זענען געקומען צו דער טיפסטער איי־בערצייגונג אַז לא היה ולא נברא: נישט איך בין טונקעלער און נישט איך בין די קראַפט פאַרן היינטיקן אָוונט. מיט איין וואָרט—„אַ סאַמאָזוואַניעץ".

דער נס איז געווען, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיך מיין פּאַספּאָרט, האָב איך זיי געוויזן מיין פּאַספּאָרט, אַ מעטריקע, צוויי לעגיטימאַציעס, אַ מאַטריקולע, אַ קאָרעספּאָנדענץ־קאַרטע פון מיין רעדאַקציע, אַ וויזיט־קאַרטע, אַ מיטגלידס־קאַרטע פון ליטעראַטן־פאַריין און סתם עטלעכע בריוו מיט קאָנווערטן, וואָס זענען געווען אַדרעסירט צו מיר און דאַן ערשט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז איך בין איך, דערזעלבער, נישט קיין אַנדערער און מען האָט מיך געפירט מיט פאַראַד אין שטאָט אַריין.